# פּאַמפּאַדור

דער לעבעדיגער

U.C. BERKELEY LIBRARIES
C008902148

MIRIAM & LEON
MELTZER —

Grinman, Chaim, 1887-

Pompadur

מתנה פון ... 1954-55

צייכנונגען פון קארל האופטמאן

E184
J5G85
1918
MAIN

Copyright, 1918
by
H. GUTMAN

6978579-3



וועגן אונמעגליכע מעגליכקייטן.

אלץ איז מעגליך דאָ ביי אונז אויף דער איסט־סייד, זאָגט פּאַמפּאַדור.

ווייסטו מיין פריינד פון עפּעס וואָס דאָ איז אונמעגליך?

אונמעגליכקייט — דאָס איז דער הויכער בארג פון פּאָעזיע וואָס גרייכט אין די וואָלקענס.

אונמעגליכקייט — דאָס איז דער געהיימער נשמה־ציטער פאר דאָס אונבעגרענצטע, פאר דאָס אונבעקאנטע.

אונמעגליכקייט — דאָס איז די אריסטאָקראטיע פון גייסט.

און צו וואס דארף מען עס אין דיעזען לאַנד פון מעגליכקייטען?

מעגליכקייט — דאָס איז די דעמאָקראטיע פון געפיהלען.

מעגליכקייט — דאָס איז דער קייזער־טראָהן פאר חוצפה און עם־הארצות.

מעגליכקייט — דאָס איז די אלטעגליכע קרוינונג פון טאַלאנטלאָזיגקייט.

מעגליכקייט — דאָס איז „די פאָלקס־שטימע" פון אונזערע צייטונגען.

און ווארום זאָל דאָ טאקע ניט זיין אלץ מעגליך, מיין פריינד?

איסט־סייד, איך הויב פאר דיר מיין אלטען פערשווארצטען זומער־הוט! נאָר ביי דיר איז מעגליך, אז דער יעניגער וואָס האָט נעבטען געשניטען וואארע מיט א שעהר אין שאפּ, זאָל מאָרגען שניידען מאנוסקריפּטען אין א רעדאקציע!

נאָר ביי דיר איז מעגליך, אז א בייטש־אויפהייבער און פערד

ערמוטהיגער פון היינט — זאָל זיין א כלל־טהוער, טאָן־געבער און פאָלקס־פיהרער פון מאָרגען. נאָר ביי דיר איז מעגליך, אַז יעדער שטיוועל־פוצער זאָל זיין א קריטיקער און יעדער ארבעס־פערקויפער — א פאָליטיקער!

איך זאָג, אז אומזיסט האָט גאָט דעם מענשען׳ס קאָפּ בעציערט מיט א מארך און טאַלאנט — ווער דארף עס דאָ?

מאך אלץ מעגליך, מיין פריינד, און דו וועסט האָבען ער־פאָלג!

האָב קיין מורא ניט פאר די קליין־קעפּיגע מענשלאך וואָס שרייען: „אז יעדער מוז פערנעהמען זיין פּלאץ, אז טאלאנט איז א געטליכער געשאנק און ניט יעדער קען עס בעזיצען, און אז אכ־טען מוז מען גאָר דעם וואָס בעזיצט עס“. — לאך פון זיי!

רוק דיך איבעראל און דו וועסט אנערקענט ווערען איבע־ראל!

שליס די אויגען און מאך דעם דאָלאר פאר דיין פיהרער, וואָ־רום נאָר ער איז דער גאָט פון אנערקענונג און פון אלע מעגליכע מעגליכקייטען.

מאך מעגליך דאָס אונמעגליכע, און דו וועסט מעגליך מא־כען דעם קומען פון דעם נייעם מענשען.

אזוי האָט גערעדט פּאמפּאדור.

וועגען אנערקענען זיך אליין.

פריהער פון אלץ, פריינד מיינער, אנערקען זיך אליין, זאָגט פּאמפּאדור.

אנערקענען זיך אליין — הייסט דורכשניידען זיך אליין א וועג אין לעבען.

אנערקענען זיך אליין — הייסט עפענען פאר זיך אליין ברייט און שטאָלץ די פערשלאָסענע טהיר פון ערפאָלג.

ווען צו דעם וואָס האָט מורא זיך אליין צו אנערקענען, וואָס ציטערט פאַר זעלבסט־איבערשאצונג, ווי אַן אָרימאַן פאַר איבערשטאָפּונג.

שאַץ דיך אפּריהער אליין אָפּ, מיין פריינד, בעשטים פריהער אליין דיין ווערטה, קלעפּ אָן פריהער אליין דעם יאַרליק פון דיין עהרע, דעם לייבעל פון דיין טאַלאַנט און אנדערע וועלען עם דיר אויך נאָכטהאָן.

איך האָב ליעב די שטאָלצע און די מוטהיגע!

וואָס איז א צווייטענס שלעכטע מיינונג, ווען זי געהט נאָר נעגען דיין גוטער מיינונג? אויב ניט מעהר ווי א שפּיי אין ארעסטאַנט!

וואָס איז פרעמדע ניט אנערקענונג, אויב זי געהט נאָר געגען דיין זעלבסט־אנערקענונג אויב ניט מעהר ווי א קנעפּעל פון א צעריסענע העמד, אין א וואַש־הויז!

פּאַמפּאַדור קען פיעלע לייטע, כלל־טהוער, פּאָליטיקער, שרייבער, פּרעדיגער, לעקטשורער און רעדעל־פיהרער וואָס האָבען גענאָהאַט גענוג שכל זיך אליין צו אנערקענען, און זיי שפּיעלען א ראָליע ביי אונז און פייפען אויף פּרינציפּען, עהרליכקייט, טאַלאַנט און יושר.

ווילסטו ווערען א לעקטשורער? אנערקען פריהער אַז דו ביזט א לעקטשורער — און דו ווערסט עס!

ווילסטו ווערען א כלל־טהוער, א דעה־זאָגער? זאָג אַז דו ביזט עס — און דו ווערסט עס!

טאַלאַנט איז א שפּיעל פאַר גרינגע פון יענער זייט ים.

ריכטיגע אָבשאַצונג — איז אַ נאַרישע געוואוינהייט פון בלינדע צוויי פיסיגע, וואָס זעהן ניט די שעהנקייט פון דעם דאָלאַר.

איך האָב ליעב די איסט־סייד — ווייל זי גענאָסעוועט און כלל־ישראל'עוועט מיט מענשען, אייגענע בייכעל־קלאַפּער און תורה אויפרופער.

איהר רופט זיי דעמאַגאָגען — נאַראָנים וואָס איהר זייט!—

העלדען זיינען זיי, קעמפפער! — וואס טרעטען זיך אליין אויס א וועג צום צוקונפטס־מענש.

גער אליין און דו וועסט דערגרייכען א סוף!

אזוי האט גערעדט פאמפאדור.

ווענען ימים־טובים און עסען.

דער גרעסטער יום־טוב אין אמעריקא איז דאס עסען — זאגט פאמפאדור.

עס — און דו וועסט געניסען פון עונג יום־טוב!

שוטים זיינען געווען די גרינדער פון רעליגיאנען, וואס האבען גאנצע וואכען מיט געזעצע געשריבען פאר ימים טובים. —

די בעסטע גאראנטי פאר די אויספיהרבארקייט פון א יום־טוב איז דער מאגען!

פון דעם יום־טוב פון עסען האלט יעדער איינער!

שיק דיין בליק איבער דער איסט־סייד, זעה ווי שעהן און טריי מען האלט דא ימים־טובים!

אנטינאציאנאליסטען, מארקסיסטען, אנארכיסטען, טעמע־ניסטען, אינטערנאציאנאליסטען און טאגעבלאט'טיסטען — אלע, אלע זיינען מקיים די מצוה פון עסען!

א וואויל לאנד איז אמעריקא:

קיין מלחמה פון עלטערען מיט קינדער ביי'ן טיש.

פרעג דעם קצב און דעם קרעמער און זיי וועלען דיר ענטדע־קען דעם סוד פון ערהאלטונג פון דאס יודענטהום אין גלות.

פאמפאדור האלט זעהר פיעל פון עסען!

אזוי האט גערעדט פאמפאדור.

ווענען סעמעטערי און לעבען.

לעבען איז דא שלעכט, זאגט פאמפאדור.

לעבען לאזט מען דיך דא אויפ'ן עקסידענטס־בעראטה.

אבער שטארבען — דערפאר שטארבען איז דא א חיות.

קיין לאנד אויף דער וועלט גיט ניט איהרע איינוואוינער אזעל־כע גוטע קאנדיציאנען צו שטארבען.

דאס גאנצע אמעריקאניש־אידישעם אימיגראנטען לעבען— איז איין גרויסע סעמעטערי.

אונזער גאנצער קהל'שער טומלען זיך איז איין ריזיגע שטיק „קרקע".

ברייטהערציג זיינען דא אונזערע אידעלעך.

יעדער איז אימער גרייט דיך צו בעגראבען, צו אויסזוכען פאר דיר א שטיקעל פלאץ און בעזארגען דיין לעבלאזען קערפער.

אוי די קרקע־גוטסקייט און די סעמעטערי־ברייטווילינקייט ווי זי ווארימט מיין נשמה!

יעדע סאסייעטי האט דא קרקע און קריעגט זיך פאר קרקע.

יעדער מעמבער־מענש האט דא קרקע און קריגט זיך פאר קרקע.

דאס קראנקען־בענעפיט — דאס איז בלויז דער אריינגאנג צום סעמעטערי.

די אינשורענס־פאליסים — דאס זיינען בלויז די אנזאגער פון בית־עולם־גליק.

די אמבולאנסען און די האספיטעלער, דאס זיינען בלויז די שדכנים און צוזאמענברענגער פון קרקע־ליעבע.

די פעראיין־דאקטוירים — דאס זיינען בלויז די לאקייען ביי דער פרינצעסין סעמעטערי.

אוי דאס שטארבען, ווי גוט עס איז איינגעארדענט דא.

אוואו איז אונזער לעבען? פרעגט פאמפאדור.

דאס לעבען אויסער דער סעמעטערי?

די בלוט־אינטערעסען אויסער די טויט־אינטערעסען?

זאגט מיר, פריינד מיינע, וואס האט איהר געטהאן מיט'ן לעבען דא?

בילליג! בילליג! רופט דא יעדע סעמעטערי ביזנעס!

אידעלאך! קרקע בילליג און גוט פאר א מציאה! קויפט פלאטס, ק..פט!

און דער מסחר מיט סעמעטערי וואקסט, בליהט און שטעהט שוין ביי יעצטיגען טאג פיעל בעסער ווי די הערינג ביזנעס און קלאדהינג־ביזנעס...

אוי די ביזנעס מיט'ן טויט, ווי ס'ווארימט מיין נשמה! דאס גאנצע לאדזשען, קאנגרעגיישאן, חברות און סאסייעטי לעבען איז א מסחר מיט צוקינפטיגע טויטע מעמבערס. פלאטס, לאטס בע־סערע און נאך בעסערע סעקשאנס — דאס איז די אויביגע טהע־טיגקייט פון אונזערע אימיגראנטען. יעדע סאסייעטי קויפט פלאטס און ווארט ביז זיי וועלען שטייגען אין זייער טויטען־ווערטה.

וואס גרעסער דער לאדזש און די קאנגרעגיישאן אלץ גרעסער איז איהר סעמעטערי.

נעהמט אוועק די דיסקוסיאנען און מחלוקת וועגען סעמע־טערי, מצבות און אינשורענס פון אונזערע לאדזשען און סאסייע־טי מיטינגען, און עס בלייבט גאר נישט מיט גאר נישט...

תלמידים! לעבט ווייט פון דער איסט־סייד, פעראכטעט זי, נאר שטארבען קומט אהער.

דא איז דער בעסטער פלאץ צו שטארבען.

אזוי האט גערעדט פאמפאדור.

וועגען מארשירען אין די גאסען און תכלית.

און פאמפאדור איז ארויס אויף דער איסט־סייד דעם טאג פון ערשטען מאי און ער האט זיך א פערטרוימטער צווישען די מאסען געשטעלט און ער האט געזעהן: —

לאנגע טונקעלע גאסען און איבער די גאסען ציהען זיך מייד־לאך פון פערשיעדענע עלטערס, זיי ציהען זיך מיט קעפ פעררייסענע מיט אויגען פינקעלדיגע מיט הענט שטאלץ געהויבענע און אין די הענט באנק־ביכלאך.

און איבער זייערע קעפ שוועבט דער תכלית און פון זייערע אויגען גלאצט ארויס דער תכלית און אלע זייערע בעוועגונגען

רערען: „נעהמט אונז ארויס פון שאפ"...

און די באנק־ביכלאך אין זייערע הענט בעוועגען זיך ווי לע־בעדיגע וועזענס, טאנצען אנקעגען דער פריהלינג־זון און פלאפלען פון ציפערען...

און א הילכיגע שטימע האט זיך צו פאמפאדור'ס אויערען דערטראגען:

בחורים פון „טענעמענטס!" קומט נעהמט אונזערע באנק־ביכלאך...

בחורים פון „טענעמענטס!" מיר לעבצען נאך רוה...

און די מארשירענדע מאסען האבען געענטפערט מיט א שטור־רעמדיגען געשריי — הורא פאר די באנק־ביכלאך, הורא!...

און פאמפאדור האט גארנישט געזאגט און איז אוועק א טרויעריגער אהיים.

ווענען יובילעאום'ס און יובילארען.

און די תלמידים האבען איינמאל געטראפען פאמפאדורען, ערהאלטענדיג אן איינלאדונג צו פייערען א יובילעאום פון א בעריהמטען שריפטשטעלער. און די תלמידים האבען געפרעגט פאמפאדור'ן, ווען וועט ער שוין אויך זיין א יובילאר?

און פאמפאדור האט א שמייכעל געטהאן און אזוי געזאגט:

תלמידים! איך וויל נאך לעבען! און וואס איז א יובילעאום קאמיטע, אויב ניט א חברה קדישה? און וואס איז א יובילאר אויב ניט א בר מנן אין שווארצען?

פאמפאדור האלט ניט פון יובילעאומס, ניט פון פינף און צוואנציג יעהרליכע, און ניט פון פופציג יעהרליכע.

פייערען א יובילעאום — הייסט, מאכען א סך הכל פון דער גאנצער טהעטיגקייט און צו וואס פיהרען זיך צו באנקראט?

פייערען א יובילעאום — הייסט, אויסהערען שבחים און

לויב־געזאנגען פאר אייער פערגאנגענהייט. און וואס זיינען שבחים און לויב־געזאנגען אויב ניט פריהצייטיגע הספדים?

פייערען א יובילעאום — הייסט, אויסהערען אבשאצונגען וועגען זיך און שטעלען פרייזען אויף אייערע פעהיגקייטען, גע־פיהלען און געדאנקען. און צו וואס מאכען פון אייער נשמה א ליציטאציע?

פאמפאדור האלט פון אייביג יונג זיין, פון אייביג שעפפע־ריש זיין, און א יובילעאום איז אן אטעסטאט, אז איהר זייט שוין אלט, אויסגעשפיעלט און איהר מעגט זיך אפטראגען.

און דערהויפט, האט פאמפאדור ניט ליעב די יובילעאום־פיי־ערונגען פון אונזער גאס.

א יובילעאום אויף אונזער גאס הייסט דאס זעלבע, וואס פראווען א בר־מצוה צערעמאניע.

מען פראוועט עס פאר יעדען זכר.

ווייל ביי אונז איז א יובילאר א וואכעדיגער טיטול, און יע־דער איינער קען עס לייכט קריגען, ווי מען קריגט א צלם׳ל אין צייט פון מלחמה.

ווייל ביי אונז שטעלט מען צוזאמען א יובילעאום׳ס־קאמיטע א סך שנעלער ווי די „עלייעם" שטעלען צוזאמען ארמעען.

ווייל ביי אונז איז א יובילעאום־פייערונג שוין באלד קיין עהרע ניט.

ווייל אן עהרע וואלט עס געווען, ווען מען מאכט עס איינעם אין א דור, אבער ביי אונז מאכט מען יובילעאומס צו יעדען איי־נעם. עס מאכט ניט אויס, האט דער איינער געדראשען שטרוי א האלבען יאהרהונדערט, צי האט ער געקליבען פערל, עס איז קיין נפקא מינה ניט, צי האט דער איינער געשאפען מיט בלוט, צי האט ער געגאסען וואסער...

אלע, אלע קריגען ביי אונז יובילעאומס!

דער עיקר, תלמידים מיינע, זוכט מען ביי אונז יום־טובים׳לאך אום אויסצופילען די פוסטקייט פון דער נשמה און אום צו פער־טרייבען די נודאטע.

און די ימים־טובים׳לאך האבען אויך געקענט זיין לוויות...

נאר וואס טהוט מען אז די גרויסע מענשען ווילען ניט שטארבען, און א לויה־יום־טוב'ל מאכט זיך איינמאל אין א שמיטה.

און פאמפאדור האט זיך אויף א ווייל פערטראכט און ווייטער גערעדט:

תלמידים! ווען איך בין א אידישער יובּיליאר, וואלט איך אנטלאפען פון שטאדט לכל הפחות א מאנאט פאר'ן יובילעאום און צוויי מאנאטען נאכ'ן יובילעאום.

ווייל ווייסט איהר, וויפיעל א יובּיליאר דארף ביי אונז אויסשטעהן פון זיינע פייניגער!

האט איהר גאר א בעגריעף וויפיעל נארישע רייד עס ווערען געווארפען איהם אין פנים אריין? און וויפיעל מיאוסע וויצען עס ווערען דערביי אויף איהם געזאגט אין דער שטיל?

זייט איהר אמאל געוועזן ביי א יובילעאום פייערונג?

האט אייך די צערעמאניע ניט אויסגעקוקט ווי אן איבערבלייבעניש פון דער אמאליגער שפאנישער אינקוויזיציע?

האט ניט פון יעדער רעדע ארויסגעקלונגען די גרויס־אינקוויזיטארישע ארבייט פון די רעדנער?

פאמפאדור האט אויף זיין לעבען שוין בייגעוואהנט א סך יובּילעאום־פייערונגען, געזעהען א סך יובּיליארען, און ער זאגט, אז ער האט נאך קיינמאל ניט געזעהען א מענשען אויסקוקען געפּייניגטער ווי א יובּיליאר אויף דער ביהנע.

א חתן אונטער דער חופּה איז דאך אויך א מארטירער, אבער ער געהט לכל הפחות ערשט לעבען און עס איז אפשר דא פאר וואס אויסצושטעהען יסורים. אבער א יובּיליאר בלייבט נאך דער פייערונג ערשט נעהענטער צום טויט. און צו וואס די אומזיסטע פייניגונג?

תלמידים! פאמפאדור וויל ניט קיין יובּילעאום.

פאמפאדור'ס עהרע — איז וואס ווייטער פון עולם.

פאמפאדור'ס יובּילעאום־קאמיטע — איז ער אליין.

ווען פאמפאדור איז א יובּיליאר, וואלט ער אזוי געזאגט צו זיין פערעהרער און יובּילעאום־מאכער: ברידער! אויב איהר שעצט

ווירקליך מיין ארבייט, בעזאָרגט מיך. אז א טאָג נאָך דער יובילעי־אום־פייערונג זאָל איך ניט שטאַרבען פון הונגער.

אז א טאָג נאָכ'ן יובילעאום זאָל איך ניט דאַרפען פערזעצען מיינע לאָרבער־קרענצע אין א לאָמבאַרד, מעג אפילו דער לאָמבאַרד זיין א רעדאַקציע פון א טעגליכער צייטונג.

פריינד! קענט איהר עס, טהוט עס! און אויב ניט, לאָזט מיך צורוה!

אזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

וועגען אפּלאָדיסמענטען און פּוסטע קעפּ.

און פּאַמפּאַדור האָט געהאַט א בענעפיט־טיקעט אין א איסט־סיידער טהעאַטער, וואו מען האָט געשפּיעלט „האָפּ־האָפּ" און די מאַסע האָט אפּלאָדירט — און צוברענט האָט זיך זיין ליעבע צו דער מאַסע, און ער האָט זיך געשטעלט אויף א שטוהל און האָט אזוי גערופען:

אַה, מאַסע, ווי ליעב איך האָב דיך! ווי שעהן ביזטו אין דער ראָלע פון אַן אבשאַצערין פון קונסט!

ווי ליעב האָב דיך, ווען דו גיסט אויס דיין גאַנצע האַרציגקייט אין אפּלאָדיסמענטען!

אפּלאָדיסמענטען — דאָס זיינען דער סך־הכל פון דעם קלינג־קלאַנג פון צוויי נאַרישע לאַפּעס וואָס בעהעפטען זיך צוזאַמען.

אפּלאָדיסמענטען — דאָס זיינען וואונדער־שעפער. ניט איין קליינעם מאַן האָבען זיי צו גרויס געמאַכט!

אפּלאָדיסמענטען — דאָס איז דער פּיעדעסטאָל פון דער גע־טין שונד!

גרויס איז די געטין פון שונד, און נאָך גרעסער — דער גאָט פון אפּלאָדיסמענטען און הורא־געשרייען!

ווען גאָט האָט בעשאַפען פּוסטע לעקטשורערס, פּורים־אַקטיאָ־

רען און מיוזיק־האָל טענצערס און האָט אזוי צוטהיילט איז דער וועלט, האָט ער זיך פערקלעהרט: מיט וואָס זיי צו בעלוינען פאר זייער געטליכע ארבייט — און ער האָט ארויסגעריסען א קנעפיל פון זיינע הויזען און א וואָרף געטהאָן אויף א שטיק לעהם — און ס'איז געבוירען געוואָרען א מענש מיט א פּוסטען קאָפּ, וואָס אפּ־לאָדירט און שרייט הורא.

אזוי האָט גערעדט פּאָמפּאדור און איז פערשוואונדען פון טהעאטער.

וועגען אַמעריקאַנעם אידישען גאָט.

און פּאָמפּאדור האָט ערב ימים נוראים געבלאָנדזשעט איבער די גאסען פון דער איסט סייד אום צו פאנגען די בליקען פון די שעהנע ערדישע טעכטער, און פּאָמפּאדור האָט געזעהן, כמעט ביי יעדער געוועזענער שטאָהל, און געוועזענעם מואווינג פּיקטשור פּלאַץ זיצען אידען מיט בערדלעך ארום טישלעך מיט אויסגעלעגטע טיקעטס און רופען די פערבייגעהער זיי זאָלען קויפען ס י ט ס. און פּאָמפּאדור איז ארייננעפאלען אין גרויס בעגייסטערונג און קומענדיג אהיים האָט ער אזוי צו זיינע תלמידים געזאָגט:

תלמידים! מיר געפעלט די אידישקייט אין אמעריקא.

און די תלמידים האָבען זיך זעהר פערוואונדערט און גע־פרעגט: ווי אזוי איז דאָס מעגליך אז פּאָמפּאדור'ן זאָל געפעלען א זאך וואָס ליגט אין מארק?

און פּאָמפּאדור האָט א שמייכעל געטהאָן און אזוי געזאָגט:

אידישקייט אין אמעריקא — הייסט, קויף א טיקעט און זעה גאָט! אידישקייט אין אמעריקא — איז א געשעפט ווי אלע גע־שעפטען און איך האָב רעספּעקט פאר געשעפטס־לייט.

אמעריקא איז א לאנד פון ביזנעס. ווילסטו אויסבעטען ביי

גאָט א גוט־יאָהר — טאַ בעצאָהל ! — דאָס איז לאָגיש און גע־שעפטסמעסיג.

ווילסטו האָבען פ ל ע ז ש ו ר און הערען א גוטען חזן — טאַ בעצאָהל ! קיין פערגניגען קריגט מען ניט אומזיסט ! — און דאָס איז קאָנסעקווענט.

איהר האַלט אודאי אז בעטען גאָט מעג יעדער איינער ? איך האַלט ניט דערפון !

בעטען דעם אמעריקאַנער גאָט, מעגען נאָר די פערמעגליכע, ווייל זייערע ביטעס פערנעהמט אויך גאָט...

דער אמעריקאַנער אידישער גאָט — איז אַן אדוואָקאַט וואָס נעהמט זיך בלויז אַן פאַר דעם וואָס בעצאָהלט.

פּאָמפּאדור'ן געפעלט אויך שטארק דאָס טיקעט־פערלעריי פאַר די טויערען פון אונזערע שוהלען און שוהלכלאַך ערב ימים נוראים.

ווייל פּאָמפּאדור פרעגט :

ווארום זאָל מען אין א וואָדעוויל הויז סענען אריינקומען נאָר פאַר געלד, און אין אמעריקאַנער גאָט'ס הויז אָהן געלד ?

און בפרט ווען די אמעריקאַנער גאָט'ס הויז איז א געוועזענע וואָדעוויל־הויז ?

פּאָמפּאדור האַלט אויך ניט פון פרייע שוהלען פאַר אַלעמען.

פּאָמפּאדור איז פאַר א פערשלאָסענער שוהל — דאָס הייסט האַלטען טהייער גאָט, ווייל, יעדע זאַך וואָס איז טהייער האַלט מען אונטער א שלאָס.

פּאָמפּאדור איז אויך פאַר א פערשלאָסענער שוהל — דאָס הייסט דערווייטערען גאָט פון אַלערליי קבצנים, וועלכע קו־מען איהם דרעהען א ספּאָדיק מיט קלייניגקייטען, און ביי גאָט דארף מען בלויז בעטען גרויסע זאַכען, ווייל בעטען ביי גאָט איז ווי לייהען א גמילות חסד, מען מוז פאָדערן א גרויסע סומע צו קריגען כאָטש עפּעס...

און מעהר פון אַלץ געפעלען פּאָמפּאדור'ן די ימים נוראים'דיגע דאַוונער אונזערע.

פּאַמפּאַדור האָט פאַר די בעסטע בעטער פון גאָט די יעניגע וואָס קומען בלויז געצעהלטע מאָל אין יאָהר אין שוהל.

קומען בלויז געצעהלטע מאָהל אין שוהל — הייסט זיין אַ גוטער געשעפטסמאַן, הייסט אַפּנאַרען גאָט, הייסט אַרויסקריגען ביי איהם אַלץ וואָס איך ווינש פאַר אַ קלייניגקייט, הייסט האַנדלען אַ באַרגיין ביי דעם הערשער פון אַלע וועלטען, און ווער האָט עס ניט ליעב קיין באַרגיינס?

קומען בלויז געצעהלטע מאָל אין שוהל — הייסט ווינציג דאַוונען און פּאַמפּאַדור האָלט זעהר פון ניט דאַוונען.

ער זאָגט: די בעסטע תפלה איז די ניט געזאָגטע, דער וואָרימסטער געבעט איז דער וואָס בלייבט אין האַרצען.

און פּאַמפּאַדור איז אַנטשוויגען געוואָרען, און די תלמידים האָבען איהם געבעטען ער זאָל נאָך עפּעס זאָגען.

און פּאַמפּאַדור האָט אַזוי געזאָגט:

תלמידים! אידישקייט אין אַמעריקאַ — איז אַ כאַריסטעקע אין אַ אידישען טהעאַטער וועלכע האָט שוין לאַנג פערגעסען איהר יוגענד.

דער אמת'ער אידישער גאָט איז ניט אין אַמעריקאַ. דעם אמת'ן אידישען גאָט, האָבען מיר, ווי טאַטע־מאַמע, אויף יענער זייט ים.

און דאָ איז אונזער גאָט, דער גאָט — „ביזנעס“.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

וועגען סטופּס און פּריוויטייפּ.

און פּאַמפּאַדור איז אַרויס אַ הונגעריגער אויף דער איסט־סייד שפּעט ביי נאַכט, האָט זיך געפונען אַ לעדיגען בריקעל און זיך געזעצט.

און לייכט איז איהם געוואָרען אויפ'ן האַרצען און ער האָט אויסגעשריען:

ווי שעהן זיינען די סטופס אין דער פרייער מדינה!

קיין לאנד פערמאגט ניט אזוינע פרעכטיגע אינסטיטוציא־גען פאר פרייהייט!

א סטופ — דאס איז די פרייהייטס־קישען פאר דעם קאפ פון דעם מיעדען וואנדערער און רוהע־זוכער.

א סטופ — דאס איז די טרעפ צום אריינגאנג אין פאלאץ פון איבער־מענשליכקייט!

ווען דו שטארבסט פון הונגער ביי טאג קענסטו זיך צוזעצען אויף א סטופ, און זיך רוהיג צוהערען צו דעם געזאנג פון דיינע לעדיגע געדערים...

ווען דו האסט ניט קיין היים אויף דער נאכט קענסטו זיך בעקוועמליך ווארפען דיין קאפ אויף׳ן סטופ, ביז א פאליסמאן וועט דיך ניט אויפוועקען.

דער סטופ — דאס איז אויך דער ארקאדיען פאר פער־ליעבטע...

אויפ׳ן סטופ פיהלט זיך יעדע מענשליכע זעעלע פרייער און היימישער...

פרעג די קעץ און זיי וועלען אייך דערצעהלען.
מיין גרעסטע אכטונג פאר די סטופס!
אזוי האט גערעדט פאמפאדור.

זשעגען יוניאן און קונסט.

און ס׳איז געוועזען אין דער צייט ווען די אידישע שרייבער זיינען ארוים אין סטרייק צוליעב דער אנערקענונג פון זייער יוניאן און פאמפאדור איז בעגייסטערט געווארען און אויסגערופען:

ס׳לעבע די יוניאן פון שרייבער!

גרויס איז די קונסט פון שרייבען אבער נאך גרעסער איז די קונסט פון מאכען א לעבען!

פעראייניגט זיך, איהר אלע פעדער־ברעכער, טינט־פערניכטער און פאפיער אויסברייגגער!

ווען איהר אלע וועט זיין פעראייניגט, וועט איהר ווענינער שרייבען; און, אז איהר וועט וועניגער שרייבען, וועט דאס פאלק ו ו ע נ י ג ע ר לעזען און מ ע ה ר דענקען...

ס'לעבע די יוניאן!

א יוניאן פון שרייבער הייסט, די אבסאלוטע פערניכטונג פון קנאה צווישען שרייבער, און קנאה איז דאס בריקעל, וואס פיהרט צום גראדען וועג פון ק ו נ ס ט און ה ו נ ג ע ר...

א יוניאן פון שרייבער הייסט, שרייבען תנאים מיט דער גע־טין פון קונסט; הייסט, טהאן א ש ד ו ך אנשטאט ל י ע ב ע.

היינט איז א וועלט פון ארבייט און דאלער־שפארעניש!

הויכע געהאלט ן קליינע שטונדען — דאס איז דער העכס־טער אידעאל פון אונזער צייט.

סטאליארעס און שרייבער, שטעלט זיך אלע אין איין שורה און קעמפפט פאר איין זאך!

האק און פען, ביגעל־אייזען און געפיהלען, שוויים און געדאנ־קען, גיט זיך די הענט און געהט אלע גלייך אין מארק!

ווי שעהן דאס איז! — רופט אוים פאמפאדור.

ניעדער מיט דער נארישער צייט, ווען שרייבער האבען גע־שלאפען אויף דער ערד און געריסען די נעזער צום הימעל; ניט גע־געסען טעג און וואכען און געוועזן זאט אויפ'ן חשבון פון גייסט.

אלעס מוז זיין וואכעדיג, איינפאך און געשעפטסמעסיג פאר דעם נייעם מענשען.

דאס פאלק פון דער צוקונפט, וויל זעהן זיינע ש ע פ פ ע ר מיט געזונטע מאגענס, רויטע באקען און בלאסע נשמות.

דאס פאלק פון דער צוקונפט וויל ניט מעהר קיין הייליגקייט, קיין קדשי־קדשים פון גייסט, קיין פרוכת איבער'ן ארון פון קונסט, ער וויל דער שרייבער זאל זיין אזוי וואכעדיג ווי ער!

פרעסע, איך דאנק דיר! נאר דו האסט אויפגעדעקט דעם שעהנעם סוד פון שאפען, ווי דו האסט אויפגעדעקט די סודות פון שלאף־צימער און די געהיימנים פון פאמיליען־לעבען און ליעבע!...

פרעסע, איך דאנק דיר! דו, ווי דער גרויס־קאפיטאל, האסט אויסגעטהאן דעם קינסטלער זיינע כהן־גדול בגדים און איהם בע־קליידט אין פראסטע ארבייטער־קליידער.

און נאך אמאל רוף איך: ס'לעבע די יוניאן!

הויכע ווייזשעס — אנשטאט הויכע געדאנקען; קורצע שטונ־דען — אנשטאט פרינציפען; א וואקינג־דעלעגאט — אנשטאט א פאלקס־אידעאל; א וועל ט ־ ט א י ם פרייז — אנשטאט פרייז־לאזע בעגייסטערונג — דאס איז, תלמידים מיינע, פיעל קלוגער, שעהנער, און דער עיקר, פראקטישער.

בענקט ניט נאך דער מוזע!

ווילט איהר וויסען וואו זי איז? א קלוגער רעדאקטאר האט זי אויפגעפרעסען, אדער זי ליעגט ערגעץ פ ע ר ז ע צ ט אין דעם ל א מ ב א ר ד פון שונד און ווארט, ביז א הונגעריגער דיכטער וועט קומען און זי אויסקויפען...

בענקט ניט נאך טאלאנט!

טאלאנט איז געווען אמאל, ווען שרייבער האבען ניט ג ע־מ א כ ט ק י י ן ל ע ב ע ן פון שרייבען.

טאלאנט איז געווען אמאל, ווען מ'האט געארבייט מיט'ן רוח־הקדש אין ה א ר צ ע ן, אנשטאט מיט א זייגער אין דער האנט...

שפייט אויפ'ן א מ א ל, תלמידים מיינע!

אמאל האט מען געמאסטען טאלאנט מיט גרויסע שעפפונגען — היינט מעסט מען עס מיט גרויסע ווייזשעס...

אמאל האט דער שרייבער געארבייט א ו מ ז י ס ט און דאס פאלק האט איהם דערפאר בעצאהלט מיט שטיינער — היינט וועט ער בלויז דארפען צ א ה ל ע ן 25 יאהר אין דער יוניאן און ער וועט זיין פערזארגט מיט א יובילעאום...

נאך אמאל, ס'לעבע די פרעסע! זי האט ארונטערגעריסען דעם געהיימען שלייער, וואס האט פערהילט דעם געטליכען גע־שטאלט פון פרינצעסין קונסט און געמאכט זי פאר א פראסטע ארבייטערין מיט א יוניאן ביכעל אין איין האנד און א באנק בי־כעל איז דער צווייטער.

דער צוקונפט־מענש איז קלוג; ער וועט שוין מעהר ניט קוקען אויף א שרייבער, ווי אויף אן אויסערגעוועהנליך וועזען, ווי אויף אן אויסערוועהלטען פון גאָט, נאָר בלויז ווי אויף א מאַן וואָס ארבייט, שוויצט, סטרייקט און קריגט ב ע צ אָ ה ל ט.

און ניט ווייט איז די צייט, זאָגט פּאַמפּאַדור, ווען א דיכטער וועט ניט וועלען קוקען אויפ'ן הימעל — ווייל ער איז ניט יוניאָניזירט...

און פּסול וועלען זיין די זון, לבנה און שטערען אין זיינע יוניאָניסטישע אויגען, ווייל זיי האָבען ניט אויף זיך קיין יוניאָן־לייבעלס...

די יוניאָן וועט בעהערשען די וועלט!...

אלע וועלען ארבייטען נאָך איין פּאַסאָן און נאָך איין שניט.

און דער וואָס וועט וועלען ש אַ פ ע ן אליין, אָהן א יוניאָן, וועט מוזען אויסקריצען זיינע ווערק אויף די שטיינער פון זיין מצבה...

„אלע גלייך! אלע גלייך! קיין יחוס זאָל ניט זיין, און קיין גאונים אודאי ניט!" — רופט דער יוניאָן גייסט.

אויב עס וועט אמאָל נאָך געבוירען ווערען א גאון, וועט מען איהם גלייך ברייננגען אין א אידישע רעדאקציע און מען וועט איהם לאָזען בלויז איין בליק טהאָן אין די אויגען פון דעם וואָקינג־דעלעגאט, און ער וועט ווערען ווי אלע...

יונגע שרייבער, ארבייט פאר דער יוניאָן!

אמאָל האָט א שרייבער געדארפט פערליערען די אויגען, קריגען א לונגען־ענטצינדונג, אום צו קריגען א נאָמען פון אן אלטען; היינט וועט דער אינגסטער פון די אינגסטע בלויז אריינטרעטען אין דער יוניאָן און ער וועט ווערען אלט, ווי דער עלטסטער פון די אלטע...

תלמידים מיינע, ווערט בעגייסטערט! ווען אייער מוזע וועט ארבייטען אָ װ ע ר ־ ט אַ י ם, וועט איהר קריגען דאָפּעלט בעצאָהלט...

שרייבער, איהר ווילט עסען? — געהט אין דער יוניאָן!

אזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור!

וועגן געסט און באַנקעטן.

ווי גוט איז צו זיין אַ גאַסט, מיין פריינד! — האָט געזאָגט פּאַמפּאַדור.

אַ גאַסט — דאָס איז אַ פרייער פּאַספּאָרט... אין דער קעניג־רייך פון עם־הארצות.

אַ גאַסט — דאָס איז דער פערגעטערונג גייסט פון קאַרליקעס.

און ווי גוט עס איז צו זיין אַ גאַסט אויף דער איסט־סייד!

און ווי שעהן מען נעהמט דיך דאָ אויף ווען דו קומסט מעבר ים!

דער עבר־לים דאָס איז אַ קרוין אויף דעם קאָפּ פון אונזערע גרולים.

האָסט ניט קיין נאָמען — וועט מען דיר געבען.

ווילסט אַ טיטעל — וועסטו קריגען פון די שעהנסטע.

אויב דיר איז ניט בעוואוסט דיין געבורטס־פּלאַץ — וועלען זיי דיר אויסזוכען.

אויב דו קענסט ניט דיינע עלטערען — וועלען זיי דיך בעקענען.

אויב ס'איז נאָך ניטאָ דער אוניווערזיטעט וואָס דו האָסט געענדיגט — וועלען זיי איהם גרינדען.

אויב דו האָסט נאָך דיין בילד ניט געזעהן — וועלען זיי דיר ווייזען.

אויב דו האָסט אַ באָרד — וועלען זיי זי בעזינגען.

אויב דיין נאָז איז לאַנג — וועלען זיי אין איהם געפינען דעם סוד פון ראָמאַנטיזם.

אויב קורץ — דער סמן פון סימוואַליזם.

אפילו אַ באַראָדאַווקע וועלען זיי בעמערקען...

צי ווייסטו פון אונזערע צייטונגס־קעפּלאַך? — צי האָסטו געהערט פון אונזערע בעגריסונגס־אבענדען און באַנקעטען? היינט אינטערוויוס.

די בעסטע לאנד פאר געסט איז אמעריקא — זאגט פאמ־פאדור. —

דיעזעס שטיקעל לאנד וואס הונגערט אזוי נאך גדולים, וואס נויגט איהר סענטיגען אקען פאר דעם גלאנץ פון דעם פליך פון א מזרח־אינגעל — וואס קושט דעם בלעבענעם קנעפעל פון א פרעמ־דען פאעטישען רעקעל. דאס שטיקעל לאנד וואס שאפט איהר איינגאהמע מיט סענסאציעס, טומעל און הוררא־געשרייען.

איך ליעב דיך, ברייט־הארציגע הכנסת אורחים'דיגע איסט־סייד!... ווי שעהן עס איז צו קוקען ווי ס'קלאפען אן יעדען טאג גדולים'לאך אין דיינע טויערן... ווי ס'בעזיינגען זיי די צייטונגען... ווי ס'ווערען פוסט די הערצער נאך זייער קומען...

אויב קיינער האט פון דיר ניט געוואוסט אין דער היים און דו ווילסט כבוד — קום צו אונז!

אזוי האט גערעדט פאמפאדור.

ווענען העברעאיש און אידיש.

און עס איז געווען אין איינעם פון די הייסע אבענדען, אין ועלכע מען קאכט זיך שטארק און מען דעבאטירט און געווייינליך האט מען זיך אויך געקאכט ווענען העברעאיש און אידיש, און פאמפאדור האט אלעמען אויסגעהערט און האט אזוי געזאגט:

תלמידים, ווי גוט עס איז צו בעלאנגען צום אידישען פאלק!

בעלאנגען צום אידישען פאלק — הייסט שטענדיג צו דע־באטירען.

בעלאנגען צום אידישען פאלק — הייסט, לכל הפחות, זיין א צוויי־שפראכען אייגענטהימער.

בעלאנגען צום אידישען פאלק — הייסט שטענדיג דע־דיג צו דעבאטירען.

ווי געקריוודעט עס זיינען די גוים: די פראנצויזען, די ענג־

לענדער, די דייטשען און די רוסען — זיי פערמאָגען בלויז יעדער איין שפּראך און האָבען ניט פאר וואָס צו קעמפּפען אין די קאפע־הייזער און די מילכיגע רעסטאָראַנען.

אוי, אונזער שפּראַכען־רייכטהום, ווי אָרעם עס מאכט אונז!

אוי, אונזער פיעל שפּראַכען קענעריי, ווי נידריג עס מאכט מיך אין מיינע אויגען!

אונזער פיעל שפּראַכען־קענעריי — דאָס איז דער גרעסטער גלות־מיקראָב וואָס פערדארבט און רואינירט אונזער קערפּער.

אונזער פיעל־שפּראַכען־קענעריי — דאָס איז א פערזיכערונג, אַז מיר ווילען אימער זיין אין דער פרעמד.

אַ פאָלק וואָס מוז קענען א סך שפּראַכען—איז א קעלנער־פאָלק, אַ לאקייען־פאָלק, א קאָמי־וואָיאַזשאָרען־פאָלק — אבער ניט קיין לעבעדיג פ א ל ק.

האָבען איין שפּראך — דאָס איז דער סימן פון נשמה גאַנצ־קייט, באָדען־פעסטקייט, און פוס־שטאַרקייט פון א פאָלק.

האָבען איין שפּראך — דאָס בעדייט, אז איך בין אליין א בעל הבית אויף זיך. אז איך דארף זיך ניט צופּאסען צו פרעמדע זיטען, אז איך קען מ א כ ע ן א ל ע ב ע ן אין דער היים. אז איך האָב א פיינע נעגענוואַרט און א גוטע צוקונפט אויסער א גלענצענדע פערגאַנגענהייט.

און פּאָמפּאַדור האָט זיך אויף א ווייַלע פערטראַכט און נאָכ־דעם ווייטער גערעדט:

תלמידים! ווי נאַריש און אומזיסט ס'איז אונזער גאַנצע מחלוקת, גאַל־עסעניש, צייט־פערטומלעניש פון אונזערע שפּראַכען־קריעגער.

העברעאיש — דאָס איז די קרוין פון אונזער יחוס־קאָפּ — זאָגען די העברעאיסטען.

אידיש — דאָס איז דער גאַרטעל אויף אונזערע גלות־לענדען— זאָגען די אידישיסטען.

ווי בטלניש! פּאָמפּאַדור אנערקענט, דאָ אין גלות, בלויז פ ר נ ס ה.

ביי פּאַמפּאַדור'ן איז דאָ ניטאָ קיין העברעאיש און קיין איד־יש פּראַגע, נאָר א פּרנסה־פּראַגע. פּאַמפּאַדור אנערקענט ביי די איצטיגע אומשטענדען אי די העברעאיסטען, אי די אידישיסטען.

פּאַמפּאַדור זאָגט צום העברעער: חבר העברעער, מאכסטו א לעבען פון העברעאיש, מעגסטו טענה'ן: העברעאיש איז אונ־זער בת יחידה, אונזער אויג אין קאָפּ, אונזער זון און אונזער לבנה.

פּאַמפּאַדור זאָגט צום אידישיסט: ברודער אידישיסט, מאכסטו א לעבען פון אידיש, מעגסטו טענה'ן: אידיש איז אונ־זער מוטער־שפּראַך, אונזער לעבענס־קוואַל, אונזער וואנדער־שטע־קען, אונזער געגענוואַרט און אונזער צוקונפט.

און צו די וואָס מאכען א לעבען פוןביידע שפּראַכען, זאָגט פּאַמפּאַדור אזוי:

פריינד, אזוי ווי איהר מאכט א לעבען פון ביידע שפּראַכען, זייט בעגייסטערט פון ביידע...

דער עיקר איז נאָר, היינט צו טאָג, דאָס לעבען מאַכעריי.

די צרה איז אבער, וואָס די מעהרסטע פון אונזערע שריי־בער און שפּראַכען־מלחמה־האַלטער, קאָנען קיין לעבען ניט מאַ־כען און קריגען זיך ארום אומזיסט. און דאָס איז שוין בטלנות.

פּאַמפּאַדור זאָגט: ווען אונזער פאָלק וואָלט געקענט און גע־וואָלט אויסער דיסקוסיאָנען, מחלוקת'ן און קאָפּע־פּלאַפּלערייען אויך שפּייזען איהרע דיסקוסיע־האַלטער וואָלט עס געמוזט האָבען א י י ן שפּראַך.

פּאַמפּאַדור זאָגט: שאַפט אָפּ אונזער אייביגען ע ל י ס־א י י ל ע נ ד ־ צושטאַנד און איהר וועט פּטור ווערען פון אונזער שפּראַכען־פּראַגע!

גיט אונזערע שרייבער און לעהרער פּרנסה בכבוד און זיי ווע־לען אַלע רעדען איין שפּראַך!

אזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

**וועגען צייטונגס־פעדלער און אידעאלען.**

איך האב ליעב די וואס פעדלען מיט צייטונגען מעהר פון די וואס גיבען ארויס די צייטונגען, האט געזאגט פאמפארדור.

א צייטונגס־פעדלער — דאס איז דער אייביג נייער צורו־פער צו נייקייטען, דער אייביג יונגער הארץ־צאפעל פאר דעם געדרוקטען ווארט, די אמת'ע יונגע שטימע פון פאלק.

א צייטונגס־פעדלער — דאס איז דער איינציגער מענש וואס וועקט די מענשען צו פערשטעהן א וועלט, וואס לאזט אפילו ניט שלאפען אין מיטען נאכט.

און די מענשען שלאפען צופיעל און געבענשט זאלען אימער זיין די יעניגע וואס וועקען.

תלמידים מיינע!

איך האב ליעב די קליינע צייטונגס־פערקויפער בעסער ווי די גרויסע אידעאלען פערקויפער.

האט איהר געזעהן א קינד לויפט מיט צייטונגען ערשט פון דרוק? מיינט איהר אז דאס איז די פעני וואס טרייבט איהם?

ניין! גרעסער פון שטרעבען צו רייך ווערען איז דער חשק. צו פלייסען זיך און געווינען מעהר צייט צו פערקויפען.

און געווינען — דאס איז לעבען. דאס איז יוגענד.

אה, ווען אונזערע לייטארטיקעל־שרייבער, דיכטער און פע־לעטאניסטען פון רעדאקציע, וואלטען פערמאגט אין זייער נשמה כאטש איין פראצענט פון דעם פייער וואס א יונגער צייטונגס־פעדלער האט ביים פערקויפען זיין צייטונג, וואלט די וועלט פול געווען מיט אידעאלען, גלויבען און שענקייט.

תלמידים מיינע, ניטא היינט קיין גרויסע נביאים, וואס דאס פאלק זאל צוהערען זייער ווארט, פערנעהמען זייער שטימע, אויף זייער פלאץ, זיינען היינט די קליינע פעדלער וואס צו זייערע אויס־געשרייען לעגט דאס פאלק נאך צו דעם אויער.

אזוי האט גערעדט פאמפארור.

און איינמאל, אום שמחת תורה, האט פאמפאדור גענומען אביסעל משקה און ער האט צו זיינע תלמידים אזוי געזאגט:

ברידער מיינע! ווייל היינט איז שמחת־תורה דארום וויל איך צו אייך רעדן וועגן קרעמער און קרעמערלאך.

ברידער מיינע! אונזער פאלק איז א פאלק פון קרעמער. דער גייסט פון אונזער פאלק איז א קרעמערשער.

קיין פאלק בעזיצט ניט אזוי פיעל קרעמער און קרעמערלאך, ווי דאס אידישע... ביי אונז איז יעדע הויז — א נעסט פון קראמען, ווען ניט שטעהט מען פאר'ן הויז מיט א פושקארט.

קרעמעריי — דאס איז דאס חן־פינטעל אויף אונזער גלות־צורה, דער ברוסט־מעדאל, פאר אונזער וואנדער־אויסצייכנונג.

א פושקארט — דאס איז דער איבערגאנג־וועג צו א קראם, א פוש־קארט — דאס איז דער דעפאזיט ביי גאט פון גליק — פאר א קראם.

ביי אונז ווען א פאר פאלק האט חתונה, דענקט עס גלייך פון א קרעמעל. דער העכסטער אידעאל פון אן ארבייטער איז א „קענדי־סטאר". דער שעהנסטער טרוים פון א פראקטישע טאכטער איז א „ביזנעס" נאך דער חתונה.

און האט מען נאך די חופה־שטאנגען ניט צוזאמען געלעגט, דענקט מען שוין פון א סאדא־וואסער סטענד.

מעסטען סאדא־וואסער, — דאס איז דער מעסט־שנור פון אונזערע געפיהלען.

האבען אן אייגענעם שטיין אין א קענדי־סטאר — דאס איז דער ווינקעל־שטיין פון אונזערע שטרעבונגען.

פערמאגען א סטיישאנערי־סטאר — דאס איז די וואול־ווארטה־בילדינג פון אונזערע ווינשונגען און גליקס אידעאלען.

און ווען א אידישער ארבייטער קוקט ארויס אין זיין פריי־הייטס־שטונדע אין גאס, דענקט ער ניט פון הימעל, גראז און פויגעל־געזאנג, נאר זיין אויער פערנעהמט דעם פעדלער־רוף און זיין אויג בעמערקט די שעהנע סטענדס און סטענדעלאך, און א זיפץ שפאלט דורך די ביזנעס־לופט און פאלט אויף'ן פייער־עסקייפ: — גאט, ווי דערלעבט מען שוין די צייט אויך צו האבען אזא ביזנעס'ל!...

די גוים האבען סוחרים, מיר קרעמער. די גוים האבען קונדען, מיר דינג־בעשעפענישען.

אוי, דאס דינגען זיך, דאס דינגען זיך! איז דאס ניט דער סך־הכל פון אונזער קרעמער־גייסט? איז דאס ניט דער מאקר סימום פון אונזער ארבעל־שלעפעניש און פאלע־ציהעניש?

מיר זיינען קרעמער, קינדער פון קרעמער!

און וועה איז דיר מיין פריינד! אויב דו ביסט ניט קיין קרעמער און ס'איז דיר פרעמד די תורה פון ארבעל־ציהעניש און סחורה־לויבעניש פון אונזערע קרעמער, דיין סחורה וועט ביי דיר צופוילט ווערען און דו וועסט געהן באנקראט.

און אויך אונזערע אידעען־טרעגער, תורה־פערשפרייטער, פאלקס־פערזארגער און טאן־געבער, זיינען קרעמער.

יעדע צייטונג — איז ביי אונז א קרעמעל, יעדע אינסטיטוציע — א קרעמעל. יעדע יוניאן — א קרעמעל. יעדער פעראיין — א קרעמעל פון דיום.

קרעמעריי — דאס זיינען אונזערע אנארכי־געדאנקען, בעפרייאונגס־אידעען, כל־ישראל־מאטיווען, און אפילו דער ציוניזם־אידעאל.

איינער פערקויפט אנארכיזם אויף'ן לויט, דער צווייטער, גאטהייט אויף'ן וואג, דער דריטער, סאציאליזם אויף'ן קווארט, דער פיערטער, יוניאניזם אויף'ן אונץ, און יעדער מאכט קליין געלד...

אוי, דאס קליין־געלד מאכעריי! אט דאס ערגערט דאך מיר טאקע, וואס מ'פערקויפט ביי אונז אלעס בלויז פאר קליין־געלד...

און דער קרעמער־גייסט הערשט אפילו אין אונזער ליטע־ראטור.

אונזערע ארויסגעבער — זיינען קליינע קרעמער. אונזערע שרייבער — ארימע קרעמער. אונזערע רעדאקטערע — שלעכטע קרעמער.

און אונזערע קריטיקער זיינען די שלעכט־בעצאהלטע פ ו־ל ע ר ס.

און אפילו אויך אונזערע דיכטער, מוזען ביי אונז זיין קרע־מער, ווען זיי ווילען זעהן זייערע ליעדער אין בוך־פארם.

ברידער, אידען, גרוים זייט איהר אין קרעמעריי! ברידער, אידען, האלט זיך ביי קרעמעריי!

אזוי האט געערדט פאמפאדור!

ועגען אויגען און אויערען.

תלמידים! די גרעסטע מארטירער דא אין לאנד זיינען דאס אויג און דאס אויער.

אוי, ווי איך האב אויף זיי רחמנות!

געהסט ארוים אין גאס און באלד ענטפלעקט זיך פאר דיר די גאנצע שעהנקייט פון מענש און נאטור.

א וואו דו ווארפסט א בליק — טריקענט זיך וועש.

און די וועש אויף דער ערד פערמעגען מעהר קאלירען פון דעם רעגען־בויגען אין הימעל!

און וויל דיין אויג רוהען, פאלט ער אויף פ ו ש ק א ר ט ס מיט אלטע צוגעסענע ביכער, פערשימעלטע בילדער, פערראסטע משוועקעס און פוילע עפעל...

און קומסטו אין הויז, איז אויך ניט בעסער: א ס י נ ק פול מיט באנאנע־שאלעכץ און ציבעלעס, צוריסענע קארטען און שטיקלעך ציימונגס־עדיטאריעלס, און ליגסטו אויף דיין בעטעל, שמייכעלט צו דיר א סטעליע, וואס קען זיך באלד אראפלאזען אויף דיין קאפ.

און מיעד מוזטו ווערען...

דאָס אויג — עס איז דאָ דער ארעסטירטער פון דיין נשמה וואָס האָט זיך פערזינדיגט ביי דער געטין פון שעהנקייט.

געוואלד, פאר וואָס זאָלען מענשען ווערען מיאוס זיין!

זאָל גאָט פערגעבען פּאָמפּאַדורען, וויפיעל בלאָטע־שווארצע העלזער און ברוסטען, ער זעהט זיך דאָ אָן אין די הייסע זומער־טעג.

נאָכאמאָל: פאר וואָס זאָלען מענשען ווערען מיאוס זיין!

ריעזען העטס אויף ליאלקע־קעפּעלעך.

גרויסע שיך אויף קליינע פיסלאך.

ווייסע קראוואטען אויף שווארצע העמדער.

לאַנגע האָר אויף דארע קערפּערס.

אויגען־גלעזער אויף נאַזלאָזע פּנים'ער.

אַלטע מוידען אין קורצע קליידלאך.

יונגע מיידלאך מיט בערג פּוידער.

גלאַנציגע נעגעל אויף שמוציגע פינגער.

היינט די טאַליעס!

און ניט בעסער אָפּ איז דאָ דאָס אויער.

גרילצענדע טענער פון פּיאַנאָס פון טאָפּ פלאָר ביז'ן בייסמענט. שרייענדע רעדעס פון גאסען־רעדנער, הילכענדע קולות פון היימישע קאָנצערטען, משונה'דיגע גרילצערייען פון לויפענדע קארס, ווילדע שטימען פון צובראָכענע גראמאָפאָנען, דאָס אייי־לענדע קלינגערייען פון טעלעפאָנען, דאָס פייפען פון די פייער־אינדזשענס און דאָס יאָגען פון די אויטאָמאָבילס...

אוי ווי ליעב ס'איז מיר דיעזע רייכע סימפאָני פון דעם נייעם מענשען!

אוי ווי איך האָב ליעב די גרויסע שטאָדט מיט איהרע קרבנות!

אמעריקא איז א מאָדנע לאַנד!

דאָ פערהייליגט מען די פיס און די הענט מעהר ווי די אויגען און אויערען.

וואָס מעהר קולות, אלץ מעהר קולטור.

וואָס מעהר צוקאַליעטשעט, אַלץ מעהר ביזנעס.

גאָט פון שטיין פון אייזען! נעהם אויף די אַלע קולות און פלעכט פון זיי אַ קראַנץ פאַר דעם צוקונפט־מענשען.

נעהם אויף די אַלע איינדריקע און קריץ אויס פון דעם איין גרויסע עפּיטאַפּיע אויף דער מצבה פון דער פערשטאָרבענער גע־טין פון שעהנקייט!

אזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

וועגען מואווינג פּיקטשורס און סאָציאַלע ערלעזונג.

און פּאַמפּאַדור האָט געוואָרפען זיין שאַרפען אויג אויף דער איסט סייד, און ער האָט דערזעהען די פולע שעהנע מואווינג־פּיקטשורס־הייזער, און די גרויסע בעגייסטערטע מאַסען, וואָס ציהען אהין, און ער האָט מיט גרויס פרייד אויסגערופען:

די סאָציאַלע ערלייזונג קומט!

ענדליך! ענדליך! האָט די אין דער פינסטער־טאַפּענדע מענש־הייט דערגרייכט דעם ריכטיגען וועג, וואָס פיהרט צום פּרעכטיגען פּאַלאַץ פון צוקונפט־מענש...

מואווינג־פּיקטשורס — דאָס איז דער שנעלער טראָט פון דעם איילענדען מאָדערנעם מענשען, וואָס שטרעבט צו ענטבלויזען די צוקונפט...

מואווינג־פּיקטשורס — דאָס איז דער משיח־גלאָק פון דעם נייעם קולטור־פערדעל, וואָס וועט ברייגגען דעם מיעדען רייזענ־רען אהיים...

ווי ליעב איך האָב אייך, 5 סענטיגע שאָום!

ווי ליעב איך האָב אייך, פּרעכטיגע הייזער!

איין פּרייז פאַר אַלעמען! איין פּרייז פאַר אַלעמען!

אמת'ע דראַמא — דאָס איז קלאַסען־צוטהיילונג.

אמת'ע דראַמא — דאָס איז קאַפּשמערצען נאָך האַלבע נאַכט...

אמת'ע דראַמא — דאָס איז אָפּט מאָל שעדליך פאַר דאָס האַרץ...

דער מענש פון דער צוקונפט טאָר ניט ברעכן דעם קאָפּ אויף פּראָבלעמען!

דער מענש פון דער צוקונפט מוז האַלטען טהייער זיין צייט...

די צוקונפט בעלאַנגט צו מואַווינג־פּיקטשורס!

אַזוי האָט געערדט פּאָמפּאַדור!

ווענען יונג און אַלט.

תלמידים! פּאָמפּאַדור איז שוין לאַנג אין אמעריקא, ער האָט מיט פיעל שווערע פראגען פריעדען געשלאָסען, נאָר די פראגע פון י ו נ ג א ו ן אַ ל ט אין דער היגער אידישער ליטעראטור, שטעהט פאר איהם ווי אַ גריגער אין מיטען בראָדוויי.

תלמידים, וואָס איז יונג?

אין לעבען הייסט יונג זיין — האָבען אַ גלאַטע שטערן, אַ יונגען פּנים און יונגע אויגען.

און אויב ליטעראטור איז לעבען, זיינען אונזערע יונגע קיין יונגע ניט! — צוקנייטשטע שטערנס, פערזויערטע פּנים׳ער ווי ביי פערזעסענע מיידלאַך — קענט איהר עס אָנרופען יונג?

תלמידים, וואָס איז אַלט?

אַלט — אין לעבען, הייסט, זיין געבויגען אונטער דער משא פון יאָהרען און ליידען. און אויב ליטעראטור איז לעבען, זיינען אונזערע אַלטע קיין אַלטע ניט!

פעטע, צופריעדענע פּנים׳ער, גלאַטע שטערנס, זאַטע בע־נעהמונגען — קענט איהר עס אָנרופען אַלט?

יאָהרען — זיינען טרעפּלאַך צו דער אייביגקייט; סתם מענשען קלעטערן אויף די טרעפּלאַך, ביז זיי פאַלען אין אבגרונד; טאַלאַנטפאָלע שטייגען און דערגרייכען ביז דער טהיר פון אייביג־קייט און בלויז ג ע נ י א ל ע מענשען עפענען די טהיר...

שאַפען — איז אייביגקייט!

אַ ליטעראטור וואָס האָט אַ סך יונגע — איז אַן אַ ל ט ע

ליטעראַטור; אַ ליטעראַטור וואָס האָט אַ סך אַלטע — איז אַ י ו נ ג ע ליטעראַטור...

מיר האָבןביידע זאַכן ניט.

יונגקייט אַליין מאַכט נאָך ניט קיין טאַלאַנט; אַלטקייט אַליין מאַכט נאָך ניט קיין טאַלאַנט.

טאַלאַנט — איז ע פּ ע ס, וואָס איז ניט באַגרענעצט מיט יאָהרען; טאַלאַנט איז ע פּ ע ס, וואָס שוועבט איבער יונג און אַלט...

און ביי אונז קעניגט דאָ בלויז די מיטעלמעסיגקייט.

אונזער ליטעראַטור איז אַ קבצן'ישע.

אונזערע אמת'ע אַלטע קען מען אויף די פינגער אויסצעהלען... און ווייטער האָבן מיר בלויז קאַריקאַטורען פון אַלטע, אינוואַלידען — אַנשטאַט אַלטע, מושב־זקנים מיטגליעדער — אַנשטאַט קלאַסיקער...

אונזער ליטעראַטור איז אַן אָרימע.

אונזערע א מ ת ' ע י ו נ ג ע קען מען אויף די פינגער אויסצעהלען... און ווייטער האָבן מיר דאָ אינגלאַך — אַנשטאַט יונגע, קאַפּע־טרינקער — אַנשטאַט נייע ריכטונגס־בויער...

ביי אונז איז ניטאָ קיין אבשאצונג און קיין אָבשאַצער. ביי אונז שעצט יעדערער אָפּ זיך אַליין, קלעפּט אָן אַליין אויף זיך דעם ל י י ב ע ל פון זיין טאַלאַנט.

די אַלטע ווילען מיט גוואַלד אַלט זיין, און די יונגע מיט גוואַלד יונג זיין...

וואו איז דער וועג, די ריכטונג פון אונזערע יונגע? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

די אַלטע ווייזען כאַטש יעדען פריה־מאָרגען דעם וועג אין די רעדאַקציעס.

און די יונגע בלאַקאַיען זיך אַרום, זוכענדיג אימער אַ דירה...

ניטאָ קיין יונג און אַלט ביי אונז! — רופט אויס פּאַמפּאַדור.

יונג און אַלט — דאָס זיינען אויסגעטראַכטע זאַכן פון אַ וויצלינג, וואָס האָט געוואָלט נאָכמאַכען די גוים.

די גוים האָבן יונגע און אַלטע, דאַרפן מיר אויך האָבן די זעלבע.

איך בעט אייך, ווייזט מיר אָן דעם גרענעץ צווישן יונג און אַלט ביי אונז!

די אַלטע פאָדערן גאַרנישט און גיבן גאַרנישט און די יונגע רעדן וועגן גאַרנישט — און גיבן דעם זעלבן גאַרנישט.

אַלע זיינען ביי אונז יונג און אַלט צוזאַמען!

אַט שרייבט אַ יונגער ווי אַן אַלטער — מ'קען דאָס אין מויל ניט נעהמען; און אַט שרייבט אַן אַלטער ווי אַ יונגער — און עס טויג אויף כפרות...

און דאָס זעלבע איז אפילו מיט דער ל י ע ב ע.

אויב יונג זיין, הייסט, שרייבן פון ל י ע ב ע, שרייבן דאָך די אַלטע פון ל י ע ב ע.

פאַמפאַדור גלויבט אין גאַנצן נישט אין אידישע ליעבע:

אַ פאָלק, וואָס האָט ניט קיין גראַפן, פרינצען, העלדען, ריטער און אָפיציערן, שלעסער און פּאַלאַצען קען ניט ליעבען...

אונזער ליעבע איז מעהרסטענס אַ צושטערטער שידוך, אַ ניט־איינגעגעבענער מסחר פון אַ קענדי־סטאַרקע. אין בעסטן פאַל — אַ קרעכץ פון שאַס.

און פאַמפאַדור האָט זיך אַ ווײַלע פערטראַכט און נאָכהער אַזוי געזאָגט:

תלמידים מיינע! פיר דוסט, איך וויים יאָ וואָס הייסט ביי אונז יונג און אַלט...

אַלט — זיינען ביי אונז די, וואָס שרייבן און מאַכן אַ לעבן.

יונג — רופן זיך ביי אונז די, וואָס שרייבן און הונגערן.

האַלב יונג — הייסן ביי אונז די, וואָס הונגערן האַלב.

ווילט איהר זיין אַ יונגער? — זייט אויף צרות, שרייבט ליע־דער, פלעכט גראַמען און טראָגט זיי אומזיסט אין די רעדאַקציעס...

ווילט איהר זיין אַן אַלטער? קריגט אַ פּלאַץ אין אַ רעדאַקציע און נעהמט שכירות...

און נאָך זאָג איך אייך:

יונג — הייסען ביי אונז די, וואס לעזען ניט די אלטע; און אלט הייסען ביי אונז די, וואס לעזען ניט די יונגע...

און געוויעזען האט זיך א בייז פייער׳ל אין פאמפאדור׳ס אויג. און ער האט אזוי אויסגערופען:

תלמידים! רעדט מיר ניט פון יונג און אלט.
עפענט די אויגען, און זעהט, וואס האבען מיר?
א שאפען — אין ענגע רומקעס פון טענעמענט־הייזער!
זשורנאלען — פרעמדע אין די לייברערים.
אטמאספערא — אין סאבוויי.
ליטערארישע שוהלען — פריפעראטארי־סקולס.
היימען פאר ליטעראטור — קאפע־טישלאך אין בייסמענטס!
לעהרער — יוניאן־פיהרער און פינף־דאלארדיגע לעקטשורערס.
רעדאקציעס — נבול־פה נעסטען און אנאנסען פריטאנען.
שטימונג — פעדלער־קולות...
הומאר — ביי לויות...
תלמידים מיינע! מיר האבען גארנישט און רעדט מיר ניט פון יונג און אלט.

אזוי האט גערעדט פאמפאדור.

###### וועגען וויסענשאפט און גנבת.

די גרינגסטע זאך איז צו זיין א וויסענשאפטס־מאן אין א אידישער טעגליכער צייטונג. דו דארפסט בלויז קענען די וויסענשאפט פון גנבה און דעם סוד פון שרייבען יעדען טאג.

ברייט זיינען די וועגען פון וויסענשאפט פאר א אידישען וויסענשאפטס־מאן. זיי שניידען דורך אלע מדבריות און וויסטעניעשען פון אינהאלטסלאזיגקייט...

טיעף זיינען אונזערע ימים פון וויסענשאפט אין א אידישער צייטונג. נאר קורצזיכטיגע קענען זעהן דעם אבגרונד.

ווילסט ווערן א וויסענשאפטס־מאן ? — שלאג זיך ארויס פון קאפ אלעס וואס דו האסט געלערנט אין חדר, זעגן זיך אב מיט דער לאגיק — און שרייב. מאך צו די אויגן און שרייב. שרייב וועגן וואל סטריט, אייביגע בעוועגונג, נארד־פאל, לופט־באלונען, קעז און טראכאמא... א גוטער וויסענשאפטס־מאן דארף שרייבן איבער אלעס...

אונזערע לעזער זיינען גוט ווי קינדער, האבן שכל ווי עופ׳ע־לעך, און וועלן דיר פערצייהען אויב דו האסט א מאל גערעדט ניט צו דער זאך...

אונזערע לעזער גלויבן אויפ׳ן ווארט.

גנב׳ע — און דו ביסט א וויסענשאפטס־מאן !

אזוי האט גערעדט פאמפאדור.

**וועגן קאמפיין און חוררא.**

און ס׳איז געווען אין סאמע ברען פון קאמפיין. און די תלמידים האבן דערזעהן פאמפאדור׳ן אויף א קאמפיין־מיטינג. און זיי האבן איהם מיט גרויס פערוואונדערונג געפרעגט: ווי קומט פאמפאדור אהער ?

און פאמפאדור האט א שמייכעל געטהאן און געענטפערט:

תלמידים ! וואונדערט זיך ניט אויף אייער פאמפאדור׳ן. וואס ער קומט הערען קאמפיין־רעדנער.

פאמפאדור האלט זעהר פיעל פון קאמפיין. און ניט ווייל ער גלויבט אין פאליטישע אקציאן, ניט ווייל דער אדער יענער קאנ־דידאט איז איהם ליעב — נאר צוליעב די קאמפיין־פערשפרע־כונגען.

און די תלמידים האבן נאך מעהר פערוואונדערט אנגעקוקט פאמפאדור׳ן.

און פאמפאדור האט אזוי געזאגט:

תלמידים! פּאַמפּאדור האָט ליעב קאַמפּיין־פּערשפּרעכונגען, ווייל נאָר אין די פּערשפּרעכונגען זעהט ער דעם גאַנצען געבוי פון אונזער לעבען.

ווייל וואָס איז דאָס לעבען אויב ניט אַ שטענדיגע קאַמפּיין־פּערשפּרעכונג?

אויב ניט אַ צוזאָג אז שפּעטער וועט זיין שעהן? אויב ניט אַ פּערזיכערונג אַז מאָרגען וועט זיין גוט? אויב ניט אַ קאַמפּיין־רעדע וואָס איז געבויט אויף ליגען?

און פּאַמפּאדור האָט פּערדריקט די ליפּען און איז אנטשוויי־גען געוואָרען. אבער די תלמידים האָבען איהם געבעטען, ער זאָל נאָך עפּעס זאָגען.

און פּאַמפּאדור האָט נאָך אַ ווײַלע טראַכטען, געזאָגט:

תלמידים מיינע, ווילט איהר פאָלגען פּאַמפּאדור׳ן? — גלויבט אין די פּערשפּרעכונגען פון אַלע קאַנדידאַטען, און אונטערשטיצט דוקא נאָר דעם גרעסטען פּאַרשפּרעכונג־מאַכער.

ווייל נאָר אין גלויבען ליגט דער סוד פון אונזער עקזיס־טעניץ...

און זאָל אייך ניט אַהרען, וואָס אַלע פּערשפּרעכונגען, ווערען אַ טאָג נאָכ׳ן קאַמפּיין צו גאָר־נישט; געהען אוועק צוזאַמען מיט דעם געקלאַפּ פון די פּויקען און פּערשווינדען צוזאַמען מיט די פונקען פון די פייערווערק...

זאָל עס אייך ניט אַהרען!

אַ פּערשפּרעכען, וואָס ווערט ניט בטל — איז קיין פּער־שפּרעכען ניט...

אַ פּערשפּרעכען, וואָס איז קיין ליגען ניט, האָט אין זיך ניט, די צויבער־קראַפט צו בעגייסטערען מענשען...

אַ קאַמפּיין־פּערשפּרעכען — איז פּאָעזיע. און ווער פּאָדערט פון פּאָעזיע אמת?

אַ קאַמפּיין־פּערשפּרעכען — איז שוים פון כוואַליעס, און וועלכער נאָר פּאָדערט פון שוים, אז עס זאָל זיך לאַנג האַלטען?

און אין דער צייט ווען פּאַמפּאדור האָט אַזוי גערעדט צו זיינע תלמידים, האָט אַ קאַנדידאַט געענדיגט זיין רעדע און פון

אלע זייטען פון גרויסען זאאל האט זיך צוטראגען א דונערנדעס הורראַ־געשריי.

און די תלמידים האבען געזאגט: זעהט נאר ווי די עזלען וועי רען דאס בעגייסטערט פון א ליגנערישער רעדע!

און פאמפאדור האט זיך אנגערופען: תלמידים, לאכט ניט אוים די בעגייסטערטע מאסען, און רופט זיי ניט עזלען!

אייער פאמפאדור איז פאר הורראַ־שרייער!

שרייען הורראַ, דאס איז אפטימיזם, דאס הייסט, צומאכען די אויגען און זעהען גליקען... פערלירען דעם קאפ און ניט טראכטען...

און ניט טראכטען איז דער טייטש — גליק.

שרייען־הורראַ, דאס איז געזונד פאר'ן פאלק.

דאס פאלק איז ווי א פיצעל קינד: וואס מעהר עס שרייט אלץ געזונדערע לונגען בעקומט עס...

איך האב מיטלייד מיט די שוויינער, מיט די וואס פערשליסען די ליפען און ווילען ניט בעגייסטערט ווערען פאר גארנישט.. מיט די וואס ווילען ניט גלויבען, ניט דעם גאט, וואס זיצט אויפ'ן הימעל און ניט דעם קאנדידאט וואס לויפט אויף דער ערד, — די דאזיגע מענ־שען זיינען די אומגליקליכסטע, די פאליטיש און לעבענס־אויס־געשפיעלטעסטע.

תלמידים! פאלגט אייער פאמפאדור'ן: שרייט הורראַ און איהר וועט געפינען רוה און גליק כאטש אין דער צייט וואס איהר געפינט זיך אין זאל!

אזוי האט גערעדט פאמפאדור, און האט פערלאזען דעם קאמפיין־מיטינג.

וועגען קאפפע־קריטיקער און מבינים.

און פאמפאדור האט פערבלאנדזשעט אין אן איסט־סיידער קאפפע־הויז, און האט זיך פערטיעפט אין א גלאז קאפפע. נאר תיכף האבען איהם די איינוואהנער פון קאפפע־הויז דערקענט און איהם געבעטען ער זאל עפעס זאגען. און ער האט אזוי געזאגט:

קיין פאָלק איז אזוי ניט געבענשט מיט מבינים, ווי דאָס פאָלק ישראל!

קיין נעגענד פערמאָגט ניט אזא געוואלדיגע צאָהל קרענקס, ווי די איסט־סייד!

און קיין ליטעראַטור איז אזוי ניט רייך מיט קאָפּפּע־קריטיקער, ווי די אמעריקאַניש־אידישע!

גרוים און מעכטיג איז די איסט־סייד! שעהן און פּרעכטיג זיינען איהרע קאָפּפּע־הייזער!

ווילסטו ווערען א קריטיקער?—בעזוך אלע טאָג א קאָפּפּע־הויז פערלאָז זי ניט שפּעטער ווי 4 אוהר פאַר טאָג, טרינק קאָפּפּע, רעד, גענעץ, פלאַפּעל, זידעל וועמען דיר פאַלט איין, קריך אויף די גלייכע ווענט, און דו ביסט א קריטיקער...

פון מבינות ביז קריטיק איז מיילען־ווייט: פון א קריטיקער ביז א קרענק איז נאָר מיט'ן האנד צו דערלאַנגען.

ביי אונז איז קרענקליכקייט דער סימוואָל פון קריטיק!

אזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור און האָט פערלאָזען די קאָפּפּע־הויז.

ווענען סטרייקען און ארבייטען.

אידען זיינען א פאָלק פון סטרייקער אבער ניט פון ארביי־טער, זאָגט פּאַמפּאַדור.

סטרייקען און מארשירען — דאָס איז דער סיאַמישער צווי־לינג פון אונזער גלות־מוטער.

אידישע קינדער האָבען ניט אזוי ליעב דעם סטרייק, ווי דעם טומלען זיך פ א ר און נ א ך דעם סטרייק.

אידען זיינען ניט אזוי פערליעבט אין זיעג, ווי אין דעם מ א ר ש צום זיעג...

ביי אונז הייסט סטרייקען, אַנצינדען זיך אַזוי שנעל ווי א שוועבעלע, און אַזוי שנעל אויך אויסגעלאָשען ווערען.

א איד וועט אייך בעסער ארויסגעהן דריי מאָל אין מאָנאַט אין סטרייק, איידער איין מאָל אין מאָנאַט צאָהלען דיוס...

א איד וועט גיכער שרייען הוררא פ א ר ׳ ן סטרייק, איידער „ס׳לעבע די יוניאָן!“ נ אָ כ ׳ ן סטרייק.

אַ איד ליעבט די מלאכה פון סטרייקען.

ער האָט דערווייל א געלעגענהייט צו בערעדען און פאַר־רכילות׳ן די פיהרער זיינע:

דער האָט אָבגעלעקט א בייגדעל פון סטרייק, יענער איז גע־וואָרען אַן עושר.

דאָס אידישע פאָלק האָט אויך ליעב סטרייקס, ווייל דאָס גיט איהם א געלעגענהייט צו געבען נדבות. א איד האָט ליעב צו זיין א בעל־צדקה, צו האָבען אויף אימיצען רחמנות.

אידישע ארבייטער זיינען גוטע סטרייקער אָבער שלעכטע יוניאָן־לייט.

סטרייקט, מיינע פריינדע, אָבער זייט ניט קיין יוניאָן־לייט!

א יוניאָן – דאָס איז דאָס שטיעף־קינד פון אידישען אר־בייטער: אָט נעהמט ער עס אריין אין זיין הויז און אָט טרייבט ער עס ארויס...

א אידישער ארבייטער — דאָס איז אן ארבייטער אויף דער־ווייל. דער שאָפּ איז ביי איהם בלויז אַ פּריפּעראַטאָרי סקוהל, וואו ער גרייט זיך צו פאר קאָלעדזש פון אַ ג ע ש ע פ ט ע ל.

די רידזשענטס — דאָס זיינען זיינע עטליכע אָבגעסייפּטע דאָלארס פאר וועלכע ער גרייט זיך צו קויפען א סאָדאַ־וואַסער סטענדעל, א גראָסערקע אָדער א פּייפּער־ראוּד...

און אפשר האָט א איד דערפאר טאקע נאָר ליעב צו סטריי־קען, ווייל אין צייט פון סטרייק קען ער זוכען אַ ב י ז נ ע ס ׳ ל...

אזוי האָט געערט באָמבּאַדור.

און די תלמידים האָבען איינמאָל געפרעגט פּאַמפּאַדור'ן, מיט איראָניע, פאַרוואָס ער בענוצט ניט קיין ציטאַטען אין זיינע אַר־טיקלען און ער ווערט ניט וועלט־בעריהמט ביי אידען ווי אנדערע.

און פּאַמפּאַדור האָט לאַנג ניט געטראַכט און געזאָגט: תלמידים, לאַכט ניט פון ציטאַטען!

ציטאַטען — דאָס זיינען אַ גליק פאַר אַ שרייבער. ציטאַטען— דאָס זיינען שעהנע קליידער גענומען אויף באָרג, מיט וועלכע מען קומט אויף בעלער און באַנקעטען, מען שטאָלצירט ווי מיט איי־גענע און מען נאַרט דעם עולם.

און דאָס נאַרען איז דאָך, נאָך אַלעמען, דער עיקר.

ציטאַטען־שרייבער — דאָס זיינען פרויען פון ליטעראַטען וואָס רעדען בלויז איבער די חכמות פון זייערע מענער און אליין פערמאָגען זיי גאָרניט...

ציטאַטען־שרייבער — דאָס זיינען ישיבה בחורים וואָס עסען טעג. היינט ביי דעם, מאָרגען ביי יענעם; היינט אַ ציטאַטע ביי דעם, מאָרגען ביי יענעם...

שרייבען מיט ציטאַטען — איז דאָס זעלבע ווי האָבען אַ הויז אויף אויסצאָהלען, ניט איינצאָהלענדיג אליין קיין סענט.

און ווילט איהר, תלמידים מיינע, זיין שטרענגער, קען מען זאָגען:

ציטאַטען — דאָס זיינען פאַר מאַנכע שרייבער הסכמות אויף זייער אייגענער עם־הארצות, פרעמדע היטלען אויף צוצודעקען זיי־ערע אייגענע ליטעראַרישע פּליכעס און שריפטשטעלערישע פּאַר־כעס...

ווי איהר קוקט דאָ אָן פּאַמפּאַדור'ן, איז ער אָפּט שטאַרק מקנא די ציטאַטען־שרייבער.

אַ ציטאַטען־שרייבער דאַרף ניט האָבען קיין טאַלאַנט, נאָר אַ

גוטען זכרון און א פלינקע האַנט צו פּערבויגען בלעטער פון פרעמדע ביכער.

א שרייבער אָהן ציטאַטען, מוז דענקען, — און דערום — קנייטשען אויפ'ן שטערען און זאָרג אויפ'ן פּנים.

א שרייבער וואָס שעפּט פון זיין אייגענעם ברונען — מוז סוף כל סוף אָנשעפּען פּוסטע עמערס. עס טרעפט גאַנץ אָפט, אז דער ברונען טריקענט אויס.

א ציטאַטען־שרייבער קען אבער שרייבען אייביג און בלייבען אימער פריש, יונג און געזונד. פרעמדע ברונימער זיינען דאָ אָהן צאָהל... ער האָט ניט וואָס צו זאָרגען, א וועלט בעזאָרגט איהם מיט געדאַנקען, א וועלט קנייטשט פאַר איהם איהר שטערען.

א שרייבער וואָס שרייבט אויף זיין אייגענער אחריות, שרייבט מיט פייער — דערום ברענט ער שנעל איבער.

א שרייבער אבער וואָס שרייבט מיט ציטאַטען, שרייבט בלויז מיט טינט און טינט איז דאָ גאַנצע ימים...

און אויב די אויפגאַבע פון א שרייבער איז צו קריגען די אַכ־טונג פון'ם לעזער, דאַן קריגט עס אַמשנעלסטען דער ציטאַטען־שרייבער.

דער לעזער לעזט און שלינגט די ציטאַטען און טראַכט זיך מיט זיין לעזער־קאָפּ: דער ציטאַטען־שרייבער, ער מוז דאָך זיין א זשעני, א קלייניגקייט אזא בקיאות! אזא שיטען מיט נעמען פון גרויסע שרייבער, פילאָסאָפען, דיכטער און חכמים! אזא בעקאַנט־שאַפט מיט גרויסע מענשען! ער מוז געווים בעזיצען די גרעסטע בילדונג!

און עס ווייס ניט נעביך דער אַרימער לעזער, אז ווען ער האָט צייט און קען געהן מישען ביכער אין ביבליאָטעק, וואָלט ער אויך געוואָרען דער זעלבער חכם, ווי דער ציטאַטען־שרייבער.

תלמידים! ווי גוט עס איז צו זיין א ציטאַטען־שרייבער! עס איז לייכט, גרינג — א מחיה! ווייסט איהר פון די ספּעציעלע ציטאַטען־ביכער?

עס זיינען דאָ עקסטרא ציטאַטען־ביכער, וועלכע זיינען פול מיט כל טוב ווי דעפּאַרטמענט סטאָרס. ווילסטו קאָנפוציוס — אַיי

קאָנפוציוס! ווילסטו ניטשע — איז ניטשע! ווילסטו סאָקראַטוס— איז סאָקראַטוס! אַלץ וואָס דו ווילסט איז דאָרט דאָ: פון קאַנט, וואָלטער, אַריסטאָטעל, שטירנער, רמב"ם, ספּענסער, לייבניץ און שפּינאָזאַ, און ווער ניט?

און האָסטו די ציטאַטען קענסטו מיט זיי טהאָן וואָס דו ווילסט.

אַ ציטאַטע מעג אפילו זיין דום און אונפערשטענדליך, וועט אויך קיינער אייך גאַר ניט זאָגען, ווייל זי איז דאָך ניט אייערע און איהר זייט פאַר איהר ניט פעראַנטוואָרטליך.

נאָר די קליגסטע ציטאַטען־שרייבער, זאָגט פּאָמפּאַדור, זיינען די יעניגע וואָס ברענגען ציטאַטען פון גאַנץ אונבעקאַנטע קוועלען. אַזעלכע קען מען איבערהויפּט קיינמאָל ניט כאַפּען ביים האַנט.

קענט איהר דעם פילאָסאָף בויגעל־כאַפּער? ווייסט איהר דעם גרעסטען דיכטער פון אינדיען, בלאָפּוס־ליגנערוס? האָט איהר געהערט פון דעם בעריהמטען כינעזישען דענקער האַק־פּאַק־טשיק־טשאַק?

תלמידים, לאַכט ניט פון ציטאַטען!
אַזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

וועגען ענג און ברייט.

מיר איז ענג מיט אייך, זאָגט פּאָמפּאַדור.
ענג ניט צום אויסהאַלטען.
פאַר וואָס?
ווייל — אַלע זייט איהר נעטער און קליינע מענשען.
ווייל — אַלע קענט איהר אַלעס און קענט גאָר־ניט.
ווייל — אַלע פערמאָגט איהר גרויסע קעפּ און שמאָלע הערצער, הויכע פערלאַנגען און קורצע פליגעל.
ס'איז מיר ענג מיט אייך, מיינע פריינד!

וואס איז ברייטקייט ביי אייך? פרעג איך.

ברייטקייט — זאגט איהר — איז ברייטע צימערען.

ברייטקייט — זאגט איהר — איז א פולע טאש מיט געלט און א זאטער מאגען.

ניין! — זאג איך.

ברייטקייט ביי מיר — איז א קליין צימעריל און א ברייט הארץ.

ברייטקייט ביי מיר — הייסט אן ענגער ווינקעל פאר מיין נשמה.

מיר איז ענג מיט אייך.

ווייל איהר האט ליעב א סך ווינקלען און ניט איינעם!

ווייל אלע לויערט איהר איינער אויף דעם צווייטענס ענג־שאפט.

ווייל איהר קענט זיך ניט אויסצערטלען אליין אן איינען ווינקעל.

ווייל ביי אייך מיינט ברייטקייט — מאכען ענג יענעם.

וואס איז כלל־טהועריי ביי אונז? — אן ענגער חדר מיט א קליין בעטיל און א מוצען בארדערס.

וואס איז שריפטשטעלעריי ביי אונז? איין מאגערער דזשאב און הונדערט הענד איהם צו קריגען.

א וואו זיינען אונזערע ברייטע פעלדער? אונזערע ווייטע האריזאנטען?

א וואו איז אונזער בעצאהלטער ווינקעלע פאר יעדען?

א וואו איז אונזער ספעציאליסט אויף איין זאך נאר, א וואו?

אונזער ליטעראטור — איז איין מסחר און הונדערט קרע־מער...

היינט ביזטו א דראמאטורג — בין איך אויך.

מארגען ביזטו א הומאריסט — ווער איך אויך.

אידען דארפען פרנסה — און פרנסה האבען די גוים.

אוי די גוים, ווי לעבערליך זיי זיינען אין מיינע אויגען!

זיי האבען אלעם פאר יעדען — און ניט יעדען פאר אלעם.

זיי האבען די פיעל צימערען פאר אלע און דאס איינגען ווינ־קעלע פאר יעדען איינעם...

מיר איז ענג מיט אייך, ווייל אייך איז ניט ברייט.

אזוי האט גערעדט פאמפאדור.

ווענען רביים, תלמידים און חסידים.

תלמידים! איך וויים, אז מיינע היינטיגע רעד וועלען אייך ניט געפעהלען — אבער פאמפאדור'ן ארט עס ניט.

ניט אום צו געפעלען וועלען רעדט פאמפאדור.

פאמפאדור וויל מיט אייך היינט רעדען ווענען תלמידים און חסידים. און רעדען שטארק, און רעדען אפען.

פאמפאדור האט ליעב זיין א רבי. אבער ער האט ניט ליעב קיין תלמידים.

זיין א רבי — הייסט שטעהן העכער פון אלעמען. האבען תלמידים — הייסט ארונטערצולאזען זיך צו זייערע פוס־בענקלאך.

א רבי צו זיין, איז שעהן. אבער די תלמידים מאכען עס מיאוס.

ווען ניט די תלמידים, מיט די פערשטאפטע אויערען און שמאַ־לע קעפ, וואלטען פילע רביים קיין רביים ניט געווען און די וועלט וואלט ניט געוואוסט פון א סך, א סך איבעריגע תורות און איבער־דריסיגע לעהרען.

אויב א רבי לייכט אפט ווי א זון פריי און געלטלאז פאר אלעמען, זיינען אבער די תלמידים ווי עלעקטרישע לאמפען, וואס ווילען בעצאהלט פאר זייער לייכטען.

אויב א רבי עפענט א ישיבה, וואו ער וויל לערנען דאס פאלק זיין תורה און טהיילען מיט איהם זיין חכמה.

עפענען אבער די תלמידים נאך איהם קרעמלאך, וואו זיי

פערקויפען זיין תורה אויפ'ן אוגץ, ווי א סחורה, און וועגען דאס נאך דערצו אויף פאלשע וואגען...

א, איהר טויטע תלמידים פון יעזוס. שלוחים אין זיין נאמען. דערמאהנט זיך וואס איהר האט אויפגעטהאן און שעמט זיך!

א, איהר לעבעדיגע תלמידים פון טויטע תורה־געבערס, קוקט זיך ארום וואס איהר טהוט און דעקט צו אייער פנים פון שאנדע!

און דאס זעלבע, תלמידים מיינע, איז מיט חסידות.

פאמפאדור האט ליעב חסידות — אבער האט שרעקליך פיינט חסידים.

פאמפאדור האט ליעב טאלאנטען — אבער האט גאר און גאר ניט ליעב זייערע אנהעננער.

חסידות — איז מעהרסטענס א שעהן געפיהל.

חסידים — זיינען מעהרסטענס מיאוס'ע מענשען.

חסידות — איז אונגעלטליכע ערהויבונג.

חסידים — זיינען קאריעריסטען.

חסידות — איז טיעפקייט.

חסידים — אויבערפלעכליכע מענשען.

דער הויפט פעהלער פון חסידים איז, וואס זיי האבען ליעב אויסטייטשען זייערע רביים, און מעהרסטענס טייטשען זיי אוים פאלש און קאפויר.

און דערהויפט האט פאמפאדור פיינט די אמעריקאנער חסידים פון געהערטע און געשריבענע תורות, פון געלעקטשורטע און גע־דרוקטע חכמות.

איהר בעגעגענט זיך אפט מיט אייערען א לעזער אדער א צו־הערער, אייערער א הייסער חסיד און ווילדער פאטריאט און אייך ווערט פינסטער אין די אויגען. אזוי קליין, גראשענדיג און נישטיג איז דער מענש! און קומט איהר אהיים, נאך אזא בעגעגעניש, ווילט זיך אייך צוברעכען די פעדער, אויסגיסען די טינט, און זיך זעצען שבעה נאך זיך און נאך אייער רוהם.

און צורעדט איהר זיך מיט אזא איינעם, און ער הויבט אן ארויסשיטען פאר אייך זיינע אנשויאונגען וועגען קונסט און לעבען

און דערהויפּט זיין מיינונג און מבינות וועגן אייך — דאן פּער־ליערט איהר דעם גלויבען אין אייער טאַלאַנט, דאן הערט איהר אויף אין גאַנצען פון זיך צו האַלטען — אַזוי שלעכט און ביליג פערשטעהען אייך די „לייטע“ !

אוי די מבינות פון די אמעריקאַנער חסידים מיינע, ווי איך האַס זי !

אמעריקאַנער חסידים — דאָס זיינען עם־הארצים, וואָס טראָ־גען זיך אום מיט אייער נאָמען אויף די ליפּען, ווי מיט א קנעפּעל פון ארבייטער רינג אויפ׳ן לאַטץ.

אמעריקאַנער חסידים — דאָס זיינען די זעלבע טהעאַטער־גאַליארקע פּאַטריאָטען, נאַר אנשטאט פּאַטשען מיט די הענט, קליאַטשען זיי מיט די צינגער, און דאָס איז נאָך ערגער !

און דאָס ערגסטע איז, וואָס יעדער גדול און קטן — יעדער צונג־רייבער און שמיר־שרייבער האָט דאָ א חסיד און א פּאַטריאָט, ווי יעדע פּעטע אידענע א גוידער, און יעדער רייכער איד א בייכעל.

תלמידים ! אויב אומעדום זיינען חסידים עם־הארצים, זיינען די אמעריקאַנער חסידים און פּאַטריאָטען פון אונזערע שרייבער און גדולים — איבערמענשליכע עם־הארצים.

פּאַמפּאדור אנטלויפט פון אַזעלכע חסידים.

איהם איז שוין פּיעל, פּיעל ליעבער זיך צו בעגעגענען מיט א הונגעריגען וואָלף איידער מיט אַזא פּאַטריאָט.

דער וואָלף וועט דיך ניט מעהר ווי אויפעסען, אבער ניט פּער׳מיאוס׳ען דאָס לעבען, אין דער צייט ווען דיין פּאַטריאָט וועט דיר טהאָן ביידע זאכען.

פּאַמפּאדור האָט ליעב חסידות, שטילע, צניעות׳דיגע. באוואונ־דערער, וואָס רעדען ניט. פּאַטריאָטען וואָס פּאַטשען ניט בראַוואָ און חסידים, וואָס לויפען ניט נאָך.

די בעסטע חסידים זיינען פאר פּאַמפּאדור׳ן, די יעניגע וואָס ער זעהט ניט.

און צו די בעסטע פון די תלמידים זאָגט פּאַמפּאדור אַזוי: תלמידים ! הערט אוים אייער רבי׳ן — אבער קריטיקירט

איהם! אכטעט איהם — אבער פערגעטערט איהם ניט! האט איהם ליעב — אדער הענגט זיך אויף איהם ניט אן!

דאס שעהנסטע און דאס מענשליכסטע איז צו לאזען דעם רבי'ן אליין.

ווייל בלייבענדיג אליין, פיהלט דער רבי באמת'ן אפט פיעל שטארקער, ווי מיט זיינע תלמידים און חסידים.

און צום אלעם לעצטען, דארף א רבי זיין ווי א שיף וואס פיהרט אייך אריבער דעם ים, ברענגט אייך אויף דער יבשה, לאזט אייך אראפ בשלום, און הייסט אייך געהן אייער וועג.

תלמידים מיינע! זייט ווענינער תלמידים און מעהר מענשען!

אזוי האט גערעדט פאמפאדור, און האט מיט א שמייכעל פאר־לאזען זיינע צוטומעלטע תלמידים.

וועגען אלץ און אלעם.

וואס איז קליינליכקייט? פרעגט פאמפאדור.

קליינליך איז א פיהרער וואס מוז זיך קליין מאכען אום גרויס צו ווערען.

קליינליך איז א פרוי וואס גיט אוועק די גרויסקייטען פון איהר נשמה פאר קליין־געלט.

קליינליך זיינען מענשען וואס פויקען אימער וועגען איינענע גרויסקייטען.

קליינליך זיינען מענשען וואס רעדען אימער וועגען פרעמדע קליינינקייטען.

וואס איז כבוד? פרעגט פאמפאדור.

כבוד — דאס איז א זאך וואס ביי אונז איז פערבונדען מיט אומכבוד דאס צו קריגען.

כבוד אין אונזער גאס — דאס איז א האספיטאל וואו ס'ליגען

קראנק אונזערע כלל־טהוער, שתדלנים, פאליטיקער און שרייב־קנעכט פון אלע סארטען.

כבוד ביי אונז — דאס איז א מיסטפעסעל, וואו ס'ליגען צוזאמענגעווארפען אלע אונזערע שמוציגע געפיהלען און מיסטיגע טהאטען.

פאר מיר איז א כבוד ווען איך האב ניט אייער כבוד.

וואס איז גאנצקייט? פרעגט פאמפאדור.

גאנצקייט — הייסט ניט דאס שרייען גאר אדער גאר ניט און דערווייל גאר גישט טהאן.

גאנצקייט — הייסט טהאן האלבקייטען און לאכען פון די האלבקייטען.

גאנצקייט — הייסט פערשטעהן די איינענע האלבקייט און צושפליטערטקייט.

איך האס האלבקייטען — אבער דאס לעבען זאגט: איך גיב דיר נאר אזוי פיעל וויפיעל איך וויל און ניט וויפיעל דו ווילסט...

ס'איז טאקע בעסער א גאנצער נאר איידער א האלבער חכם, אבער פון דעסטוועגען האס איך דעם ערשטען נאך מעהרער.

ס'איז טאקע בעסער א גאנצער קארגער איידער א האלבער בעל־צדקה, — פון דעסטוועגען האב איך דעם צווייטען פיעל ליעבער, ווייל איך קריג דאך אמאל פון איהם א טובה...

וואס איז אונשטערבליכקייט? פרעגט פאמפאדור.

אונשטערבליכקייט — איז דער שור־הבור פון די קינסטלער, דער לויתן פון די שעפפער.

אבער פאמפאדור גלויבט ניט אפילו אין מאדערנע לויתן'ס און אין נעא־מאדערנע שור־הבר'ס.

פאמפאדור לאכט פון אונשטערבליכקייט.

הויז־מייז, קליינע און גרויסע, קומט און זאגט עדות פיעל גרויסע ווערק, דיקע ווערק, אונשטערבליכע ווערק האבען שוין אייערע צייהנדלאך צוגריזשעט?

אונשטערבליכקייט — האבען אויסגעטראכט ביטרע שטערבליכע.

פאמפאדור לאכט פון אונשטערבליכקייט.

וואס איז איינזאמקייט? פרעגט פאמפאדור.

איינזאמקייט, דאס איז א פארוק פאר פליכעוואטע קעפ...

פיעלע קליינע און מיזעראבלע נשמות נוצען אוים די איינזאמקייט אום צוצודעקען די פוסטקייט פון זייערע נשמות.

איינזאם — איז דער וואס שטאלצירט ניט מיט זיין איינזאמקייט און בלייבט דאך איינזאם אין דער פרעהליכסטער געזעלשאפט.

איינזאם — איז דער וואס שלאגט ניט קיין קאפיטאל פון זיין איינזאמקייט און פערקויפט ניט שטיקלאך איינזאמקייט פאר קליין־געלד צו דער געזעלשאפט.

איך שטאלציר ניט מיט מיין איינזאמקייט און דאך בין איך איינזאם מיט אייך!

וואס איז ליידען? פרעגט פאמפאדור.

ליידען — הייסט אימער צינדען פייער אין דער נשמה.

ליידען — דאס איז דער אינערליכער הייץ־מאטעריאל פאר דער אויסערליכער קעלט.

ליידען — הייסט זיין ניכטער און וויסען פון די ליידען.

עס איז ניט קיין קונץ צו שרייען אז מ'ליידט און זיצען איבער'ן טרינק־טיש.

עס איז ניט קיין קונץ — פערגיסען ליידען מיט וויין און ליקער.

ליידען זיינען העכער פון דעם בעכער פון דעם שכור און דעם שטאפער פון דער שאמפאניער־פלאש וואס פליהט ביז'ן באלקען...

ליידען — הייסט, וויסען אז מ'ל י י ד ט.

תלמידים מיינע! איך מוז ליידען.

תלמידים מיינע! איך זוך צו ליידען.

אזוי האט גערעדט פאמפאדור.

### וועגן פּרעמיומס און ביזנעס.

איך האָב פיינט פּרעמיומס — זאָגט פּאַמפּאַדור.

א פּרעמיום — דאָס איז די פּישער־נעטץ אויפ'ן טוכלען טייך פון לעזער־פּאַנגעריי...

א פּרעמיום — דאָס איז אן אנטליהענער מאַנטעל אויף צו פערדעקען די ניט גאָר שעהנע פאָרמען פון אייגענעם קערפּער...

א פּרעמיום — דאָס הייסט בעהאלטען זיך הינטער דער פּליי־צע פון א שטאַרקען...

און ווי טיעף אונזערע ביכער־פּעדלער און אידעאַלען פערקויפער פערשטעהן דעם עסק.

זיי האלטען אין איין געבען פּרעמיומס.

פּיל אָן דיין זשורנאַל מיט שוואַטץ און בטלנות, נאָר גיב א פּרעמיום — און דו ביזט ניצול, פון בייזע מבינים און ע פּ ע ס פערלאַנגער...

רעד ניט וועגען דיין צייטונג — א ד וו ע ר ט י י ז נאָר די פּרעמ־יום, רעד נאָר וועגען דער פּרעמיום — און דו וועסט האָבען ער־פאָלג אויפ'ן מוטנעם טייך פון לעזער־פּאַנגעריי...

אזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

### וועגן בעלאַנגען און ניט בעלאַנגען.

און פון אלע זייטען האָט מען גערופען פּאַמפּאַדור'ן ער זאָל צו עפּעס בעלאַנגען: שליסט זיך אָן אין „ארב. רינג"! קומט אריין אין „עדת ישראל!" ווערט א מעמבער ביי די מינסקער! צאָהלט איין אין דער יוניאָן פון פּאָעטען! א. ז. וו., א. ז. וו.

און פּאַמפּאַדור האָט געענטפערט.

פריינד! בעלאנגען צו א פעראיין, הייסט אנשליסען זיך אן קליינע גארנישטען און דארום וויל איך בעסער בעלאנגען צום טאטען פון אלע גארנישטען — צום גארנישט אליין.

א פעראיין הייסט — נארישקייט בשותפות, מחלוקת — מיט א קאנסטיטוציע און אונארדנונג — מיט א פרעזידענט.

בעלאנגען צו א פעראיין — הייסט, האבען מיט וועמען זיך צו קריגען און איז דען אייך ווייניג די ווייב אין דער היים?

בעלאנגען צו א פעראיין — הייסט, צאהלען „דיוס" צו א טרעזשורער, וואס וועט זיכער אנטלויפען און וואָרום זאלט איהר וועלען ברענגען א אידען צו אן עבירה?

בעלאנגען צו א פעראיין — הייסט, האבען נאכ'ן טויט בע־שטימטע פיער איילען ערד און דאס מיינט: זיין געבונדען צו שטארבען נאר אויף דיזען און דיזען פלאץ און וואָרום זאלט איהר עס טהאן, ווען איהר האט פאר זיך א גאנצען ערד־קוגעל צום אויסוואהל?

און זייט ניט אין כעס אויף מיר, פריינד מיינע!

פאמפאדור איז פאר א פעראיינלאזע מענשהייט.

א פעראיינלאזע מענשהייט — הייסט, ביי פאמפאדור'ן, א מענשהייט א געזונדע, וועלכע קען זיך חבר'ן נאר מיט דער נאטור, האלטען מיטנגען אין וועלדער און האקען זיך אליין א קבר פון א שטיין.

פאמפאדור האלט זעהר פון דער חברה פון בוימער, וואס שאק־לען זיך אהן א פרעזידענט, פון זילבער־טייכען, וואס פליסען אהן רעבאטען...

פאמפאדור וויל זיינע נעכט פעראייניגען נאר מיט דער לבנה און שטערען.

און נאך אמאל: זייט ניט אין כעס אויף פאמפאדור'ן.

פאמפאדור האלט, אז בעסער שוין צו זיין שוואך פאר זיך איידער שטארק מיט הונדערטע שווינדזיכטיגע סאסייע־טי־ברידער.

בעסער טרינקען אליין וואסער פון א בלאטע, איידער פלע־שער ביער מיט א חברה און נאכהער קריגען די פלעשער אין קאפ...

א, איהר פערסאָסייטעטוועטע ברידער און שוועסטער מיינע, ווען איך וואָלט מיט אייך קיין מיטלייד ניט געהאַט וואָלט איך אייך געהאַסט.

אוי די „פּאַינטס אָוו אָרדערס״! אוי די וואַסער פאַר די טשערלייטע! אוי די האַמערס און די נעכט פון קריעג און מחלוקת!

ווען מ׳וואָלט דעם פ י י ע ר, וואָס מען פערשווענדט אויף „פּאַינטס אָוו אָרדערס״ צוזאַמענגעבראַכט אין איין אָרט, וואָלט מען געקענט פערברענען די אַלטע וועלט אפילו מיט איהר גאַנצען שימעל, און אויסברענען אַ נייע וועלט...

ווען מ׳וואָלט דאָס וואַסער, וואָס די טשערלייטע טרינקען אויס ביי די מיטינגען, פערנוצט אויף צו בעוועגען מיהלען, וואָלט מען געקענט בעשפּייזען אַ וועלט מיט פּאַעטען.

ווען מ׳וואָלט די קראַפט פון די אויסגעקלאַפּטע האַמערס איבערגעגעבען אין די הענד פון גוטע שמידען, וואָלטען זיי זיכער געקענט אויסשמיעדען דעם האַמער פון בעפרייאונג אָדער, אָם ווע־ניגסטענס, מיליאָנען־מיליאַרדען פּאָדקאָוועס פאַר פערד.

ווען די אַלע סאָסייעטי־ברידער וואָלטען זייערע נעכט אָב־געקריעגט זיך מיט דער ווייב אין דער היים אנשטאָט אין די לאָ־קאַלען, וואָלטען אַלע „באָרדערס״ געמוזט ח ת ו נ ה ה אַ ב ע ן און די מענשהייט וואָלט איצט געהאַט אַ דאָפּעלטע בעפעלקערונג...

תלמידים מיינע! ווילט איהר לעבען אינטערעסאַנט? — ראָן ערוועהלט אַ פּרעזידענט פון אייער גייסט, פאָלגט נאָר דעם האָ־מער פון אייערע געפיהלען, האָט מיטינגען מיט אייערע געדאַנקען, מאַכט „פּאַינטס אָף אָרדער״ בלויז צו אייער ג ע ו ו י ס ע ן און צאָהלט „דיומס״ בלויז צו אייערע ד ו ר כ ל ע ב ע נ י ש ע ן — און איהר וועט האָבען דעם שענסטען פעראיין פון ב ע ל אַ נ ג צ ו ז י ך אַ ל י י ן.

תלמידים מיינע, דער עיקר — זייט פריי! פעראייניגט זיך אפילו ניט מיט קיין פרוי — ווייל אַ פרוי, ווי אַ בענעפיט־פעראיין, וויל נאָר האָבען דעם בענעפיט פון א י י ך און ווייטער האָט זי אייך אין „שאָפ״.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.


HAUPTMANN
אויף די האַרטע שטיינער פון שטאָט

— שעהמט זיך ניט, תלמידים מיינע! — זאגט פאמפאדור.
שעהמען זיך היינטיגע צייטען, איז דאס זעלבע, וואס ארויס־געבען א ליטעראַרישען זשורנאל פאר אידיישע לעזער: צו ביידע מוז מען דערלעגען.

שעהמען זיך היינטיגע צייטען, איז דאס זעלבע, ווי צו עפע־נען א קרעמיל פון טלתים, מחזורים, סדורים און מזוזות צווישען איירישע און ערוואַרטען ערפאלג...

דאס גאַנצע מענשליכע לעבען איז היינט א פיראמיד פון חוצפה, אן „עיפעל־טהורעם" פון עזות'קייט — זעהט ווי שעהן, ווי הערליך דאס איז!

דער מענש ווערט געבוירען אן עזות־פנים: מאכט גוואלדען, איידער ער האט נאך די אויגען געעפענט, א פאר ברילען געקויפט צו זעהן, צי איז דא פאר וואס צו גוואלדעווען...

וואס איז בושה? — פרעגט פאמפאדור.

זאגט מיר ניט, אז דאס איז קינדערשע נאאיוויטעט: זאגט מיר ניט, אז דאס איז מיידעלשע ריינקייט; זאגט מיר ניט אפילו, אז דאס איז מענערשע עהרליכקייט — ניכער פון אלץ איז דאס שוואכקייט פון כחות...

און ווייעדער אמאל רופט פאמפאדור: שעהמט זיך ניט! בושה — דאס איז א שטארקע שלאס אויף דער טהיר פון גליק, וואס דער כיטרער טייפעל האט אויפגעהאנגען, כדי צו מאכען שפאס מיט'ן מענשען. נעהמט איהם אראפ!...

חוצפה — דאס איז אן אפענע טהיר צום פאלאץ פון ער־פאלג; געהט גלייך, און נעהמט וואס אייך קומט...

חוצפה — דאָס איז דער הויכער בוזים פון אַ פרוי, וואָס פערשטעהט איהר ווערטה אויפ'ן מאַרק פון לעבען און לוסט...

שעהמען זיך, מייגע פריינדע, הייסט, ניט לעבען, נאָר קרעכ־צען; הייסט, ניט בעוועגען זיך, נאָר שימלען...

שעהמען זיך — הייסט זיין אַן אבל אויף דער אייגענער חתונה; הייסט, קומען צו אַ טיש מיט גוטע מאכלים, איבערלאָזענ־דיג דעם אַפּעטיט אין דער היים.

אַז מען שעהמט זיך קען מען אפילו ניט ליעבען.

ווייל ליעבען הייסט — וואָגען; און וואָגען איז די מוטער פון חוצפה...

גרויסע שטאָדט, איך פערהייליג דיך! נאָר אין דיר ליעגט בעהאַלטען דער גרויסער אוצר פון חוצפה!

דער טומעל, דער הו־הא — דאָס איז דער נצחון פון אַ זונה געלעכטער איבער דעם צניעות'דיגען שמייכעל פון אַ דאָרף'ס מיי־דעל...

די הימעל קראַצערס, — דאָס איז דאָס חוצפה'דיגע רייסען זיך צו די הימלען פון לענדלאָרד'ן־גייסט און עם־הארצות...

חוצפה און עזות, — דאָס זיינען היינט־צו־טאָג אויף די חופה־אונטערפיהרער פון'ם טאַלאַנטלאָזען.

ווען אַ טאַלאַנט ווערט היינט געבוירען, פערטרויט איהם גאָט אַ סוד: בענוץ ניט דיין טאַלאַנט, אויב דו ווילסט מ א כ ע ן אַ ל ע ב ע ן.

און דער טאַלאַנט פאָלגט גאָט'ס עצה און ער ווערט אַ ביליגער דעקלאַמאַטאָר אויף גראַשענע קאָנצערטען, אַן אַקטיאָר אין אַ וואָדעוויל הויז — און פערקויפט זיינע שעפּפונגען פאַר ביליגע אַפּלאָדיסמענטען...

חוצפה — דאָס איז היינט דער יוניאָן־לייבעל אויף דעם מאַנטעל פון טאַלאַנטלאָזיגקייט!

אין בושה נויטיגט זיך היינט קיינער ניט.

קיינער שעהמט זיך שוין ניט מעהר חוץ דעם אַקטיאָר, וואָס דאַרף שפּיעלען אויף דער ביהנע די ראָלע פון אַ שעהמעוודיגען פערליעבטען...

קיינער ווערט שוין היינט ניט רויט. און, זעהט איהר, א פרוי וואס ווערט רויט אין געזעלשאפט, טא זוכט דעם סוד דערפון אויף די פאליצעס פון אן אפטייק.

תלמידים מיינע! דאס לעבען איז אן אייביגער דועל צווישען טומאה און קדושה, חוצפה און בושה, און אימער זיעגט די בושה און אימער איז גובר די חוצפה.

און ווארום זאלט איהר זיין די בעזיעגטע?...

אזוי האט גערעדט פאמפאדור.

ווענען קראנקע און געזונדע.

און צו פא־פאדור'ס אויערען האט דערגרייכט א בשורה, אז א געוויסער דאקטאר האט געפונען א זיכערען מיטעל צו שווינד־זוכט, און א וואלקען פון מרה שחורה האט זיך פערשפרייט אויף זיין פנים און ער האט צו זיינע תלמידים אזוי געזאגט:

תלמידים, איהר קראנקע שעפעלעך מיינע, איך בין יעצט אר־מעטיג און ווייסט איהר פאר וואס? —

ווייל איך בין נעגען דער אבשאפונג פון קראנקהייטען.

וואונדערט זיך ניט, הערט וואס פאמפאדור וועט אייך זאגען:

קראנק זיין — הייסט שרעקען זיך. און שרעקען זיך איז די שעהנקייט פון לעבען און געניסען: פרעגט די אשת־איש'ניקעס און זיי וועלען אייך זאגען...

זיכערהייט — הייסט שמאלץ אויפ'ן קערפער און שווינדזוכט אין גייסט; און מעהר פון אלץ שרעק איך זיך פאר שווינדזוכט פון גייסט.

שרעק — דאס איז א שפאנענדע פארערדע צום בוך: פ ע ר־ ש ו ו י נ ד ע ן, דער קארידאר צום פאלאץ פון אייביגען סוד—וואס הייסט טויט — און יוען ניט די מורא פאר'ן טויט וואלט דאס לע־בען געווען א לאנגער געגעץ פון אן אויפגעקומענעם גביר.

נעהמט אוועק די שרעק פון דעם מענשענ'ס נשמה, און זיין הארץ וועט אנהויבען שימלען ווי אן אלטער זעמעל.

זיין געזונד — הייסט זיין ברוטאל, הייסט זיין א פיזישע מאכט, הייסט זיין מעהר חיה ווי מענש.

זיין קראנק — הייסט זיין מעהר גייסט ווי קערפער, מעהר גאט ווי מענש.

פאמפאדור קען זיך ניט פארשטעלען א גאט מיט רויטע באקען און א שמאלציגען קארק ווי א ביי א פאליציסט.

קראנקהייט — איז אידעאל, מאראל, אינערליכע שעהנקייט און פאעזיע.

און פאעזיע — דאס איז די מוזיק פון א קראנקער נשמה.

געזונדע מענשען שרייבען ניט קיין ליעדער.

ליעבע — דאס איז דאס רעדען פון היץ, פון א פערוואונדעטער נשמה.

געזונדע מענשען חלום'ען ניט אפילו, און נעהמט אוועק פון דעם מענשענ'ס בעטעל זיינע חלומות און עס בלייבט א געלעגער פון א בהמה...

קראנקהייט — דאס איז אן אוננארמאלער פולס, — און אן אוננארמאלער פולס מיינט קאמפף.

שווינדזוכט — דאס איז דער לאנגזאמער טריקענען פון די ביינער: דאס איז די פ י ל א ז א פ י ע פון קערפער — און אהן פילאזאפיע וואלטען מיר ניט געוואוסט אז דאס לעבען טויג אויף כפרות...

שווינדזוכט — דאס איז דאס פריוואט אייגענטהום פון די ארבייטער, נעהמט עס ביי זיי אוועק און זיי וועלען ווערען פריי — און א פרייער ארבייטער־קלאס איז א געפאהר פאר דעם קלאס פון קאפיטאליסטען...

איך בין סתם געגען זיבערע ערפינדונגען אין דער מעדיצין. דאס קען שאדען די דאקטוירים. און דאקטוירים, זיינען דער פונדאמענט פון דער הערליכער געביידע וואס הייסט ל י ־ ג ע ן און דעם ליגען מוזען מיר אויפהאלטען, כדי מיר זאלען ניט זעהן דעם אמת, וועלכער איז ניט געזונד פאר די אויגען.

קראנקהייט איז היין — און שטעלט זיך פאר, תלמידים מייי־
נע, וואס פאר א פנים די מענשהייט וואלט געהאט, ווען מען שאפט
אב דאס היצען זיך.

אוואו וואלטען מיר געהאט דאן די רעוואלוציעס, קאנסטיטור
ציעס און בעוועגונגען?

תלמידים מיינע, זייט קראנק! קראנקהייט — איז רחמנות.

א קראנקע, רייכע מוטער איז אמאל געגאנגען שווער צו קינד,
האט זי געבארען א קאליקע און מען האט עס א נאמען געגעבען
רחמנות.

אהן רחמנות וואלט אונזער געזעלשאפט אויסגעזעהן ווי א
פאיאץ אהן א היטעל מיט גלעקלעך, און ווי א רחמנות־שוועסטער
אהן א ווייסען פארטוך...

איך בין פערליעבט אין קראנקע...

אלץ וואס וועהטאגט ניט איז גאר ניט ווערטה.

א הארץ אהן וואונדען איז א זייגער אהן א שליסעל צום אנ־
ציהען — עס איז ניט ווערטה צו טראגען אונטער'ן זשילעטקע.

א הארץ וואס בלוטעט ניט — איז א פראצענטניק־הארץ, א
הארצלאזעס הארץ.

און וואלט איהר דען געוואלט זיין פראצענטניקעס?...

אפילו א קאפ מוז אמאל וועה טהאן — ווען ניט איז דאס א
צילינדער־הוט פון א בעל עגלה און ניט קיין קאפ...

אפילו א קארטאפעל וואס איז פיעל קלענער ווי א קאפ, פיהלט
אויך וועהטאג, ווערט קראנק און הויבט אן פוילען...

תלמידים מיינע! איך בין פאר אלע קראנקהייטען, אהן אונ־
טערשיעד.

א געזונדע מענשהייט — איז פעראורטהיילט צום אייביגען
שקלאפען, ווייל נאר די יעניגע זיינען שקלאפען, וועלכע האבען ניט
קיין קראנקע נשמות...

דאקטוירים! נעהמט ניט אוועק ביי דער מענשהייט די שרע־
קען פון קראנק־ווערען!

דאס איז די איינציגע שעהנע זאך, וואס איז איהר נאך געבלי־
בען חוץ דעם שאקעל־שטוהל און סיגארען־רויך.

פערוואונד און הייל, שלאָג און קוריר ! — דאָס איז דער איי־
ביגער שפּיטאָל־צושטאַנד פון לעבען.
תלמידים מיינע ! איך היים אייך זיין קראַנק...
אזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

**וועגען גאַסען־קעהרער און זינד.**

איך בין געגען גאַסען־קעהרער, — זאָגט פּאַמפּאַדור.

גאַסען־קעהרער — דאָס זיינען שווארצע יעזואיטען, וואָס קליידען זיך אין ווייכען, אום אונז צו נארען.

גאַסען־קעהרער — דאָס זיינען מענשען, וואָס פערדעקען זייער אייגענעם שמוץ, זוכענדיג פרעמדען.

גאַסען־קעהרער — דאָס זיינען ריינקייט־ספּעציאַליסטען כּאר — שכירות.

איך בין פאַר מיסט.

ווען מען קען ניט האָבען קיין בלומען טעפּ אויף יעדען פענס־טער — טאָ זאָל בליהען די מיסט ביי יעדער טהיר.

ווען מ'קען ניט אוועקנעהמען דאָס מיסט פון יעדען פּלאַץ,— טאָ זאָל עס בלייבען אומעדום.

איך בין געגען ריינקייט.

ריינקייט איז די מוטער פון שעהנקייט, וועלכע די גרויסע שטאָדט האָט שוין לאַנג פערניכטעט.

שענקייט — מיינט א ברייט פעלד און א ברייט הארץ, און דאָס לעבען פון דעם היינטיגען מענשען איז אזוי ענג און שמאָל, ווי דער אריינגאַנג אין א טונעל.

קען מען איינגאַנצען אוועקנעהמען דעם שמוץ ? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

און ער ענטפערט : ניין ! —

ראַמט איהם אויס פון איין ווינקעל — ווערט ער געזהויירען

אין א צווייטען; נעהמט איהם אוועק פון אונטער׳ן טהיר — בעהאלט ער זיך אונטער׳ן בעט.

רייניגען שמוץ, תלמידים מיינע, איז בלויז א בעצאהלטע שטיקעל ארבייט פאר קהל׳שע קליאמקעס.

אומזיסט ראמט מען און אומזיסט רייניגט מען, כל זמן מענשען מוזען זיך טאג־טעגליך פון־דאס־ניי פערפאטשקען.

אומזיסט זיינען אלע אונטערזוכונגס־קאמיסיעס: פערטרייבט מען די זינד פון מזרח־שטאדט — מופט זי אין מערב־שטאט; פעריאגט מען זי פון בארג — קלייבט זי זיך אריין אין טהאל.

אויב ביי די רייכע איז ריינער אין די הייזער, איז דאס צוליעב דעם אויסגעשמירטען הויז־אויפזעהער.

בלאטע און שמוץ זיינען די ליעבלינג־קינדער פון דער היינטיגער ארדנונג; זיי זיינען נויטיג אום אויפצוהאלטען דיעזע ארדנונג, ווי ס׳איז נויטיג רויב און פאליציי...

די גאנצע געזעלשאפט איז א דעפארטמענט־סטאר פון שמוץ.

ארימקייט — איז א פאלקס־אויסגאבע פון שמוץ.

רייכטהום און לוקסוס — איז שמוץ אין א פראכט־אויסגאבע.

צניעות — איז פערדעקטע שמוץ.

פערשייטקייט — איז דעקאלטירטע שמוץ.

זנות — איז שמוץ אהן א פייגענבלאט.

פאמיליען־לעבען — איז שמוץ מיט א באנדעראל.

נעהמט אראפ דעם באנדעראל, מיינע פריינד, און איהר וועט געפינען דעם קאנטראבאנד...

און רחמנות האט פאמפאדור געהאט מיט די ארימע, וואס גראבלען זיך אין די מיסט־הויפענס און ער האט אזוי צו זיינע תלמידים גערופען:

תלמידים מיינע! נעהמט ניט אוועק די מיסט־פעסלאך פון אייערע הייזער כל־זמן מענשען דארפען דארט זוכען חיונה...

און נאכאמאל האט ער צו זיינע תלמידים גערופען:

תלמידים מיינע! פיינט האב איך תכלית־שנאה די שמוץ, וואס מען האלט אונטער׳ן בעט! — ווארפט עס ארויס אין גאס, אויף דער זון ווארפט עס ארויס, שעהמט זיך ניט!

יעדער פון אונז איז א שמוץ־וואַרפער: איינער וואַרפט עס ביינאַכט, ווען אַלע שלאָפען און א צווייטער — בייטאָג, מיט טור־מעל און ליאַרעם.

איינער וואַרפט עס  א י י נ ג ע ו ו י ק ע ל ט  אין א צייטונג און דער צווייטער — ש ר י י ב ע נ ד י ג  אין א צייטונג.

איינער וואַרפט עס פון א פענסטער און דער צווייטער — פון א ביהנע.

איינער וואַרפט עס אויף זיין אייגענער רעכנונג און דער צווייטער — אויפ'ן חשבון פון קהל...

דער סך־הכל איז, אז אַלע רייניגען זיך אויף דעם חשבון פון'ם צווייטען.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

## וועגען מענשען און חיות.

אַלץ אין דער וועלט איז פערקרימט, פערמישט און צומישט, זאָגט פּאַמפּאַדור.

קיין אָריגינעלע זאַכען זיינען ניטאָ און דאַרפען ניט זיין.

די וועלט האַסט אָריגינאַליטעט.

אין יעדער חיה איז דאָ עטוואָס מענשליכעס, און אין יעדען מענשען איז דאָ א היבשער טהייל חיה... א פערד האָט עהנליכקייט צו אן עזעל און א עזעל האָט אין זיך סמנים פון א פער'עקשנ'טען טהעאָרעטיקער. פאַראַן אויפגעקומענע גבירים, וואָס קוקען אויס ווי גענאָסען, און גענאָסען — וואָס קוקען אויס ווי לענדלאָרדס.

פאַראַן פילאָזאָפען, וואָס האָבען א פּנים פון האַלץ־העקער, און פאַראַן שניידער־יונגען, וואָס קוקען אויס ווי אמת'ע דיכטער...

אַלץ איז צומישט.

אָריגינעל זיינען בלויז היינט־צו־טאָג די משוגעים, און דאַרום זיצען זיי טאַקי אין די משוגעים־הייזער. יעדער מענש האָט

איז זיך „עפּעס“ פון א צווייטען, דער אָריגינעלסטער מענש איז נאָר דער צוקונפט־מענש, ווייל ער איז נאָך ניט געבוירען געוואָרען...

קיין אָריגינאַליטעט איז ניטאָ!

לעבסטו לאַנג מיט דיין פרוי, קריגט זי ד י י ן פּנים און דו — א י ה ר פּנים און איהר האָט ביידע ק י י ן פּנים ניט...

— האָט א חזיר א נשמה? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

און ער אליין ענטפערט: י ע!

ווייל יעדע נשמה, מעג זי זיין ווי געלייטערט, האָט אין זיך א היבשען פּראָצענט חזיר, און יעדער חזיר האָט אין זיך א טהייל נשמה.

האָט א מענש הינטישע טרייהייט — פרעגט פּאַמפּאַדור.

און ער אליין ענטפערט: יע.

ווייל טרייהייט איז א הינטישע זאַך.

ווייל פרייע, זעלבסטשטענדיגע בעשעפענישען זיינען בלויז טריי זיך אליין; האָוקען אין זייערע אייגענע ביידלאַך און גריי־זשען נאָר ביינער, וואָס דער בעל הבית וואַרפט זיי צו...

טרייהייט — הייסט שקלאַפעריי...

זיי ניט אָריגינעל, מיין פריינד, ווייל דאָס וועט זיך דיר ניט בעצאָהלען.

דו זיי בעסער א נאָכקרימער.

די נאָכקרימער — די זיינען היינט־צו־טאָג די קעניגע אויף די טראָהנען פון קונסט.

וואויל איז די נאָכקרימער!

דאָס פאָלק האָט זיי ליעב, דאָס פאָלק פערשטעהט זיי און, וואָס דאַרפסטו נאָך מעהר, ווי דאָס בעגייסטערונג פון פאָלק?

דער עולם ווייס ניט פון אָריגינאַליטעט.

געלינגט דיר דיין נאָכאַהמונג, זאָגט דער עולם: זעהט! ווי שעהן ער שרייבט דאָס, ווי גוט ער שרייבט דאָס! געלינגט דיר אמאָל ניט, האָט מען צו דיר אויך ניט קיין טענות! — ביזט דאָך ניט מעהר ווי א נאָכאַהמער...

די נשמה פון א מענשען איז היינט־צו־טאָג בלויז א נאָכקרי־מעניש נאָך א נשמה, וואָס איז ערגעץ געווען אמאָל — אמאָל...

פריינד! זייט אָוראָטנג־אוטאַטנגען און איהר וועט האָבען אָ ר י ג י נ ע ל ע ן גליק אין לעבען...

אזוי האָט גערעדט פּאָמפּאדור.

**וועגען שפּיגלען און פּרויען.**

תלמידים מיינע! צוברעכט די שפּיגלען!

אלע שפּיגלען זיינען ליגנער; א יום־טוב'דיגער ליגנער — איז א סאַלאָן־שפּיגעל, א וואָכעדיגער ליגנער — איז א קיך־שפּיגעל, א פּאַטעטישער ליגנער — איז א געשליפענער שפּיגעל, א בוזים־פריינד־ליגנער — דאָס איז א קעשענע שפּיגעלע.

צוברעכט אלע שפּיגלען!

א שפּיגעל — דאָס איז אויבערפלעכליכקייט אַנשטאָט פּער־טיעפונג, פּנים אנשטאָט הארץ, פּוסטער גלאַנץ אַנשטאָט ערנסט און געפיהל.

א שפּיגעל — דאָס איז א חניפה פאַר דיין אייגענע פּוסטקייט, דאָס איז א וויעגבעטעל פאַר דיין עגאָאיזם; ווי שעהן דו ביזט, נאַרט דיך דער שפּיגעל און דו מיינסט ס'איז אמת און דו לויפסט טהאָן מיאוס'ע זאכען...

א שפּיגעל — דאָס איז דער פּאַנאָגראף, וואָס האָט אין זיך גאָר ניט קיין אייגענס, נאָר ער גיט דיר צוריק דאָס, וואָס דו ג י ס ט א י ה ם...

א שפּיגעל — דאָס איז רעצענזיע אַנשטאָט קריטיק, אויבער־פלעכליכע מ ב י נ ו ת אַנשטאָט אבשאַצונג.

צוברעכט אלע שפּיגלען!

ווען ניט דער שפּיגעל וואָלטען די מענשען זיך געלערענט ט י ע פ ע ר צו קוקען...

א געוועהנליכער שפיגעל צייגט דיר מעהר ניט ווי דיין פנים. א גרעסערער בעווייזט דיר אויך דיין פיגור, א סאלאָן־שפיגעל צייגט דיר אפילו דיינע שיך — אבער ס'איז ניטא קיין שפיגעל, וואס זאל אבשפיגלען דיין נשמה.

א שפיגעל — דאס איז די ערפינדונג פון טייפעל. ווען דער טייפעל האט ערפונדען דעם שפיגעל, האט ער אזוי געזאגט: זאל דער מענש זיך אנקוקען און מיינען, אז ער איז ע פ ע ס. און איך וועל דערווייל טהאן דאס מ י י נ י ג ע.

א שפיגעל, ווי א קאלענדאר, איז דער רויבער פון דיינע טעג, דער עדות פון דיין אלטקייט, דער בוכהאלטער פון די קנייטשען אויף דיין שטערען.

א שפיגעל — דאס איז די פרייד פון די, וואס האבען פולע באקען און ניט פון די וואס האבען פולע הערצער.

נעהמט ארויס אלע שפיגלען פון די הייזער! — רופט אויס פּאטקאדור.

וואס מעהר שפיגלען עס געפינען זיך אין א הויז, אלץ ווייניגער שפיגעלט זיך דארט אפּ דער שלום־בית.

א שפיגעל — דאס איז אונזער היינטיגע קולטור, וואס גלאנצט אזוי שעהן פון פארענט און איז אזוי פערשטויבט פון הינטען.

צוברעכט אלע שפיגלען און קוקט דער וועלט גלייך אין פנים אריין!

און פונקט ווי די שפיגלען, אזוי זיינען די פרויען:

די פרוי איז דער שפיגעל פון אונזער גייסטיגען צושטאנד. ווייז מיר די פרוי, אין וועלכער דו ביזט פערליעבט, און איך וועל דיר זאגען וואס פאר א פנים דו האסט.

פון א פרוי, ווי פון א שפיגעל, האבען מיר זיך ליעב צו לאָזען נארען.

א שפיגעל, — ווי דאס הארץ פון א קאקעטקע, — איז קאלט, אבער גלאנציג און אנציהענד.

די נשמה פון א פרוי איז ווי דאס גלאז פון א שפיגעל; א י י ;

הויך מיט'ן מויל, ווערט עס פערדונקעלט און דו זעהסט שוין גאר נישט...

די ליעבע פון א פרוי איז ווי דאס גלאז פון א שפיגעל. עס ווערט לייכט פערשטויבט און דו דארפסט עס האלטען אין איין ריינינגען...

א פרוי, ווי א שפיגעל, דערזעהן באלד די ערשטע גרויע האר אין דיין קאפ.

פאמפאדור וויל נעהמען דעם ים פאר א שפיגעל. ער וויל זיין ווי די זון און זיך שפיגלען אין די טיעפע טיעפענישען פון די ברייטע וואסערען.

פאמפאדור וויל זיין ברייט און ריין ווי דער הימעל. ער וויל זיך שפיגלען אין די ענדלאזע וועלטען.

פאמפאדור'ס גייסט איז געהיימניספול ווי אן אור־אלטער וואלד. ער האט ליעב שאטענס, געהיימע גייסטער און סודות און וויל צומאל ניט ענטדעקען דעם סוד פון זיין אייגען פנים.

**תלמידים מיינע! צוברעכט אלע שפיגלען!**

**אזוי האט גערעדט פאמפאדור.**

### וועגען קליידונג און נאקעטקייט.

טהוט זיך אויס נאקעט, זאגט **פאמפאדור!**

קליידונג — דאס איז דער פוסטער **גלאנץ.**

**נאקעטקייט** — דאס איז די נאטור, די **קינדהייט, די אונ**־**שולד...**

שוין צופיעל איז דער מענש אנגעפעלצט, שוין **צופיעל** קליי־דער טראגט אויף זיך דער מענשליכער קערפער — **און פון דער**־פון נעהמט זיך די שווערע משא אויף זיין נשמה.

נאקעטקייט — **דאס** איז די ניט פערדעקטע קערפערליכע שעהנקייט. ווען דער מענש האט גענומען אן א ו י ס ש י ט

אויפ'ן לייב ערשט דאן מסתמא האָט ער זיך פערדעקט מיט שמאָ־טעס...

מענשען, וואָס זיינען געבענשט מיט ריינקייט פון קערפער, דארפען ניט מורא האבען פאר עין־הרע, האבען זיך ניט וואָס צו פערדעקען און דארפען זייערע נשמות ניט איינהילען אין מאנטלען.

תלמידים מיינע, איך בין פאר ענטבלויזונג!

איהר זאָגט: אז פערדעקען דארף מען דאָס וואָס איז מיאוס, און איך זאָג: אז דאָס מיאוס'ע אין מענשען קען מען ניט פער־דעקען...

קליידונג — דאָס איז דאָס קינד פון גאָס.

נאקעטקייט — דאָס איז דאָס קינד פון הויז.

איינינגע מענשען האבען בלויז א י י ן העמד אויפ'ן לייב, אבער זייער נשמה פערמאָגט מיליאָנען — און אנדערע האבען שראנקען מיט קליידער און זייער גייסט איז נאקעט ווי א בוים אום ווינטער.

ווען אלע מענשען וואָלטען אנגעפאנגען געהן נאקעט, וואָל־טען מיר קיין סטרייקס פון שניידער ניט געהאט און אפילו קיין שניידערישע פאָעטען...

דער מענש וואָלט אנשטאָט שווער ארבייטען אריינצוציעלען די פאָדים אין נאָדעל, געציעלט צו העכערע ציעלען...

ווען מענשען וואָלטען זיך דערזעהן נאָך אמאָל אין גאנצען נאקעט, ווי אין די ערשטע ווילדע צייטען, וואָלטען זיי ערשט איינ־געזעהן, ווי ווייט ווע־ניג זיי האבען פראָגרעסירט פון אָדם הראשון'ס פייגען־בלאט גארטעל ביז געפרעסטע הויזען, און ווי ווייניג רייכ־טהימער עס פערמאָגט זייער נשמה, א חוץ די רייכקייט פון מאָ־דעס און ציערונג אויפ'ן קערפער...

נאקעטקייט — דאָס איז ערלייכטערונג, פריעדען און שלום־בית. מענשען נאקעטע וועלען דארפען ווייניגער האבען און ממילא וועלען זיי ווייניגער דארפען אליין שקלאפען און פערשקלאָ־פען אנדערע...

נאקעטקייט וועט אויך זיין דער צורוף צו אמת'ער ריינער

ליעבע. נאקעטע געשלעכטער וועלען אדער קניען פאר דער שעהנ־קייט פון קערפער, פערהייליגען דאס פלייש און בלוט, אדער זיי וועלען בלויז פערגעטערען די נשמה... אבער ס׳וועט ניט זיין ווי די היינטיגע ליעבע, וואס מיהט זיך דורך א שטאלענעם קארסעט צוקומען צו דער נשמה...

פרויען, ארבייט פאר אייער נאקעטקייט — זי וועט אייך מעהר געבען ווי אייער גלייכבערעכטיגונג!

פרויען, האט קיין מורא ניט פאר ענטבלויזונג!

די צוקונפטיגע געזעלשאפט וועט זיין א נאקעטע, דער ל ע צ־ ט ע ר מ ע נ ש וועט זיין נאקעט ווי דער ע ר ש ט ע ר מ ע נ ש.

תלמידים, די נאקעטע מענשהייט קומט!

אזוי האט גערע־ט פאמפאדור.

דאמאלס האבען איהם זיינע תלמידים געפונען זיצענדיג אין איין העמד.

וועגען הימעל, ערד, זון און לבנה.

תלמידים מיינע, הייגט איז פריהלינג, און איך בין שיכור פון הימעלשען וויין, בעטרונקען פון זון און פון שטראהלען — טרינקט מיט מיר מיט!

תלמידים מיינע! איך האב ניט ליעב די ערד, — ווייל אויף איהר קען איך טרעטען...

איך האב ליעב דעם הימעל, ווייל איהם קען איך ניט דער־לאנגען...

א, איהר צוגעבונדענע צו דער ערד, קומט צו מיר, און איך וועל אייך ערהויבען צו די הימלען.

די ערד — דאָס איז עטוואָס, וואָס איז נאָך ניעדריגער פאַר דעם זוויל פון מיין שוך.

דער הימעל — דאָס איז עטוואָס העכער פון מיין העכסטען געדאַנק.

איך האָב ניט ליעב די ערד — ווייל זי איז דער באָדען פון מיין מאכטלאָזיגקייט.

איך האָב ליעב דעם הימעל — ווייל דאָרט בין איך דער אונבעשרענקטער הערשער.

איך האָב ניט ליעב די ערד — ווייל פון איהר בעפרייט מיך ניט אפילו דער טויט; בין איך ניט א ו י ף איהר, בין איך א ו נ ט ע ר איהר.

איך האָב ליעב דעם הימעל — ווייל פון איהם קען איך זיך שיידען גלייך ווי איך שלים מיינע ברעמען און לעש אוים מיין לעצטען חלום...

דער הימעל — דאָס איז די פרייע ליעבע פון דעם מענשען מיט דער נאַטור.

די ערד — דאָס איז די געזעצליכע ווייב, וואָס פלאָנטערט זיך אונטער די פים ביז'ן טויט.

די ערד — דאָס איז די שקלאַפעריי פון מענשען.

דער הימעל — דאָס איז פרייהייט פון געטער.

די ערד — דאָס איז דאָס פריוואַט־אייגענטהום פון רויבער, די פערבויטע פייער־פאַסטקע פאַר קבצנים.

דער הימעל — דאָס איז דער ר י ע ל ע ס ט י י ט פון פאָעטען; פליה זיך פריי, פריי, און בוי זיך לופט־פאַלאַצען וואו דו ווילסט נאָר...

און פאַמפאַדור האָט אויפגעהויבען זיין געזיכט צו דער זון און האָט אויסגערופען:

תלמידים! קוקט דער זון גלייך אין פנים אריין.

בעסער בלינד ווערען קוקענדיג אויף דער זון איידער פער־לירען די ראיה אין פאבריק ביי דעם שיין פון עלעקטרישע לעמפּ־לאָך.

זון — דאָס איז הייסע ליעבע, און נאָר איינגעפרוירענע פאָו־

שוינען האָבען מורא צוצוקומען נאָהענט צו איהרע שטראַהלען, זי זאָל זיי ניט צושמעלצען...

זעהט! איך קוק דער זון גלייך אין פּנים אריין; זאָל זי מיך ברענען.

נעהמט אוועק די שירעמס פון אייערע קעפּ, און קוקט דער זון אין פּנים אריין גלייך ווי איך! שירעמס זיינען בלויז גוט פאַר שוואַך־קעפּיגע...

דאָס איינציגע, וואָס איך האָב ניט ליעב אין הימעל, איז די לבנה. זי איז נאַריש ווי די פּנים'ער פון די פערליעבטע, וואָס קור־שען זיך אונטער איהר בלאַסקייט...

זון — דאָס איז מיט יעדער סעקונדע מיליאָנען ניי געבוירענע לעבענס.

לבנה — דאָס איז דער אייביגער בר־מנן פון הימעל.

פּאַמפּאַדור גלויבט, אז די זון וועט אמאָל אויסגעלאָשען ווערען, ווייל זי האָט אין זיך צופיעל לעבען, אבער די לבנה קען לעבען אייביג — א ט ו י ט ע.

די זון — דאָס איז די וואָהלטהעטיגע פּרינצעסין אין דעם לאַזורענעם פּאַלאַץ פון הימעל. זי איז שטאָלץ און טהיילט איהרע שטראַהלען פריי מיט אָפענער האַנד.

די לבנה — דאָס איז די איינגעשרומפּפענע קמצן'טע. זי לאָזט פאַלען איהרע קרענקליכע שטראַהלען מיט ציטערדיגע הענד.

און ניט אומזיסט מאַכען אַלע קאַרגע זייערע חשבונות פאַר דעם ליכט פון דער לבנה.

רופט צו מיר די זון: איך בין נאַאיוו און דאַרום ברען איך אזוי שטאַרק.

זאָגט צו מיר די לבנה: איך בין ערפאַהרען און דאַרום בין איך אזוי קאַלט.

תלמידים מיינע! הויבט אייערע קעפּ צו די הימלען, אבער היט זיך, אז רעדער זאָלען ניט אריבער איבער אייערע פיס, ווייל בייז און אייפערזיכטיג איז די ערד און זי נעהמט נקמה אָן די יע־ניגע, וואָס הויבען זייערע קעפּ צו די הימלען.

אזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

**וועגען שעהרען און געשוירענע.**

און ווען פּאַמפּאַדור האָט דערהערט, אַז די באַרבערס זיינען אַרויס אין סטרייק, האָט ער מיט גרויס פרייד אויסגערופען:

תּלמידים מיינע! די באַרבערס סטרייקען — זאָלען זיי סטרייקען. פּאַמפּאַדור איז געגען באַרבעריי אין אַלע איהרע פאָרמען.

באַרבעריי — דאָס הייסט, אַרונטער מיט'ן רעספּעקט, דאָס הייסט אַבווישען דעם גרעניץ צווישען יונג און אַלט.

באַרבעריי — דאָס הייסט נעהמען און מאַכען פון אַן אַלטען בעל־עבירה'ניק אַ גוט אַרומגעגאָלטען און אַ גוט אויסגעמאַסאַזשירטען יונגען מאַן, און עפענען פאַר איהם די טהיר צו נייע עבירות...

באַרבעריי — דאָס איז, חניפה פאַר'ן פּנים ווי פאַר דער נשמה און ניט אומזיסט איז דער גרעסטער טהייל פון באַרבערס קראַנק אויף חניפה.

באַרבעריי — דאָס הייסט, צושטעלען אַ חלף צו אַ פרעמדען האַלז און דערביי קוקען אין פענסטער און זאָגען וויצען...

באַרבעריי — דאָס איז אונזער ליגנערישע קולטור, וואָס פערגלעט איהרע קנייטשען פון אַבגעלעבטקייט, פערפּוידערט איהרע פּימפּעלס פון אינערליכע בלוט־פערגיפטונג, פערדעקט איהר פּליך פון זינד — און איז דאָך באַנקראָט...

אַ באַרבער־האַנט — דאָס איז אַ האַנט וועלכע גלעט און לאַשצעט דיך פאַר עטליכע סענט.

אַ באַרבער־האַנט — דאָס איז אַ האַנט, וועלכע גלעט אַק פּנים'ער גלייך.

אַ באַרבער־שטוהל — דאָס איז אַ שטוהל, וואָס דרעהט זיך ווי אַ קאָקעטישע פרוי אין אַלע זייטען.

פּאַמפּאַדור איז פאַר אַ בערדיגער מענשהייט.

באָרד -- דאָס איז בכבוד'יגע אַלטקייט, דאָס איז רעספּעקט פאַר'ן זיידען...

באָרד — דאָס איז א ישוב־הדעת קאַמעראַד, א פריינד מיט וועמען זיך צו האַלטען אַן עצה אין אַן עת צרה און אַ פריינד איז היינטיגע צייטען זעהר טהייער...

ווייסע בערד — דאָס איז שעהנקייט פון דורות, דאָס איז טראַדיציע.

פּאָמפּאַדור האָט פיינט די באָרדלאָזע מענשהייט, די אַלטע וואָס זעהען אויס ווי די יונגע און די יונגע וואָס זעהען אויס ווי די אַלטע...

ער האָט פיינט אַ מענשהייט, וואָס האָט אַ גלאַט־ראַזירטען פּנים פאַר אַלעמען, איין סקאַרבאַווען שרינט אין יעדענ'ס קאָפּ פּונקט ווי דער קנייטש אויף די הויזען...

גלייך געשוירען — גלייכע פּלאַכהייט! גלייך געגאָלט — גלייך צושניטען!

תלמידים מיינע! איך וויל א וועלט פון פערשיעדענאַרטיגקייט, איך וויל פערשיעדענע בערד, לאַנגע און גאָר לאַנגע, האַלב גרויע און גאַנץ גרויע, ווייסע און גאַנץ ווייסע; איך וויל אמת'ע ע ל־ט ע ר ווי אמת'ע י ו נ ג ע נ ד!

זאָגט אַליין! קען מען ליעב האָבען א יוגענדליכקייט וואָס איז אַבהענגיג פון געבען טרינק־געלד דעם באַרבער?

תלמידים מיינע! איך וויל א מענשהייט מיט בערד אום צו קענען אונטערשיידען פון שוואַרץ ביז ווייס, פון געל ביז רויט...

תלמידים מיינע! מיינט ניט, אז א באָרד איז בלויז „א שפּיעל־גאַרטען" פאַר יונגע קונדסים.

איך האָב ניט ליעב די עלעקטריק־מאַסאַזש־מאַשינע, וואָס מוטשעט זיך אומזיסט צו מאַכען פון אַלט יונג. זי קען בלויז ברומען, זשוושען אבער ניט העלפען.

איך האָב פיינט יוגענד־פרישקייט אויף פּנים'ער, וואָס ווערט בלויז אויסגעוואַרעמט מיט הייסע האַנדטוכער...

איך האָב זעהר ניט ליעב מענשען, וואָס אַנשטאַט פערגיסען

בלוט פאר אידעאלען, בענוגענען זיך מיט דאָס ביסעל בלוט וואָס זיי פערגיסען אויפ'ן בארבער־שטוהל.

תלמידים מיינע! פּאָמפּאַדור מעג קריגען נאָך אמאָל אזוי פיעל קנייטשען, ער וויל זיי ניט פערגלעטען מיט א נישטיגער גומקע!

און דאָס זעלבע איז מיט האָר.

פּאָמפּאַדור וויל אז האָר זאָלען ניט זיין בלויז דער אייגענטהום פון פאַלשע פּאָעטען.

האָר — דאָס מיינט וואקסען, דאָס הייסט קריעגען מעהר לעבען, זאפט און כח.

יעדעס קינד ווערט געבוירען נאַקעט, האָרלאָז און הילפלאָז. מיט דעם וואקסען פון זיינע כחות וואקסען אויך זיינע האָר...

פּאָמפּאַדור האָט ליעב די שמשון־לאָקען, די גבורה פון די לאַנג־האָריגע נאַטור־קינדער!

אָה, איהר צושניטענע מאָרדעס, פערפּוידערטע פּנים'ער, פּער־צלם'טע באַקען, פּאָמפּאַדור רופט צו אייך: סטרייקט מיט די באָרבערס!

נעהמט אוועק אלע בארבער־שטוהלען, פערשליעסט אלע ראזיר־הייזער און קעהרט זיך אום צו דער נאַטור!

מאַכט פון אייער קאָפּ א וואַלד און פון אייער האָרץ א ריינעם נאַטור־קוואַל!

און א טיעפער קנייטש האָט זיך בעוויעזען אויף פּאָמפּאַדור'ס שטערען און ער האָט ווייטער גערעדט:

אָה, די געשווירענע און די שעהרער זייערע!

שוין צופיעל שערט מען דאָס פאָלק און עס פערשטעהט ניט...

אָה, פאָלק, דו אייביגער לעמעל! עס שעהרען דיך די בארבער־יונגען און עס שעהרען דיך די וואָלל־סטריט מאַגנאַטען און עס פערענדיגען די פּאָליטישענס דאָס וואָס עס האָבען ניט געענדיגט די מאַגנאַטען...

פּאָמפּאַדור וויל אז דאָס פאָלק זאָל זיך אויפהערען לאָזען שעהרען.

אזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

**וועגען קריכען און קריכער.**

תלמידים מיינע! ווי גוט עס איז צו קריכען אויף אלע פיער, ווי גוט ס'איז צו זיין א קריכער!

קריכען — איז דער פאטער פון דערגרייכען.

ניט אלע שטאלצע און הויך־געהויבענע קעפ דערלאנגען דעם הימעל — מעהרער קלאפען זיי זיך אן די נידריגע סופיטען.

פריינד, פאמפאדור ווייסט וואס ער זאגט!

וואס מעהר א מענש קריכט, אלץ מעהר דערגרייכט ער. די געזעלשאפט האט גרויס אכטונג פאר די קריכער פאר די חזיר־גייסטער, וואס שלעפען זייערע פיס מיט שטיקער בלאטע, וואס רו־קען זייערע שנוקעס אין געמייזאכץ.

די היינטיגע געזעלשאפט איז שטאלץ אויף איהרע קריכער, אויף איהרע פויזענדע זעעלעס...

קריכען איז א וואוילע זאך, תלמידים מיינע!

דאקטוירים, מאגען־פערזארגער און קישקע־פערהיטער, וואס זאגט איהר וועגען קריכען?

אוי, די דאקטוירים, ווי איך ליעב זיי! נאר זיי אליין זיצען אימער און טראכטען ווי צו ברייגנען דעם היינטיגען שטאלצען צוויי פוסיגען צום צוקונפטס־גליק!

אט הער איך א דאקטאר זאגט: דענקט מיט'ן זייט, — וועט איהר לעבען אייביג!

אט קומט א צווייטער און זאגט: גענעץ מיט דער לינקער פוס — און איהר וועט אימער זיין שעהן און יונג.

אט קומט א דריטער און רופט: ניעדער מיט'ן קאפ פון דעם מענשען, ווער דארף איהם? עס איז ניט ווערטה דאס היטעל— מ'מוז איהם אבשאפען!

אט קומט א פערטער און בעהויפטעט, אז אום צו פערהיטען

פון בויך־שמערצען זאָל מען שלינגען טשוועקעס און קייען טעלעג־ראַף־סלופּעס.

און אָט קומט א פינפטער און ענטדעקט א נייעס, אז אום צו פערדייען דעם עסען זאָל איינער קריכען אויף אלע פיער.

קריכען! גאָט פון זאמד און ווערים, ווי גוט ס'איז!

זאָל בלויז געמאכט ווערען דער אַנפאנג צוליעב'ן מאָגען, נאָכ־הער וועלען מיר קריכען אום צו ראַטעווען אונזערע נשמות...

אן ארבייטער וואָס קריכט פאר'ן באָס, איז אימער מעהר ערפאָלגרייך ווי דער שטאָלצער...

און אפילו אין ליעבע געווינען אויף מעהרער די קריכער און די קליינע שיכלאך לעקער...

קענסט זיך זיין שטאָלץ ווי נאַפּאָלעאָן, א מאן מיט כאראקטער ווי צעזאר אליין, וועסטו ביי א פרוי ניט געווינען ווען דו ליגסט ניט צו איהרע פיס.

און פערקעהרט — די קניען־בויגער, די אויף אלע פיער פוי־זענדע פערליעבטע, געווינען מעהרסטענס אפילו ביי די הארטעס־טע פרויען...

תלמידים מיינע, לערנט זיך צו קריכען און איהר וועט הא־בען ערפאָלג!

אזוי האָט גערעדט פּאָמפּאדור.

וועגען שטויב און רייגקייט.

תלמידים מיינע! איצט איז פריהלינג און איך וויל מיט אייך רעדען וועגען שטויב און ריינקייט.

פּאָמפּאדור איז געגען ריינקייט און פאר שטויב.

ריינקייט — דאָס איז אָפענע פענסטער — און אָפענע פענס־טער — דאָס איז שמוץ פון גאָס...

און גלייכער איז שוין פערוואקסען ווערען אין אייגענעם שטייב אײדער אין פ ר ע מ ד ע ן שמוץ.

שטויב, דאס איז הייליגקייט, דאס איז טראדיציע.

הייליגע ספרים — זײנען ניין און נײנציג פּראָצענט שטויב און איין פּראָצענט הייליגקייט.

נעהמט אוועק דעם שטויב פון אייניגע ספרים און ס'וועלען בלייבען אָרימע גערדאַנקען צושטעלט אין שורות.

שטויב, איז דער פאטער פון מאָנאַסטירען און פערשלאָסענע צימערען.

פּאַמפּאַדור איז פאר שטויב.

א הויז אָהן שטויב איז ווי אַ קוימען אָהן רויך, ווי אַ גאס אָהן טומעל, ווי פאַמיליען־לעבען אָהן קריעג...

שטויב — דאס איז דער גרויער חלום פון אונזער ווירקליכ־קייט, דער סוד פון אלטעגליכקייט. די פילאָסאָפיע פון סטעליע...

שטויב, דאס איז אלעס: די גרויקייט פון בראשית, דער סוד פון ווערען און פערשווינדען.

בערג מיט שטויב — דאס איז היסטאָריע.

שטויב — דאס איז דער גרעסטער פיהרער פון יעדע מחנה: אפריהער קומט דער שטויב, נאָכהער די פערד און נאָכהער די פיה־רער...

און פּאַמפּאַדור האָט זיך א ווײלע פערטיעפט אין זיך און ער האָט ווייטער גערעדט:

שטויב, דאס איז ל י י ד ע ן. דאס איז דער טאָג טעגליכער „אָנפאַל" אויף דער פיהלענדער נשמה.

יעדער טאָג האָט זיין קלאָג און יעדע סעקונדע איהר שטויב.

שטויב — איז גלייך צו דער זון. די זון שיקט איהרע שטראה־לען פאר אלעמען גלייך. און דער שטויב פאַלט גלייך אויף גע־שליפענע שפיגלען און ערדערנע כלים, אויף זייד און אויף ליי־ווענט, אויף קופער און אויף גאָלד.

שטויב ווייס ניט פון קיין קלאסען. פאר'ן שטויב איז ניטאָ קיין רייכע און אָרימע!

מעהר ניט די רייכערע צווינגט ער צו האלטען דיענסטען איהם צו ראַמען. און די אָרימערע ראַמען אליין.

שטויב — דאָס איז די אייביגקייט אליין, וואָס פערשטויבט אונז אין איהר שנעלען לויפען.

פאַמפּאַדור איז פאַר אלע פערשטויבטע פון דער וועלט.

יעדע ריינע נשמה מוז זיין פערשטויבט.

וואָס קלעהרער דער קאָפּ אלץ פערשטויבטער איז דאָס היטעל.

פערשטויבטע שיך — דערצעהלען איך, אז י ע נ ע ר איז געגאנגען צופוס, געליטען און געבלאָנדזשעט, געפּלאָגט זיך און געזוכט ערגעץ אין די ווייטע ווייטקייטען.

און נאָר דער וואָס זוכט און בלאָנדזשעט וויים פון אמת.

פאַמפּאַדור האָסט אלע צוכטען. די מענשען וואָס לאָזען אויף זיך ניט פאַלען קיין שטויבעלע...

ווי אָפּט פערמאָגט דער וואָס האָט קיין שטויבעלע אויף זיינע קליידער א נשמה פון א חזיר...

א פערשטויבטער מענש — איז א מענש מיט עפּעס מעהר...

אלץ וואָס לעבט און בעוועגט זיך מאַכט שטויב און קומט צום שטויב.

די קליידער פאַר דער נשמה ווי די קליידער פאַר׳ן גוף שטויבען זיך.

פאַמפּאַדור האָסט די יעניגע וואָס געהען ארום, און רייניגען פרעמדען שטויב פון פרעמדע אַקסלען און אליין האָבען זיי פודען בלאָטע אויפ׳ן געוויסען...

פאַמפּאַדור אַנטלויפט פון די שטענדיגע אָבשטויבער, די שטענדיגע בערשטעל־טרעגער, די וואָס מאַכען דאָס קראַצען פון פרעמדע נשמות אלם מלאכה, די וואָס קרימען און מאַכען זויערע פּנים׳ער פון יעדע שטויבעלע.

דאָס לעבען איז ווי א מיהל וואָס גיט גלייכצייטיג ארויס אי מעהל צום לעבען און אי שטויב אום צו שעדיגען די לונגען...

און דאָס זעלבע ווי פאַמפּאַדור האָסט די שטענדיגע בערשטעל־טרעגער, האָסט ער אויך די בערשטלאָך.

בערשטלאך — דאס זיינען קאליקעס קריטיקער, וואס מאכען אן מיט זייערע קריטיקען מעהר שטויב ווי דער פערפאסער.

בערשטלאך — דאס זיינען נארישע רעפארמער, וואס קראצען דעם שטויב פון אויבען און מיינען, אז זיי קעהרען וועלטען.

און ס'איז ניט קיין וואונדער: בערשטלאך זיינען געמאכט פון חזיר־האר, היינט געה פערלאנג פון א חזיר — ריינקייט!

תלמידים מיינע, רייניגט ניט קיין שטויב, ווארום וואס מעהר איהר וועט רייניגען אלץ מעהר וועט איהר איינזעהן די נוצלאזיג־קייט פון רייניגען...

תלמידים פאמפאדור איז פאר א וועלט פון שטויב, ווייל מעהר ווי שטויב פערמאגען מיר אלץ איינס ניט.

אזוי האט גערעדט פאמפאדור, און האט פערקלאפט דאס פענס טער.

וועגען אלטע און נייע פרעזידענטען.

איך האב בעסער ליעב אן אלטען פרעזידענט איידער א נייעם, זאגט פאמפאדור.

א נייער פרעזידענט — איז, נייע פארב און פודער און נייע חנ'דעלעך פון דער אלטער מאדאם פאליטיקע, צום אייביגען נאר, דאס פאלק.

א נייער פרעזידענט — איז, אנ'אלט־געבאקענער ליגען, אב־געפרישט פון דאס ניי, א נייער זייפען־בלאז פון האפנונג, וואס פלאצט אזוי שנעל, ווי זיין פארגעננער.

אן אלטער פרעזידענט — דאס איז א טויטער פאליטישער בלאף; א בר־מנן פון הבטחות און ישועות, וואסווארט אויף קבורה.

אן אלטער פרעזידענט — דאס איז א ניי שטיקעל היס־טאריע, און אלץ וואס איז היסטאריש איז מיר הייליג און ליעב— ווייל היסטארישע העלדען זיינען בלויז פאפיערענע...

דער בעסטער פרעזידענט איז דער, וואס פרעזידענטעוועט אם־ווייניגסטען; די סאמע בעסטע פרעזידענטען זיינען יענע, וואס האבען געלעבט אמאל, אמאל, און פרעזידענטעווען בלויז אין דער פערגאנגענהייט, און דעריבער מאכט מען זיי מאנומענטען און מען קריצט אויס זייערע געזיכטער אויף מטבעות.

אזוי ווי דעם ר י ח פון אן אבגעשלאגענער הושענא, אזוי ווי דעם שטויב פון אן אלטען לוח, אזוי ליעב איך דעם שמייכעל פון א פרעזידענט, וואס פערלאזט זיין שטוהל. אזא שמייכעל קען קיינעם ניט שאדען...

דאגעגען האב איך פיינט דעם שמייכעל פון א הערשער, פון א לייצע־האלטער, פון א טהראן־בעשטייגער, ווייל דאס בעדייט א נייע געפאהר און א נייע סכנה.

א נייער פרעזידענט — בעדייטעט, א נייע סטאדע הונגעריגע רזשאב־זוכער און הויט־שינדער אויף א נייעם ב ו ד ז ש ע ט.

א נייער פרעזידענט — בעדייטעט, א נייע נעץ פערצויגען אויפ'ן מארק פון האנדעל מיט נייע פאלקס־אידעאלען.

א נייער פרעזידענט — איז, א נייע וואדעוויל שאו פאר די צייטונגען, נייע בילדער פאר מואווינג פיקטשורס, א נייער ראמאן מיט'ן פאלק, א נייע טראגי־קאמעדיע וואס שפיעלט זיך אין ו ו י י־ס ע ן ה ו י ז־ט ה ע א ט ע ר גאנצע פיער יאהר...

וואס איז רעגיערונג? — פרעגט איהר.

און פאמפאדור ענטפערט: רעגיערונג איז א קאסטבארע קריעג צווישען פאלק מיט זיינע גוט־בעצאהלטע רעגיערער, אין וועלכען דאס פאלק ווערט אימער גענומען אין פלען, און בעצאהלט די קריעגס־קאסטען.

רעגיערונג — איז דער געזעצליך־בערעכטיגטער גוואלד, די קאנסטיטוציע פון קלאב.

זעלבסטהערשונג איז א הארב פון געבורט.

קאנסטיטוציאנעלע רעגיערונג — איז דאס פערקריפעלטע קינד פון פרייהייט.

די ק ל י נ ס ט ע צייט פאר'ן פאלק, איז, דער „ואין

מלך" פּעריאָד — דער צווישען־צייט פון איין הערשער און צוויי־טען, ווייל דאן זעהט ער אַרוים שאַרפער זיין רעכטלאַזיגקייט.

די נ ל י ק ל י כ ס ט ע שטיקעל צייט פאַר'ן פּאָלק, איז, דער סוף זמן פון א פּרעזידענט, ווען דער אַלטער לאַזט אַלץ איבער פאַר'ן נייעם און דער נייער האָט נאָך זיין ממשלה ניט געקראָגען.

די צווישען־צייט, איז, דעם פּאָלק'ס „פרייע ליעבע" מיט דער רעגיערונג.

אַן עקס־פּרעזידענט, איז, ווי א גע'גט'ע ווייב — מ'קריגט זי ליעב נאָכ'ן גט.

א נייער פּרעזידענט, איז, ווי א צווייטע ווייב — זי דער־מאָהנט אָן די מיאוס'ע טהאַטען פון דער ערשטער, אָבער אָהן די לאַסקעס פון דער ערשטער.

פּאַמפּאַדור טרוימט אמאָל פון א ווהייט הויז אָהן א פּרעזידענט און פון א רעגיערונג אָהן א ווהייט הויז — פון א פּאָלק מיט פּער־שטאַנד.

פּאַמפּאַדור טרוימט אמאָל פון א רעגיערונג פון בלויז עקס־פּרעזידענטען.

און ווען פּאַמפּאַדור האָט צוגעזעהן דאָס פרעהען זיך פון פּאָלק מיט דעם אויפטריט פון נייעם פּרעזידענט, האָט ער אויסגערופען:

אַה, פּאָלק! פּרעזידענטען געהען און פּרעזידענטען קומען, אָבער דער טהראָן פון גערעכטיגקייט בלייבט אימער פּוסט.

אה, איבערמענשליכער טרוים מיינער פון מענשען־גליק, זאָג! ביזטו ניט דער עקס־פּרעזידענט פון דעם ווהייט־הויז פון מיין נשמה, וואָס איך ליעב דיך אזוי? — זאָג!...

אזוי האָט גרעדט פּאַמפּאַדור אין דער צייט, ווען טאַפט איז ארויף אויפ'ן שטוהל.

און די תּלמידים האָבן אַרומגערינגעלט פּאַמפּאַדור'ן און איהם געפרעגט, וואָס איז זיין מיינונג וועגן דעם יקרות אויף פּאַ־פּיר.

איז דאָס ניט קיין נאַציאָנאַלער אומגליק? שטעלט עס ניט אין געפאהר אונזער קולטור?

און פּאַמפּאַדור האָט אַ שמייכעל געטהאָן און נאָכדעם אַזוי געזאָגט:

דער יקרות אויף פּאַפּיר איז ניט קיין אומגליק נאָר אַ גליק.

פּאַמפּאַדור איז פאַר אַ ש ט ע נ ד י ג ע ן יקרות אויף פּאַ־פּיר.

זאָל אַלץ זיין ביליג: עסענוואַרג, ווי געטראַנקען! — אָבער אויף גייסטיגע שפּייז און גייסטיגע געטראַנקען מעג זיין דער גרעס־טער יקרות.

און אַ יקרות אויף פּאַפּיר — הייסט, אַ יקרות אויף גייסטיגע שפּייז און גייסטיגע געטראַנקען.

פּאַמפּאַדור איז אין גאַנצען געגען פּאַפּיר.

ווען עס ווענדט זיך אָן פּאַמפּאַדור'ן, וואָלט מען אין גאַנצען אָפּגעשאַפט דאָס פּאַפּיר פון דער וועלט, אָפּגעשטעלט אַלע פאַב־ריקען, וואָס מאַכען פּאַפּיר און ממילא די אויסגאַבען פון ביכער און צייטונגען.

ווען מען נעהמט אַראָפּ דעם גיגאַנטישען באַרג געדרוקטען פּאַפּיר פון דעם מענשליכען האַרצען — וואָלט די מענשהייט זיכער פריי אָפּגעאָטעמט. זי וואָלט זיך אויפגעהערט שפּייזען פון גרייטע געביכערטע געדאַנקען, נאָר זי וואָלט גענומען אַליין זוכען איהר גליק...

פריי, פריי וואָלט געוואָרען די מענשהייט, ווען מען בעפרייט

איהר פון די הרודעס פּאַפּיר, וואָס דריקען איהר גייסט און פער־שטויבען איהר נשמה.

יונג, יונג וואָלט די מענשהייט געוואָרען. יונג און פריש פון דאָס ניי.

איהר הארץ וואָלט אנגעהויבען קלאַפּען צוריק מיט דעם ריטם פון די ערשטע דורות...

פּאַמפּאַדור טרוימט וועגען א פּאַפּירלאָזער מענשהייט.

פּאַפּיר — איז לויט פּאַמפּאַדור'ן — די מיאוס'טע ערפינדונג פון דעם מענשען נאָך דער תפיסה.

פּאַפּיר, ווי די תפיסה, האָבען אוועקגערויבט די פרייהייט פון מענשען צו בעוועגען זיך לויט זייער אייגענעם ווילען...

פּאַפּיר — איז די גייסטיגע מוטער פון דער היינטיגער דע־מאָקראַטיע. יעדער איינער טראָגט זי, די דאָזיגע דעמאָקראַטיע, אין קעשענע ווי א צייטונג — און דערום איז זי אזוי ב י ל י ג.

פּאַפּיר — איז די מוטער פון דער מארק־שרייענדער עפענט־ליכקייט, די קרעמערקע מיט שטיקער נשמה פאר גראָשענס, די בעשאַפערין פון שרייבען אַלס פּראָפעסיאָן.

פּאַפּיר — איז דער פערביללינגער פון גאָט'ס וואָרט. ווען ניט דאָס פּאַפּיר, וואָלט גאָט'ס וואָרט געווען טהייערער. וואָלט דער פרייז אויף נשמה־פּראָדוקטען געשטיגען.

פּאַפּיר — איז די היים פאר'ן ליגען. דער ערשטער ליגען האָט געפונען זיין דירה אויפ'ן פּאַפּיר.

פּאַפּיר — איז דער מעצענאַט פון יעדער טאַלאַנטלאָזיגקייט — די ערשטע טאַלאַנטלאָזיגקייט איז אונטערשטיצט געוואָרען פון פּאַפּיר.

פּאַפּיר — האָט געגעבען די מעגליכקייט יעדען ב ע ז ד י ע ט־נ י ק פון געדאַנק און י ע ו ו נ ו ך פ ו ן ג ע פ י ה ל צו ווערען א דענקער און א פּאָעט פאר א פּענע...

ווען ניט דאָס פּאַפּיר — וואָלטען מיר ניט פערמאָגט אזוי פיעל שרייבער און וואָרט־זאָגער, וואָס האָבען גאָר ניט וואָס צו שרייבען און צו זאָגען, אויסער דאָס צושטעלען פון א סך פּאַפּיר צום דרוקען.

און פּאַמפּאַדור האָט אַ קרעכץ געטהאָן און האָט ווייטער גע־רעדט.

פּאַפּיר — דאָס איז דער שרעקליכער האַרב פון אונזער ציוויליזאַציאָן.

תלמידים! ווי גליקליך איך וואָלט געווען, ווען איך וואָלט איך געקענט פאַרשטעלען אַ פּאַפּירלאָזע מענשהייט!

נאַר, אויב אָהן פּאַפּיר — איז אונז ניט מעגליך צו לע־בען, ווי אָהן פרויען. טאָ לאָז לכל הפחות זיין אַ יקרות אויף פּאַ־פּיר, ווי אויף ראַדיום!

זאָל די ארויסגעבער אנקומען וואָס שווערער צו קריגען פּאַ־פּיר, וועלען זיי דרוקען נאָר דאָס שעהנסטע, דאָס קירצסטע און ניצליכסטע.

זאָל דעם שרייבער אַנקומען אמטהייערסטען צו קריגען פּאַפּיר, וועט ער ניט אַזוי שנעל פּער'קנס'ן זיין געדאַנק מיט פלאַכהייט...

זאָל יעדער שעהנער געדאַנק ווערען ביי דעם שרייבער, ווי אַ טאַכטער, וועלכע איז שווער אויסצוגעבען...

זאָל די רעגיערונג איבערהויפּט ערלויבען בענוצען פּאַפּיר נאָר צו איינצעלנע, צו אויסערוועהלטע.

פּאַמפּאַדור איז פאַר דעם אַללגרעסטען יקרות אויף פּאַפּיר!

אַ יקרות אויף פּאַפּיר — הייסט ביי פּאַמפּאַדור'ן — געדאַנ־קען־קאָנטראָל.

און געדאַנקען־קאָנטראָל, איז נאָך פיעל נוצליכער, ווי קינדער־קאָנטראָל.

ווייל אַזוי ווי די גליקליכסטע קינדער זיינען די ניט געבוי־רענע, אַזוי זיינען די גרעסטענסטע געדאַנקען די ניט געשריעבענע. און די שעהנסטע געפיהלען די, וואָס בלייבען ליעגען אויפ'ן דעק פון הארצען.

דאָס זיינען די פּערלען אויפ'ן גרונד פון ים.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

וועגען סדרים, און קשיות.

און פּאַמפּאַדור האָט צוגעזעהן ווי דער עולם האוועט און שמייעט, כשר'ט און שייערט און גרייט זיך צו די סדרים, האָט ער זיך פערטראַכט און אַזוי געזאָגט:

תלמידים מיינע! איך האָב ניט ליעב קיין סדרים.

סדר — דאָס מיינט פאַלשער וויין, פאַלשע מלכים, פאַלשע מלכות און א פאַלשע מלוכה. און מיר איז שוין ליעבער עכטע שקלאַפעריי, עכטע שקלאַפען און עכטע מעטרעסעס...

פּאַמפּאַדור גלויבט איבערהויפּט ניט אין קיין סדרים.

סדר — דאָס איז בורזשואַזע רוהיגקייט, בעלי הבית'ישע גע־מיטליכקייט, א קישען פאַר דעם געוויסען...

סדר — דאָס איז אויסגעצעהלטע כוסות, מיט א ברכה פ אַ ר יעדען כוס, און א טרוקענע ז אַ ג ע כ ץ נ אָ ך יעדען כוס.

סדר — דאָס איז פעטע קניידלעך פ אַ ר'ן מ אַ ג ע ן און מכות פאַר'ן גייסט.

סדר — דאָס איז א „כל דכפין ייתי וייכיל", מיט א פעררי־געלטער טהיר.

ניין, איך האָב ניט ליעב קיין סדרים!

גיט מיר בעסער די אונאָרדנונג, דעם ערב סדר, דעם מארשי־רען צום ים, דעם געהן איבער'ן ים, דעם קאַמפּף מיט פרעה'ס רייט־וועגען. מיר געפעלט עם בעסער איידער דער רוהיגער סדר נאָך דעם אריבערגעהן דעם ים.

איך האָב ליעבער דעם „ויצעקו בני ישראל", דעם געשריי פאַר פרייהייט, איידער דעם זיעגרייכען „אָז ישיר". איבערהויפּט נאָך ווען ער פערוואַנדעלט זיך אין א שיכור'ען חד־גדיא.

איך האָב ליעב אונאָרדנונג!

אונאָרדנונג — דאָס איז דער אייביגער תהו־ובהו, וואָס שאפט די פרייהייט און דעם אייביגען שטרעבען צו נאָך פרייערער פרייהייט! דאָס איז דאָס טרינקען פון גליקס־בעכער אָהן א ברכה.

אונאָרדנונג — דאָס איז די „היסב־בעט" פאר'ן רעוואָלוציאָנערען גייסט; די פרייהייטס־פאָהן, וואָס פלאטערט אין די נאסען און וויל ניט שימלען אין א ווינקעל...

סדר — דאָס זיינען בלויז פ י ע ר קשיות; פרעגען מעהר טאָר מען ניט. דאָס איז דער אָנגעשריעבענער ענטפער, די פארטיי־פראגראם פון גייסטיגע איגוואלידען; דאָס איז די קאָנסטיטוציע פון „הגדה"...

אונאָרדנונג — דאָס איז די פרייע פלאטפאָרמע פאר אונצעהליגע קשיות פון לעבען און טויט, קנעכטשאפט און פרייהייט, וועלכע קענען נ י ט פערענטפערט ווערען פון פארטיי־הגדות.

„סדר" — און מעג ער אפילו זיין די צוקינפטיגע געזעלשאפט פון קארל מארקס — פאָמפאָדור קען איהם ניט ליידען!

אונאָרדנונג — דאָס איז די פרייהייט פון צוקונפט־מענש, וואָס וויל ניט האָבען קיין בעשטימטען פנים, אפילו ניט קיין מארקסיסטישען...

סדר—דאָס איז ר ע ט ו ש י ר ט ע פרייהייט, „א פערגלעטער" מיידעלשער פנים פון א געשייטען פאָטאָגראפטשיק.

אונאָרדנונג — דאָס איז דער נעגאַטיוו פון דער פרייהייט.

תלמידים מיינע! איך וויל פרייהייט אָהן א סדר!

און אויפגעהויבען האָט פאָמפאָדור זיינע הענט און אזוי גערופען:

אָרימע מענשען! האָט קיין מורא ניט פאר אונאָרדנונג, פאר רעוואָלוציאָן, סמרייקס און סאבאָטאזש! זיצט בעסער אין טורמע אבי פרעגט וואָס מעהר קשיות.

פאָמפאָדור האָט זעהר ליעב די קשיות־פרעגער, די אייביג אונצופריעדענע.

פרעגט וואָס מעהר, וואָרים יעדע איינציגע קשיה איז מיר ליעבער ווי הונדערט ענטפערס.

פרעגט א סך, ווייל ניט פרעגען איז דער פונדאמענט פון וואלד־טהאט, איז די געוועהר פון הערשער און דעספאטען.

פרעגט א סך און ווארט ניט אויף קיין ענטפערס, ווייל יעדער ענטפער איז אן ענטשיידונג און ענטשיידונג איז — ט ו י ט.

פרעגט: „וואס איז לעבען״? — אבער לאכט פון די ענט־פערס! — ווייל קיין ענטפער איז ניטא אפילו ביי פילאזאפען. יעדער ענטפער איז בלויז א פילאזאפישע מאנעוורע פון גאר ניט זאגען; א מין אויסדרעהען זיך פון א ענטפער.

דערפאר ליעב איך די פאעטען. זיי זיינען נאריש גענוג צו פרעגען און קלוג גענוג ניט צו ענטפערען.

פרעגען, — דאס איז פ א ע ז י ע פון הארצען; ענטפערען — דאס איז פ ר א ז א פון מוח.

פרעגען — דאס איז שעהנקייט פון דעם אייביגען ציטער פון דער נשמה, פון אייביגען הונגער פון גייסט.

ענטפערען — דאס איז דער שלוקעריץ פון די זאטע, דער גע־נעץ פון די בויך־מענשען, די רייפען אויף די שלייפען...

פרעגט אייער מיידעל, צי זי ליעבט אייך, אבער אנטלויפט פון אן ענטפער.

עס לעבע דער אייביגער פראגע־צייכען, דער שטענדיגער „מה נשתנה״!

לאזט געהן מיט דעם „עבדים היינו״, מיט די פוילע תירוצים!

פרעגען קשיות, — דאס איז קינדערשע נאאיוויטעט, דאס איז די אונשולד פון מלאכים; ענטפערען, — דאס איז די מלאכה פון ערוואקסענע און זינדיגע.

און דארום פרעגען קינדער מעהר, וויפיעל די עלטערען זיינען בכח צו ענטפערען.

תלמידים! איך האב פיינט די הייגטיגע איינגע׳סדר׳טע פריי־הייט.

פרייהייט — הייסט ביי מיר, ווי דער ווינט אין דער מדבר, ווי די וואלקענס אויפ׳ן הימעל, ווי די כוואליעס איבער׳ן ים.

די אמת׳ע פרייהייט געבווירט די משה׳ס, די ים־שפאלטער און די פרייהייטס־פיהרער.

פּאַמפּאַדור איז אייך פוחל, די ארבייט פון צעהנדליגע דורות ביים לייס און ציגעל, פאר דעם איין געבורט פון א משה!

אז מען קריגט שוין די בלומר'שטדיגע פרייהייט, קומען די יהושע'ס, די געזאלבטע פון מענשען און ניט פון געטער.

די אמת'ע פרייהייטס־קעמפּפער דערגרייכען קיינמאל ניט זייער ציעל: ווען משה איז געקומען צום טויער פון דאס „פערשפּראָבענע לאנד," איז ער געשטאָרבען.

תלמידים מיינע! מאכט ניט פון אייער פרייהייט קיין סדר, קיין צערעמאָניע, שטרעבט צו פרייהייט אָהן סדרים, און איהר וועט קומען צום אמת'ען אידעאל פון פרייהייט.

**אזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.**

ווענען שנעע וואָס פאַלט פון שטאָדט.

און פּאַמפּאַדור איז געשטאַנען ביים פענסטער פון זיין דירה, געקוקט אויפ'ן שנעע, וואָס איז געפאַלען אין דרויסען, און זיין שטערן האָט זיך געקנייטשט פון אונצופריעדענהייט.

און די תלמידים זיינען געשטאַנען דערביי און האָבען דאָס צוגעקוקט און זיי האָבען אָנגעקוואָלען פון דעם שנעע, וואָס פאַלט און דעקט צו די ערד.

און פּאַמפּאַדור האָט זיך אָנגערופען: תלמידים, ווי איך זעה געפעהלט אייך זעהר דער שנעע, וואָס פאַלט, אָבער מיך ערגערט ער.

תלמידים מיינע, בטבע איז פּאַמפּאַדור ניט קיין אומעטיגער, נאָר ווען ער זעהט דעם ווייסען, קלאָהרען שנעע פאַלענדיג פון הימעל אויף דער שווארצער שטאָדטישער ערד — ווערט ער זעהר א ו מ ע ט י ג.

פּאַמפּאַדור איז פערליעבט אין דעם שנעע, וואָס פאַלט אויף

פוסטע וועלדער און וויסטע פעלדער, אבער האט פיינט דעם שנעע, וואס בעדעקט די גרויס־שטאָדטישע גאסען.

פאלענדער שנעע אין שטאָדט — דאס איז מיידעלשע אונ־שולד וואס מוז פארשוועכט ווערען פון אן אלטען בעל־עבירה.

און וואס איז די גרויסע שטאָדט, אויב ניט אן אלטער בעל־עבירה?

פאלענדער שנעע אין שטאָדט — דאס איז א פרעהליכע דארף־מיידעל, וואס קומט אין שטאָדט צו שטיפען און זי ווערט א ג ע־פ א ל ע נ ע.

פאלענדער שנעע אין שטאָדט — דאס זיינען אידעאלען, וואס קומען פון דער ה ו י ך. זיי האבען ניט קיין קיום אין דער נ י ד ע ר.

פאלענדער שנעע אין שטאָדט — דאס איז הימלישע ריינקייט וואס חבר'ט זיך מיט בלאָטע.

און פאמפאדור האט אויף א ווײַלע געשוויגען, געקוקט אויף די מענשען מיט די לאפעטעס, וואס זיינען געקומען אוועקשארען דעם שנעע און אזוי געזאגט:

פאלענדער שנעע אין שטאָדט — דאס איז הימלישע צדקה־ארבייט, געטהיילט פון א פילאנטראפישען גאָט אוים רחמנות.

פאלענדער שנעע אין שטאָדט — דאס איז אין בעסטען פאל, א פערזוך פון הימעלשען שטאָדט־דעפארטמענט צו לייזען די פראַ־גע פון ארבייטסלאזיגקייט אויף דער ערד.

אוי, ווי פאמפאדור האט ניט ליעב די שנעע־ראמער. מענשען, וואס טוען פאר א שטיקעל שווארצען ברויט, צוטרעטען און פער־שארען דאס ריינסטע און דאס שעהנסטע. מענשען וואס קענען מיט איין און דערזעלבער לאפעטע צוטראמפלען דאס זויבערסטע ווי דאס שמוציגסטע.

און, אוי ווי פאמפאדור האט פיינט די מענשען פון גרויסען שטאָדט וואס יאגען זיך און איילען און טרעטען מיט זייערע פים אויף בערג שנעע ווי אויף קופעס מיסט, אויף מענשליכע קערפערס ווי אויף הילצערנע טראטוארען.

און פּאַמפּאַדור איז אַפּגעטראָטען פון פענסטער און אומעטי־נער און אַ פערבענקטער, און ער האָט אַזוי געזאָגט:

תּלמידים! שנעע איז ניט פאַר דער שטאָדט. ווייל די שטאָדט איז ניט פאַר ריינע זאַכען... שנעע דאַרף פאַלען אין דאָרף, וואַלד און פעלד. דאָרט קען איהם קיינער ניט טרעטען. דאָרט בלענדט ער דאָס אויג מיט זיין ווייסקייט וואָכען און מאָנאַטען לאַנג, ביז עס קומט די פריהלינג־זון און צוואַרימט איהם.

און ווייסט איהר וואָס עס איז פּאַמפּאַדור'ס וואונש?

פּאַמפּאַדור'ס וואונש איז, אַז מען זאָל דעם שנעע ניט אוועק־נעהמען פון די גאַסען.

ווען די שטאָדט־טאַטעס פאָלגען פּאַמפּאַדור'ן, בעפעהלען זיי, צו פערשפּאַרען טהיר און טויער און פערבאָטען דאָס פאָלק אַרויס אין די גאַסען, אין דער צייט ווען דער שנעע פאַלט פון הימעל און אַ פּאָר וואָכען נאָכדעם.

זאָל דער שנעע פאַלען און פאַלען, זאָל ער בעדעקען די העכס־טע הייזער אַריבער די דעכער.

זאָלען די וואוינונגען פון די גרויס־שטאָדטישע מענשען אויס־קוקען ווי היילען פון ווילדע חיות אין טיעפע וועלדער. דאָס וואָלט געווען לעבענס־טרייער און אמת'ער, ווייל אין דער ווירקליכקייט זיינען די גרויס־שטאָדט־מענשען ניט מעהר ווי חיות.

און פּאַמפּאַדור האָט זיך אַביסעל פערטראַכט און נאָכדעם אַזוי געזאָגט:

אַ, שנעע־ריינע אידעאַלען פון מיין הימעל, וואו זייט איהר?

האָט מען אייך אוועקגערוימט מיט די מיסט־וועגען פון דער גרויסער שטאָדט?

אַ, אידעאַלען מיינע! פאַר וואָס זייט איהר קיין שנעע־פּילקעס אין די ריינע קליינע הענטלאַך פון קינדער ערגעץ ווייט פון שטאָדט?

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

וועגן נאַטור־אומגליקען און נייע אמת'ן.

און ס'איז געווען נאָך אַ גרויסע פערפּלייצונג, און פון אַלע זייטען האָבען זיך געטראָגען קולות צו פּאַמפּאַדור'ס אויערען: אַ גרויסער אונגליק! אַ גרויסער אונגליק!

און פּאַמפּאַדור האָט אַזוי געזאָגט: קיין אונגליק! — שולדיג איז דער פריהלינג...

פריהלינג — דאָס איז דער איבערפלוס פון געפיהלען, סאַי ביי דער נאַטור און סאַי ביי דעם מענשען.

און יעדער איבערפלוס איז אַן אונגליק.

איבערפלוס פון געפיהלען — ברענגט צו ליעבע.

איבערפלוס פון וואַסער — ברענגט צו פערפּלייצונגען.

„די נאַטור איז שולדיג!“ — הער איך שרייען פון א י י נ ע ר זייט.

„דער קאַפּיטאַליזם איז שולדיג!“ — הער'איך שרייען פון דער צ ו ו י י ט ע ר זייט.

פּאַמפּאַדור בעשולדיגט קיינעם ניט.

פּאַמפּאַדור זאָגט: ווען מענשען וואָלטען געזעסען אויבען אויבען העכער, וואָלט זיי קיין פערפּלייצונג ניט דערגרייכט.

ווען מענשען וואָלטען פערמאָגט אין זיך מעהר פייער, וואָלט זיי קיין פייער ניט געשאַדט...

בערוהיגט זיך, און הערט פּאַמפּאַדור'ן:

קיין אַבסאָלוטער אונגליק איז גאָר ניטאָ: יעדער אונגליק איז אַ גליק פאַר אַ געוויסען טהייל פון דער מענשהייט.

אַ גרויסער אונגליק — איז אַ גליק פאַר צייטונגען און קברות־לייט.

אַ גרויסער אונגליק — איז אַ גליק פאַר פאָלקס־פערטרעטער און נדבה־קלייבער.

אַ גרויסער אונגליק — איז אויך אַ צוריקקעהרען צו גאָט, צו אַ בענייטען גלויבען, אַ גלויבען אין נייע טרוימען.

„אין אונגליק וועסטו דיין גאט געפינען“, אום צו האבען אויף וועמען די שולד ארויפצואווארפען.

און איהר, וועמען דער גרעסטער אונגליק אפילו האט קיין גאט ניט געבראכט, בעשולדיגט זיך אליין, אדער שטומט!

איך האב ליעב דעם פערצייטיגען מענשען, מיט זיין גלויבען אין א העכערע קראפט.

בעשולדיגען עמיצען מוז מען, א כפרה־הינדעל דארף מען האבען, — איז דאך שוין בעסער, אז דער בעשולדיגטער זאל זיין א הויכער גאט איידער א ניעדעריגער קאפיטאליסט.

איך האב ליעב דעם פערצייטיגען מענשען.

ער האט אין צייט פון א מבול געבויט א קאסטען און זיך גע־רעטעט.

און דער היינטיגער האט גרויסע שיפען, גאנצע שטעדט אויפ'ן וואסער און קען זיך ניט רעטען...

גוטע מענשען, בעשולדיגט ניט די נאטור!

פאמפאדור איז זכער, אז די נאטור איז א פרוי; די נאטור וויל שטיפען און מוז שטיפען; די נאטור איז לייכטזיניג ווי א צעהן־יעהריגע מיידעל און ווילד־פערשייט און קאקעטיש ווי אן אכצעהן־יעהריגע.

און יעדער שטיף קאסט קרבנות; פרעגט די יונגע לייט, און זיי וועלען אייך דערצעהלען.

די נאטור איז די איי ביגע פרוי, די פערפיהרערין, די בייזע און די גוטע, די ליעבענדע און די שלעכטע צוזאמען.

איהר קענט זי ניט פיינט האבען כאטש זי טהוט אייך שלעכטס, כאטש זי פערזינקט די שיפען פון אייערע האפנונגען און פער־פלייצט אייערע העכסטע טרוימען.

און פאמפאדור תאט זיך אויף א ווייצע פערטראכט און ער האט ווייטער גערערט:

איהר ווייסט פאר וואס איך ליעב אן אונגליק? — ווייל דורך איהם זעה איך אם שטארקסטען די אהנמעכטיגקייט פון דעם מענ־שען; איך האב ליעב צו זעהן, ווי עס צאפעלט זיך דער מארערנער

קולטור־טרעגער, לופט־שיפען בעזיצער און באהנען־אייגענטהימער, וואס בעריהמט זיך, אז ער האט שוין באלד אלעם ערפונדען...

יעדער גרויסער אונגליק — איז ביי מיר א פראטעסט אנטקעגען די ערפינדער.

ווארום האבען זיי ניט ערפונדען א גארטעל צום שטורמענדען ים ואנשטאט א קארסעט צו דאס ברוויזענדע פרויען־הארץ ?

יעדער גרויסער אונגליק — איז א גרויסער חוזק־מאכען פון דער נאטור, דעם שטאלצען מענשען אין פנים אריין; דאס איז נאטור'ס בייזע סאטירע, וואס וויל פון גאר ניט וויסען.

תלמידים מיינע! איך האב ליעב די גרויסע שטורעמס, גרויסע פערפלייצונגען און גראמאדנע וואלד־פייערען, ווייל זיי זיינען דער אויסדרוק פון גבורה און העלדישקייט.

איך האב פיינט די זעפיר־ווינטלאך, די זידענע לאנקעס, די קריסטאלענע טייכלאך, די פער'חלום'טע הימלען — ווייל זיי זיינען סמנים פון שוואכקייט.

תלמידים מיינע! יעדער אונגליק איז א גליק. יעדע פערפלייצונג איז אין דער זעלבער צייט אויך אן אפשווענקערין פון אונריינקייטען און מיאוס'קייטען.

א גרויסער אונגליק — דאס איז א וואנע פאר דעם קערפער פון דער געזעלשאפט, עס מאכט איהם ריינער...

איך שרעק זיך ניט פאר נאטור'ס צארן; די מענשליכע רומהייט איז פיעל שרעקליכער.

יעדע קליינע מלחמה קאסט פיעל מעהר, ווי צעהן פערפלייצונגען.

א נאטור־אונגליק — איז א מאסען־מארד אהן א פלאן; מלחמה — איז א געפלאנטער מאסען־מארד.

א נאטור־אונגליק — איז א קריעג אהן דיפלאמאטיע און אהן הכשרים פון געקרוינטע אידיאטען...

דער ביקס האט מעהר לעבענס פערניכטעט ווי הונדערט פייער־שפייענדע בערג, „טרייענגעל"־פייער'ן און „טיטאניק"־קאטאסטראפען.

פאמפאדור שרעקט זיך ניט פאר נאטור־אונגליקען!

בעסער צופּאַטשט ווערען פון אַ פרייער כוואַליע איידער פער־שאָטען ווערען אין אַ פינסטערער קויהלען־גרוב.

בעסער פערשפּייט ווערען פון אַ פייער־באַרג איידער פער־שפּייט ווערען יעדען טאָג פון פאַבריק־שקלאַפעריי.

בעסער שטאַרבען אויף אַ שיף אין מיטען ים, איידער אין אַ פינסטערען פייכטען קעלער.

תלמידים מיינע! האָט ניט מורא פאַר נאַטור־אונגליקען. זיי ברענגען נייע אמת'ן און שאַפען נייע תורות פאַר דער וועלט און שטויסען דער געזונקענער מענשהייט צו נייע הויכקייטען.

אזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

**ווענען זעלבסטמאָרד און טויט.**

תלמידים — האָט אויסגערופען פּאַמפּאַדור — באַלד איז פריהלינג און איידער די זון וועט זיך צואוואַרעמען, וויל איך אריינבאַפען און רעדען צו אייך ווענען זעלבסטמאָרד און טויט.

איך האַלט מעהר פון אַ זעלבסטמערדער ווי פון אַ געוועהנלי־כען בר־מנן, ווייל איך האַלט שטענדיג מיט דער מינאָריטעט, און דערווייל שטאַרבען נאָך מעהר מענשען דורכ'ן מלאך־המות און דורכ'ן דאָקטאָר, איידער דורך אייגענער מיה און פערלאַנג.

איך בין פאַר זעלבסטמאָרד! ווייל בעגעהן זעלבסטמאָרד, הייסט ביי מיר שטאַרבען מיט דעם א י י ג ע נ ע ם טויט.

שטאַרבען ווי געוועהנליך — הייסט ביי מיר שטאַרבען נאָך דעם אייביגען פּאַסאַן פון מלאך־המות...

אַ, איהר שוואַכע ברואים'לאך, הערט זיך צו:

זעלבסטמאָרד — דאָס איז דער פּראָטעסט קעגען לעבען, דאָס איז דער שפּיי אין פּנים אריין דעם מלאך־המות, דאָס איז די פער־ניכטונג פון אַ פּעסטונג, אַנשטאָט זי איבערגעבען צום שונא.

טויט — דאָס איז א טראַטואַר געלעגט פון דער מלאך־המות־רעגירונג — אלע מוזען אויף איהם געהן...

זעלבסטמאָרד — דאָס איז אראָפּ פון טראָטואר; דאָס איז א שפּאַציער אין מיטען גאַס, דאָס איז א וועג פאר זיך אליין.

און אז איהר ווילט ניט זיין אזוי ערנסט וועל איך זאָגען:

זעלבסטמאָרד — דאָס איז ראַזירען זיך אליין, דאָס איז פריי־הייט פון צושניידען זיך אליין.

טויט — דאָס איז וואַרטען אויף דער רייהע אין א באַרבער־שאָפּ...

און ווילט איהר נאָך מעהר לאַכען, זאָג איך:

טויט — דאָס איז הייראַטה דורך א שדכן.

זעלבסטמאָרד — דאָס איז הייראַטה דורך ליעבע.

שטאַרבען ווי געוועהנליך — הייסט זיין א פיינער בירגער אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

זיין א זעלבסטמערדער — הייסט שטאַרבען אָהן די ערלויב־ניש פון דאָקטאָר, הייסט ניט אנערקענען קיין רעצעפּטען, הייסט אויסלאַכען בעלי־חובות, הייסט אָבטהאָן א שפּיצעל דער גאַנצער וועלט...

און א שאַרפער קנייטש האָט זיך בעוויזען אויף פּאַמפּאַדור'ס שטערען און ער האָט אזוי געזאָגט:

אָרעמע מענשען! וואָרום זייט איהר אזעלכע שונאים פון זעלבסטמאָרד און פריינד פון מאָרד?

וואָרום מאָרדעט איהר רעכטס און לינקס אָהן רחמנות, און האָט פיינט ווען איינער ערמאָרדעט זיך אליין?

וואָרום מוז מען ביי אייך אפילו ש ט א ר ב ע ן קאָלעק־טיוו, און בעגראַבען ווערען לויט א קאָנסטיטוציע פון א פּעראיין?..

נאַרישע מענשען! וואָרום ליעבט איהר דעם לאַנגזאַמען כאָרכ־לען פון א גוסס, און האָסט דעם הילכיגען שאָס פון א זעלבסט־מערדער?

וואָרום מוזט איהר וואַרטען ביז אייער קערפּער ווערט א חורבה?

וואָרום טהוט איהר אַזוי ניט מיט אייער הויז? וואָרום צו־וואַרפט איהר אַ בנין גלייך ווי ער צייגט נאָר סמנים פון פויל־קייט?...

אַ זעלבסטמערדער איז פריהער פון אַלץ ניט קיין טרוס...

נעהמען זיך אַליין דאָס לעבען, איז דאָס זעלבע ווי צו לעבען אַליין. דערצו דאַרף מען האָבען קוראַזש...

אַ, איהר האָזען אין מענשען געשטאַלט, זאָגט! וואָרום קענט איהר אַליין ניט ענדיגען אייער לעבען?

תלמידים מיינע! דער צוקינפטיגער מענש וועט זיין דער זעלבסטהערשער אויף זיין לעבען און אויף זיין טויט...

איך בין פאַר זעלבסטמאָרד, ווייל איך בין פאַר זעלבסטשטענ־דיגקייט...

איך וויל פרייהייט פון טויט, ווייל איך וויל פרייהייט פון לעבען!...

ווען אַ מענש קען ניט געבוירען ווערען ווען ער וויל, דאַרף ער אָבער קענען שטאַרבען ווען ער וויל.

אוי, ווי איך האָס די געשעפטס־לייט פון טויט, די הענדלער פון תכריכים, די פעדלער מיט טרעהרען, די סוחרים פון לויות, די קרקע־פערקויפער און פושקע־קלאַפּער!...

איך וויל שטאַרבען פּלוצלונג!...

וואָרום פאַלט אַ שטערען פּלוצלונג פון הימעל אַראָב?

איך וויל זיין אַ פאַלענדער שטערען!

איך וויל אַפילו ניט וואַרטען ביז דער פריהמאָרגען וועט מיך אויסלעשען...

נאָכדעם האָט זיך פּאָמפּאַדור אַביסעלע בערוהיגט און אַזוי געזאָגט:

פריינדע! אַלע זעלבסטמאָרדען זיינען שעהן.

אַ שאָס אין שטערען — דאָס איז אַ פּאָעטישער טויט. דאָס איז קלאַנג, געזאַנג און ריטם.

נעהמען זיך דאָס לעבען דורך סם — דאָס איז אַ פילאָסאָ־פישער טויט, דאָס איז נודנע, לאַנגווייליג און צוצויגען אָבער זיכער.

דערטרינקען זיך — דאָס איז ליעבע־טויט. ווייל ליעבען הייסט פערלירען דעם קאָפּ, אַננעהמען די אויערען פול מיט וואסער, פערגיסען די אויגען מיט שוים, ניט הערען און ניט זעהן דעם טיעפען אבגרונד, וואָס ציהט אייך אין זיין שוים...

און דערמאָנט האָט זיך פּאָמפּאדור אָן זיין ליעבע, וואָס ער קען ניט פערטיליגען פון הארצען, און אויסגערופען האָט ער אזוי:

אונגליקליכע פערליעבטע! נעהמט זיך דאָס לעבען צוליעב ליעבע — נאָר ניט צוליעב א פּרוי!

פרויען זיינען דאָ פיעל, ליעבע — ניט.

קענסטו מעהר ניט ליעבען — שיס זיך אריין א קויל אין שטערען... ווייל דו ביזט אלץ איינס שוין א בר־מנן...

תלמידים! לערענט זיך צו שטארבען זעלבסטשטענדיג און איהר וועט זיך הערהויבען צום צוקונפטס־מענש!

אזוי האָט גערעדט פּאָמפּאדור.

## וועגען יאָהרען און קאלענדארס.

„...און ווידער איז א יאָהר פערזונקען אין דעם ים פון אייביגקייט". אזוי זאָגען אלע דיכטער, ליגנער און פראזען פלעכטער.

פּאָמפּאדור האלט ניט פון פראזען.

פאַר פּאָמפּאדור'ן זיינען ניטאָ קיין אלטע און נייע יאָהרען.

פּאָמפּאדור לאכט פון דעם קאלענדאר ווי פון דעם זייגער. ניט געוואוסט האָט דער מענש ווי צו לעבען, איז איהם לאנגווייליג געוואָרען, האָט ער גענומען א שטיק האָלץ, אויסגעקריצט אויף איהם א ציפער־בלאט, בעשטימט די צייט און זיך געזעצט נודיען...

נודנע איז געוואָרען דעם מענשען צו שפּאנען פריי, ברייט און מונטער אין דער אייביגקייט, האָט ער גענומען א בלעטעל, אויפגעשריעבען אויף איהם טעג, וואָכען און מאָנאטען און געמאכט א קאלענדאר.

פּאַמפּאַדור'ן איז וואויל אַהן קאַלענדאַרס און אַהן זייגערס...
אויב ער האָט שוין יע פון א זייגער, איז בלויז פון עכטען גאָלד, ווייל אזא איז גוט אמאָל צו פערזעצען. און אויב ער האָט נאָך פון קאַלענדאַרס איז דאָס בלויז א קאַלענדאַר, פון וועלכען מען קען יעדען טאָג ארונטער־רייסען א בלעטעל.
פּאַמפּאַדור האָט ליעב ארונטער־צו־רייסען די טעג.
שטעהסט אויף אין־דער־פריה, גיסט א ריס א בלעטעל און— ניטאָ קיין טאָג.
31 אזעלכע ריסען און — היידא מיט א מאָנאַט.
365 ריסען און — אוים מיט א יאָהר.
דאָס איז א שפּיעל מיט דער אייביגקייט, מיינע פריינד.
ער רייסט און לאַכט...
— וואָס זיינען אַלטע און נייע יאָהרען? — פרעגט פּאַמ־פּאַדור.
איך וואָלט געגלויבט אין די נייקייט פון יאָהרען ווען אויף מאָרגען נאָכ'ן אַלטען יאָהר, וואָלט איך דערזעהן א נייעם הימעל איבער מיין הויז, א נייע ערד אונטער מיינע שיך; נייע מענשען מיט נייע אויגען־פּינטלעך אין די גאַסען.
אָבער אזוי, פרעג איך, וואָס איז דער חילוק צווישען אַלט און ניי?
איך פרעג אייך, ווען איך וואָלט ניט געקראָגען אַן אומזיס־טען קאַלענדער וואָס וואָלט מיך דערמאָהנט, אז עס איז א נייער טאָג פון א נייעם יאָהר?
תלמידים מיינע! ווען איהר פערקלייבט זיך אין א געדיכ־טען וואַלד, וואו עס קרעהען ניט קיין העהנער, וואו עס קלאַפּען ניט קיין זייגערס און עס הענגען ניט קיין קאַלענדערס — וועט איהר דען ניט אַלט ווערען?
און ווען איהר וואוינט אין שטאָדט, און צעהלט די יאָהרען, קענט איהר דען אימער יונג זיין?
פּאַמפּאַדור גלויבט ניט אין אייביגע יוגענד, דארום לאַכט ער פון דער צייט; ער ווייס אַהן חשבונות וויפיעל יאָהרען ס'רוהען אויף זיינע פּלייצעס...

דערפאַר פּאַלען דאָך ביי איהם אויס די האָר פון קאָפּ און מעהרען זיך די קנייטשען אויף זיין פּנים...

צעהלען יאָהרען — דאָס איז צוואַנג־אַרבייט פאַר דער נשמה...

צעהלען יאָהרען — דאָס האָט אויסגעטראַכט אַ כיטרער שדכן, וואָס שרעקט יונגע לייט און מיידלעך מיט אַלטקייט און קברים־בלעטלאַך כדי צו מאַכען שדכנות־געלד.

צעהלען יאָהרען — דאָס האָט אויסגעטראַכט דער ערשטער קברן אויף דער וועלט, וואָס האָט ניט געהאַט קיין פּרנסה — קיי־נער פון די בעלי בתים פון זיין שטעדטעל האָט ניט געוואָלט שטאַרבען, האָט ער פון גרויס עגמת נפש צוטיילט די צייט אויף יאָהרען און געוואַרט אויף מתים...

תלמידים מיינע! ווען איך שטעל, למשל, אַ דין שטעקעלע אין ים און זאָג אייך: מיט דערמיט וועל איך אויסמעסטען די טיעפ־קייט פון זיינע וואַסערען, — וועט איהר דען זיך ניט צולאַכען?

אויב אַזוי, לאַכט פון די מענשען, וואָס ווילען מיט אַ דין בלע־טעל פון אַ קאַלענדאַר מעסטען די אייביגקייט!

תלמידים מיינע! קעהרט אום דעם קאַלענדאַר מיט די צי־פער צום וואַנט, לאַכט פון אַלטע און נייע יאָהרען, מאַכט אַ לעבען און זייט פרעהליך ביז דעם אָנקונפט פון דעם נייעם מענשען.

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

## וועגען ציינער און דענטיסטען.

נעהמט ארויס אייערע ציינער, מיינע פריינד! — זאָגט פּאַמ־פּאַדור.

דער צוקונפט־מענש דאַרף ניט האָבען קיין ציין.

דער מענש ווערט שוין היינט געשאַצט נאָך די ציין נאָך:

וואס מעהרער געזונטע ציינער ער האט א, מויל אלץ פרימי־טיווער איז ער.

און וואס מעהר ציינער עס פעהלען איהם אלץ מעהר קולטור־רעלער איז ער.

ציינער — זיינען א סימן פון געזונד, פון געזונטע שפייזען און פון נאהענטקייט צו דער נאטור.

ציינער — זיינען א סימן פון ווילדקייט. דער גאר אמאליגער מענש האט געמוזט געברויכען זיינע ציינער אין קאמפף מיט זיין שונא, דער היינטיגער האט שוין אנדערע מיטלען...

אין דער צוקונפט וועלען מענשען ווייך זיין און בלויז ווייכע זאכען שלינגען.

יעצט איז נאך די גאלד־פעריאדע, אין מויל, אבער מיט דער אבשאפונג פון גאלד וועט דער מענשענס מויל פוסט ווערען ווי דאס הארץ זיינס.

א מויל אהן ציינער — הייסט זיין אלט, קלוג, ערפאהרען און גרוים־שטעדטיג.

ציינער זיינען איבעריג ווי ס'זיינען איבעריג די אויגען.

דער צוקונפט־מענש וועט אלץ געפינען פאר זיך צוקיים.

ער וועט בלויז דארפען שלינגען, און דארום בלויז היטען דעם שלינג־ארגאן.

און די צוקונפטיגע גנעזעלשאפט קוקט אויס אין פאמפאדור'ס אויגען ווי אן אלטע אויגען־לאזע און ציין־לאזע אלטיטשקע — וועלכע לעבט נאר אויף איהרע זכרונות...

געבענשט זאלסטו מיר זיין דו, צווענגעל פון דענטיסט, דו רייסט זיך צום צוקונפט־מענש!

אזוי האט גערעדט פאמפאדור.

און די תלמידים האָבען זיך צורעדט ווענען אנטיסעמיטיזם און זיינע שלעכטע פאָלגען פאַר דעם אידישען פאָלק, און זיי האָבען בעדויערט וואָס די שנאה צו אידען, בעצאָהלט זיך אפילו אין אזא פרייער לאַנד ווי אמעריקא.

און פּאָמפּאדור איז געזעסען אַ שווייגענדער צווישען זיי, אַ שמייכעל האָט זיך געשפּיעלט אין די ווינקלען פון זיין מויל אבער ער האָט גאָרניט געזאָגט.

— פאַר וואָס זאָגסטו אונז גאָרניט ? — האָבען זיך די תלמידים צו איהם געווענדט — די תלמידים ווילען וויסען די מיינונג פון פּאָמפּאדור ווענען אנטיסעמיטיזם.

און פּאָמפּאדור האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און אזוי געזאָגט :

תלמידים ! איהר בעדויערט אנטיסעמיטיזם ? — איך ניט !
איהר האסט אנטיסעמיטען ? — איך ניט !

און וואונדערט זיך ניט ! פּאָמפּאדור האָט זעהר פיעל געלעהרט ווענען דעם, און ער איז געקומען צום שלום, אז אנטיסעמיטיזם איז דאָס גליק פון אידישען פאָלק.

אנטיסעמיטיזם — דאָס איז קנאה צו אונז אלס אַן אייביג לעבעדיג פאָלק. און קנאה איז געזונט פאַר אַ גאַנץ פאָלק ווי פאַר איין מענש.

קנאה — איז קאַמפּף, איז לעבען, איז ניט פערגינען. און אַז מען פערגינט מיר ניט, איז אַ סמן אַז איך בין עפּעס, אַז מען רעכענט זיך מיט מיר.

און אַז מען רעכענט זיך מיט׳ן אידישען פאָלק איז אַ פאַקט, ווייל וואָס זיינען די פּאָגראָמען אויב ניט קיין גרויסע רעכענונג מיט אונז ? —

אנטיסעמיטיזם — איז שנאה צו אונז אלס פֿאָלק. און שנאה איז דער שטוים צו ארבייט און טהעטיגקייט.

אנטיסעמיטיזם — אויב ניט דער טאַטע, איז ער דער שטיף־טאַטע פון אונזער אייביגען „זיי גרייט צו אלין“, און א פֿאָלק מוז זיין שטענדיג גרייט צו בעגעגענען א שונא.

די פלייסיגקייט פון אונזערע קינדער אין די שוהלען פון אלע לענדער — דאָס איז דער רעזולטאט פון דורות לאנגע אונטער־דריקונג.

אונזער געניאליטעט — דאס איז דער חשק צו אראָפּקייקלען די שטיינער וואָס מען האָט אָנגעווארפען אויף אונזער קאָפּ.

אונזערע וואונד'ער־קינדער — זיינען אויסער קינדער פון אָרי־מע לייט, אויך קינדער פון אנטיסעמיטיזם.

אונזער מארך־געוויקסיגקייט — איז דער רעזולטאט פון וואוקס פון אנטיסעמיטיזם.

תלמידים! פּאָמפּאדור האלט זעהר פיעל פון אנטיסעמיטען ווי ער האלט זעהר פיעל פון פיינדליכע קריטיקער.

אנטיסעמיטען ווי פיינדליכע קריטיקער, קענען גוט אדווער־טייזען. אין א פֿאָלק, ווי א פערפאסער, נויטיגט זיך אין אדווערטייז־מענטס. דאָס מאכט איהם א נאָמען... א פֿאָלק ווי א מחבר, דארף האָבען שונאים אום ארויסצואווייזען זיין גאנצע גרויסקייט.

פּאָמפּאדור האָט ניט ליעב די אוהבי־ישראל, די צדיקי אומות העולם, די וואס ערקלעהרען זיך אונז אין ליעבע ציטירענדיג פסוקים פון תנ"ך.

ערשט אָט די אוהבי־ישראל טוען אונז ניט קיין גוטס, ווייל זיי האָבען אויף אונז רחמנות, און רחמנות איז א מצבה אויף א פֿאָלק'ס עהרע.

געבענשט זאָלען זיין די המן'ס, די שטעקער'ס, די סואוואָרין'ס פון אלע דורות! זיי האָבען פאר אונז מעהר אויפגעטהאָן ווי די חרבונא'ס, וולאדימיר סאָלאָוויאָוו'ס, גאָרקי'ס און אנדערע.

ווען מיר וואָלטען געווען ארומגערינגעלט בלויז מיט ליעב־האָבער, וואָלטען מיר פערבליבען בלויז קרעמער, מלמדים און

בטלנים, נאר א דאנק אונזערע שונאים זיינען מיר געווארען דיפלאָ־מאַטען און לעהרער פון דער מענשהייט, און וואס ניט ?

און זעהר גוט איז אויך וואס דער אנטיסעמיטיזם בעצאהלט זיך, וואס עס לוינט זיך צו ווערען אן אנטיסעמיט, ווייל אוים בליי־זען אידעאליזם וואלט עס קיינער ניט געווארען...

און פּאַמפּאדור האט זיך פערקוקט אויף א מחנה פויגלען וואס האט זיך געטראגען אונטער'ן אסיען־הימעל, און ער האט אזוי גע־זאגט :

קורצזיכטיגע תלמידים מיינע ! קוקט אן די פויגלען וואס פליה־ען אין איין גרויסע מחנה. — דאס זיינען די פארפאלגטע קינ־דער פון דער נאטור. זיי פליהען עס איצט צו זוכען א ווארימע היים אוים מורא פאר קעלט און פראסט, אוים פורכט פאר דער שנאה פון דעם צפון־לאנד.

ווען ניט דיעזע מורא — וואלטען זיי אלע געבליבען אויפ'ן פלאץ און אויסגעשטארבען.

אנטיסעמיטיזם — דאס איז דער שטענדיגער צפון־ווינד וואס טרייבט אונז צו זוכען אימער און שטענדיג נ י י ע ה י י מ ע ן — און דאס ראטעוועט אונז פון פערניכטונג.

און פּאַמפּאדור האט זיך אויפגעהויבען צו געהן אין דער ריכטונג פון די פליהענדע פויגלען, נאר די תלמידים האבען איהם פערהאלטען, ער זאל נאך עפּעס זאגען, און ער האט געזאגט :

תלמידים ! פּאַמפּאדור האלט סתם ניט פון ליעבע פון איין פאלק צום צווייטען, ווי ער האלט ניט פון ליעבע צווישען פרוי און פרוי. א פרוי ליעבט נאר א חבר'טע צייטווייליג, ביז עס ווייזט זיך א געלעגענהייט צו קריגען א מאן. ווי עס ווייזט זיך נאר דיעזע גע־לעגענהייט, פערשווינדט איהר ליעבע.

א פאלק ליעבט נאר א צווייטען פאלק ביז עס ווייזט זיך א געלעגענהייט פאר א ר ו י ב ע ר י י — גלייך ווי עס ווייזט זיך דיעזע געלעגענהייט — איז אוים ליעבע !...

פרויען, ווי פעלקער זיינען אין נאטור — רויבער.

ווייסט איהר וואס הייסט ליעבע פון איין פאלק צום צווייטען? דאס הייסט : איך וויל דו זאלסט מיך אנערקענען אלס דער קאפּ

פון דער ציוויליזאציע, אלס די קרוין פון דער מענשהייט: און זאלסט זיך בויגען פאר מיר!

און ווייסט איהר וואס הייסט שנאה פון איין פאלק צום צווייטען? — דאס הייסט: איך אנערקען דיין מאכט. איך וועל דיך ניט טשעפען און דו טשעפע מיך ניט! ווייל איך האב מורא פאר דיר.

פון פעלקער־ליעבעם — קומען ארוים די זאגענאנטע „בונדען“: צוויי־בונדען, דריי־בונדען, א. ז. וו., און אז פעלקער פערבינדען זיך, בעדייט עס קריעג; הייסט עס, אז מען וויל אימיצען אין דער גיכער צוקונפט בערויבען...

פעלקער־ליעבע — הייסט אויך אסימילאציע, הייסט, לאז זיך און איך וועל דיך איינשלינגען.

פעלקער־שנאה — הייסט זעלבסטשטענדיגקייט.

פעלקער מוזען זיך פיינט האבען. וואס מעהר זיי האבען זיך פיינט ,אלץ געזונטער איז פאר דער ציוויליזאציאן, אלץ מעהר אכ־טונג האבען זיי איינער צום צווייטען.

פאמפאדור איז פאר א שטארקער שנאה צווישען פאלק און פאלק! ווייל נאר די ליעבע האט פעראורזאכט די היינטיגע וועלט־מלחמה.

תלמידים! רופט מיט מיר הורראַ פאר׳ן אנטיסעמיטיזם!

אנטיסעמיטיזם — דאס איז אונזער רעכט אויף לעבען, אונ־זער וועג צו זעלבסטשטענדיגקייט, אונזער בלוט־סערום פאר די מיקראבען פון טוידט, אונזער עקזאמען פאר דעם טריבונאל פון דער געשיכטע...

פאמפאדור וויל ניט אז זיין פאלק זאל זיין א בעליעבט פאלק צווישען פעלקער, ווייל א בעליעבט פאלק צווישען ל ע ב ע ד י ג ע פ ע ל ק ע ר, הייסט — א פערשוואונדען פאלק ,א טויט פאלק.

פון די רוימער רעדען אלע מיט אכטונג, ווייל די רוימער זיי־נען טויט...

פריינד מיינע! נאר א שנאה פון פעלקער האט אונז גרויס געמאכט אלס ק ל י י ן פאלק, און נאר זייער אייבינער האס האט אונז געמאכט פאר אן אייביג פאלק.

אזוי האט גערעדט פאמפאדור.

— איהר קענט עפּעס פייפען ? — האָט פּאָמפּאַדור איינמאָל אין אַן אַסיען־אַבענד זיינע תּלמידים געפרעגט.

און ווען זיי האָבען געענטפערט אַז „ניין", האָט ער צו זיי אַזוי געזאָגט:

תּלמידים מיינע! פייפען איז אַ גרויסע זאַך.

פייפען מוז מען קענען אום צו זיין ערפאָלגרייך אויפ'ן פייף־קאָנצערט פון לעבען.

איהר דאַרפט ניט זיין קיין מוזיקער: שפּיעלען פּיעדעל ווי מישאַ עלמאַן; פּיאַנאָ, ווי פּאַדערעווסקי — אָבער פייפען, דאָס מוזט איהר קענען!

אָרימע! אויב איהר קענט ניט מאַכען פון אייערע ליפּען אַ פייף־אינסטרומענט, דאַן זייט איהר אַ קליין מענשעלע, אַ שוואַך נפש'ל, אַן אויסגעפּיפּענע בעשעפעניש — און ניט מעהר.

פייפען — איז ערפאָלג.

פאַראַן ביי אונז פיהרער, כלל־טהוער, און קהל'שע קליאַמקעס, וואָס זייער גאַנצער כח ליגט אין — פ י י פ ע ן און א נ פ י י־פ ע ן...

פייפט אויף אידעאַלען, יושר און ליעבע, און איהר וועט האָבען דאָס גליק אַלם שטענדיגען שכן אין אייער הויז.

פייפט אַן עמיצען עטליכע טויזענד דאָלאַר, און איהר וועט לעבען פייפענדיג.

איילט זיך און פייפט אויס אייער חבר, וואָרום ווען ניט וועט ער א י י ך אויספייפען.

אויספייפען אַ גאַסען־ליעדעל, בעצאָהלט זיך היינט מעהר, ווי אָנצושרייבען אַ גאַנצע ליטעראַרישע פּאָעמאַ...

ווי נאַריש די מענשען זיינען דאָס געווען אַמאָל!

אַמאָליגע ראָמאַנטיקער און ליעבע־קרעכצער, פלעגען נאַכט־איין, נאַכט־אויס, אויסקרעכצען זייערע סערענאַדען ביי די פענס־

טער פון זייערע געליעבטע, און מעהרסטענס פלעגען זיי בלייבען ביי די קרעכצען; די בת־מלכות, די פרינצעסינס, פלעגען זיך ניט בע־וויזען כאטש גיב זיי אכצעהן. א היינטיגער פראסטער יונגער־מאן פעררייסט דעם קאפ צום „פייער־עסקייפ“, נעהמט צונויף די ליפען, מאכט פון זיי א בייגעל, לעגט צו א פינגער, גיט א פייף און די געליעבטע פליהט ארונטער פון די טרעפלאך ווי א פילקע...

פאראן א סך זאכען אין לעבען, וואס איהר טארט זיי ניט נעהמען ערנסט, נאר איהר מוזט אויף זיי געבען — א פייף...

פאמפאדור איז מיט זיין גאנצע נשמה פאר פייפען!

הלואי וואלטען מעהרערע מענשען געקענט פייפען, וואלטען מיר וועניגער אנגעפיפען געווארען פון די — איינצעלנע.

פייפען — דאס איז דער סיגנאל צו דער בעפרייאונג פון די ארבייטער־מאסען:

עס וועט קומען א צייט, און מיט איין פייף פון א גענעראל סטרייק וועט מען אבשטעלען טויזענדער און טויזענדער פאברי־קען...

פייפט, מיינע פריינדע! זאל דער שארפער פייף פון דער צ ו ק ו נ פ ט צושפאלטען די פוילע לופט פון דעם ה י י נ ט, זאל ער דורכשניידען די קעפ פון די קליין־בירגער און גייסט־פערשלעפע־רער און זאלען מיר דערנרייכען מיט א פייף צום נייעם מענשען!

אזוי האט גערעדט פאמפאדור.

## וועגען גנבים און גנבה.

לעדיגט אוים די קאסע פון פאלק, זאגט פאמפאדור.

די קאסע פון פאלק — דאס איז א שטענדיגע אינסטיטוציע פאר גנבה.

דאס פאלק גלויבט אלץ איינס, אז מ'בע'גנב'עט איהם און

וואָרום זאָל מען צושטערן איינע פון די שענסטע גלויבענס זויי־נע?

די גאַנצע היינטיגע אָרדנונג — איז אַ גרויסע רויבער־האַנד אין דער טיפער קעשענע פון פאָלק.

די חכמה פון אַריפמעטיקע, איז די קלענסטע, אָבער אויך דערוויף זיינען דאָ בוכהאַלטערן און סעקרעטאַרן — אויף צו פערדרעהען די ציפערן...

די קעשענע פון פאָלק איז אַ טיעפע, דערפאַר זיינען די פינגער פון די פיהרער לאַנגע.

וואָס הייסט אַ גנב? פרעגט פּאַמפּאַדור.

און פּאַמפּאַדור ענטפערט: אַ גנב איז אַ מענש וואָס קען בע־האַלטען.

קענסטו בעהאַלטען? — מעגסטו גנב'ענען!

אַנטלויפען מיט דער קאַסע איז קיין חכמה ניט — אַ חכמה איז גנב'ענען און בלייבען לעבען דער קאַסע.

נאָך נאָך קליגער איז צו גנב'ענען מיט אַ הכשר, מיט אַ פּראָ־טעקציע אונטער דעם הייליגען שוץ פון געזעץ.

יעדער מענש האָט אין זיך 99 פּראָצענט גנב און איין פּראָ־צענט עהרליכער מענש.

אויב איינער איז ניט קיין גנב, האָט ער וואָס צו טהאָן מיט גנבים. לעבט ער פון גנבים, קויפט ער פון גנבים.

אַ קעשענע גנב — איז אַ ספּעקולאַטאָר אָהן גרויסע אַמבי־ציעס.

אַ וואָלל־סטריט ספּעקולאַטאָר — איז אַ גנב מיט אַ רייכע פּאַנטאַזיע.

אַ דיפּלאָמאַט — איז אַ גנב מיט שעהנע מאַניערן.

פּאַמפּאַדור אַנערקענט ניט קיין פּריוואַט־אייגענטום.

פּריוואַט אייגענטהום — איז גנבה געשיצט פון פּאָליציי און ריכטער.

וואָס איז דער חילוק צווישען אַ קאַפּיטאַליסט און אַ געשיק־טען גנב? פרעגט פּאַמפּאַדור.

און פּאַמפּאַדור ענטפערט:

א קאפּיטאליסט איז א גנב, וואָס ווערט בעשיצט פון רע־ניערונג.

און א געשיקטער גנב איז בעשיצט פון זיין רעוואָלווער.

ביידע לעבען פון געוואַלד, ביידע זיינען בעוואָפענט.

אַריסטאָקראַטען־גנבים — הייסען ביי מיר די וואָס ברעכען אויף סייפס.

דעמאָקראַטען־גנבים — הייסען ביי מיר די וואָס גנב'ענען פון קעשענעס.

פינגער — דאָס זיינען שלוחים פון גנבים.

א שלאָס — דאָס איז בלויז גימנאַסטיק פאַר גנבים.

אַלץ וואָס איז פעהיג און וויל לעבען — גנב'עט.

רעצעפּטען — דאָס זיינען בלויז געשריבענע גנבה.

זשורנאַליסטיק — איז געדרוקטע גנבה.

אייניגע גנב'ענען בלויז ווערטער; אנדערע אויף סיוזשעטען; קליגערע גאַנצע ביכער; געניעס — בע'גנב'ענען זיך אליין.

גרויסע ראָמאַניסטען — דאָס זיינען גנבים אין א גרויסען פאָרמאַט.

קליינע סקיצע־שרייבער — דאָס זיינען גנבים בלויז אויף בע־שרענקטע קאָלומס.

יעדער סוחר איז א גנב מיט א טשעק־בוך.

מסחר — איז גנבה אויף אן אוננאַטירליכען אופן.

גנבה — איז מסחר אויף א נאַטירליכען אופן.

איך האָב פיינט קליינע גנבים, ווייל זיי נוצען אוים זייער טאַלאַנט אויף קלייניגקייטען — אנשטאָט גנב'ענען מיליאָנען גנב'ענען זיי גראָשענס.

אם בעסטען האָב איך ליעב א טיטולירטען גנב; א סענאַ־טאָר אָדער א קאָנגרעסמאַן וואָס מיט א י י ן האַנט גנב'עט ער און מיט דער צ ו ו י י ט ע ר בלעטערט ער די קאָנסטיטוציע.

אם ערגסטען האָב איך פיינט די שטילע גנבים, די וואָס גנב'ענען זיך אריין אין זאַקען אין אונזערע צימערען; די וואָס קרי־כען אויף די שפּיץ־פינגער צו אונזער נשמה...

פיעל בעסער זיינען שוין די וואָס קריכען גלייך מיט די שטיוועל און לאָזען הערען זייערע הילכענדיגע טריט.

די בעסטע זאכען מוז מען אריינשמוגלען, די שענסטע די־מענטען ווערען געבראכט אָהן טאָמאָזשנע.

אין אייניגע לענדער מוז מען די שאַרפסטע געדאַנקען גנב'ע־נען פון צענזור.

מעהרסטע פרויען זיינען גנבים.

א פרוי ווען זי איז א קינד גנב'עט זי פון טאַטען.

ווען זי איז עלטער גנב'עט זי פון מאַן. זי רופט עס ש פּ אָ־ ר ע ן.

א שעהנע פרוי איז א געפעהרליכער גנב, זי גנב'עט אונזער זעלבסשטענדיגקייט, אָפט אויך אונזער א י ך.

אַן אָרימע פרוי — איז א גנב אין א פלייש־קרעמעל, א רייכע — איז א גנב אין א דעפּאַרטמענט סטאָר.

די שענסטע געפיהלען קומען ניט ארויס אָפען פאַר דער וועלט, נאָר בגנבה. אין די שאָטענס פון צימער.

די ערשטע ליעבע איז אימער א גע'גנב'עטע, דער ערשטער קוש ווערט גע'גנב'עט מיט שרעק און האַרץ־קלאַפּעניש.

דער מענש איז פון דער נאַטור א גנב; אדם הראשון האָט גע־געסען דעם ערשטען עפּעל בגנבה.

ווען אָדם הראשון וואָלט געווען אַנגעשטעלט אין אַן אָרדען וואָלט ער געווים גע'גנב'עט, נאָר צו זיין אונגליק איז נאָך דאַן דער מלאך־המות ניט געווען און מ'האָט ניט געוואוסט פון טויטען־בע־נעפיט...

די נאַטור אליין איז א גנב'טע, זי גנב'עט אוועק פון מענשען די שענסטע אנטיקען, דימענטען, פּערל און גאָלד־אוצרות און בע־האַלט זיי ערגעץ אין געהיימע ווינקעלאך, אויף די פינסטערע דע־קען פון ים און אין די גרעסטע וויסטענישען.

די נאַטור לערנט אונז גנב'ענען:

אנטקעגען די צעהן געבאָט האָט זי אונז געגעבען צעהן פינ־גער, כדי מען זאָל זיי קענען פערבייגען...

אַה, דו גרויסער פּלאַקער פון מיין נשמה, אַה, דו אונשטיל־באַרער דורשט מיינער צום לאַכען, זאָג! וויפיעל גוטע שטונדען האָסטו ביי מיר אַוועקגע'גנב'עט, וויפיעל שעהנע מינוטען אַוועק־געראַבט אויף אייביג?

ווייל שאַפען — דאָס הייסט גנב'ענען זויבערע געפיה־לען פון האַרצען און פערשמירען זיי מיט טינט...

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

אין יענער צייט האָבען איהם די תלמידים געטראָפען לע־זענדיג די נייעס וועגען דער גנבה אין „אַר. רינג".

נאָך אַמאָל וועגען אַלץ און אַלעס.

וואָס איז עסטעטיק? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

עסטעטיק, מיין פריינד, איז ברייט ווי די האַרץ פון אַ קאַ־קעטקע.

עסטעטיק, מיין פריינד, איז היינט גלאַנציגע נעגעל און אַן אומריין האַרץ ביי איינער און דער זעלבער פּערזאָן.

אום צו זיין אַן עסטעטיקער היינט, מוז מען אימער רעדען וועגען שעהנקייט, קונסט, קאָלירען און מאַניערען, דערביי מאַכענ־דיג אומגעלומפּערט מיט די הענט און שפּריצענדיג יענעם גלייך אין פּנים.

וואָס איז שייך מיר, האַלט איך ווייניג פון היינטיגע עסטעט־טיק און האָס די דאָזיגע עסטעטיקער און דערהויפּט די וואָס רעדען אימער פון עסטעטיק.

וואָס הייסט זיין צו יעדער צייט אַן עסטעטיקער? יעדער מענש איז צומאָל אַ מלאך און צומאָל אַ חזיר.

יעדער מענש האָט אַמאָל אַ פערלאַנג צו פליהען אין די הימ־לען און אַמאָל דעם זעלבען פערלאַנג צו קריכען אין בלאָטע.

און אמאל האט ער ביידע פערלאנגען צוזאמען אין איין מאָ־מענט.

ציינט מיר די בלויז עסטעטיקער און איך וועל זיי אריין לאַ־כען אין פנים אריין.

אויך אין בלאָטע איז דאָ שעהנקייט.

אויך קרומע ליניעס זיינען סימעטריש. תלמידים מיינע, רעדט מיט מיר ניט מעהר וועגען עסטעטיק.

וואָס איז ערציהונג ? — פרעגט פּאַמפּאַדור און ער ענטפערט:

ערציהונג איז גאָר ניט און אלעס.

ערציהונג איז א שאַרפער מעסער אין די הענד פון קאַליקעס.

וואָס הייסט ערציהען א מענשען ? וואָס הייסט צאַמען א יט ? וואָס הייסען מעסטען אַן אבגרונד ?

אַה, די ערציהונג פון די ניט־ערצויגענע, אַה, די קינדער און די עלטערן פראגע ווי זי בעליידיגט מיך ! איך גלויב ניט אין ער־ציהונג בכלל, און בפרט אין גלייכע ערציהונג פאר אלעמען.

גלייכע ערציהונג — הייסט מאכען מענשען פאר ציגעל, וואָס ווערען געגאָסען אין איין פורעם.

גלייכע ערציהונג — הייסט אבשאַפען דעם אויסנאַהם, דעם ווידערשפּרוך, דאָס וואונדערבאַרע.

אוי, די ערציהער אונזערע, ווי נאַקעט זיי שטעהען פאר מיינע אויגען !

ערציהונג הייסט ביי אונזערע ערציהער מאכען קונצען מיט דער נשמה פון פאָלק.

ערציהען דאָס פאָלק — הייסט ביי זיי זיך לערנען פאָהרען רייטען אויף זיינע פּלייצעס.

פריינד מיינע, גיט א געלעגענהייט איינינע דורות צו ערצי־הען זיך אַ ה ן ע ר צ י ה ו נ ג און איהר וועט קומען צום גליק־ליכען מענשען.

וואָס איז גענוס ? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

גענוס איז דאָס קינד פון ניט־וויסען, די פרוכט פון געהיימנים.

געניסען — הייסט פערלייקענען די צייט, פערגעסען דעם זייגער.

גענום — איז שיכרות.

ניכטערע מענשען געניסען ניט.

תלמידים מיינע, געניסט פון'ם לעבען און ווייסט ניט פון דעם, ווארום היינטיגעם לעבען איז געגען גענום...

וואס איז בעגייסטערונג? — פרעגט פּאמפּאדור און זאגט: רעדט מיט מיר ניט היינט פון בעגייסטערונג.

בעגייסטערונג איז היינט ניטא.

מאדערנע בעגייסטערונג — איז א יונגע מיידעל אין א שטייפען קארסעט.

מאדערנע בעגייסטערונג — איז א גרויס־שטאדטיגער גע־זונטער יונגער מאן אהן א מאגען...

מאדערנע בעגייסטערונג — איז רויך אהן פלאמען.

מאדערנע בעגייסטערונג — איז א מצבה אויפ'ן קבר פון גע־שטארבענע געפיהלען.

ווער איז היינט צו טאג בעגייסטערט, פריינד מיינע, אויסער געהאלט־נעהמער, אפלאדיסמענטען־געבער, פּאטריאטען און בע־צאהלטע דינער פון דאלאר?

דער מאדערנער מענש דארף ניט זיין פריי בעגייסטערט און האט ניט פון וואס צו זיין פריי בעגייסטערט.

וואס, למשל זאל פּאמפּאדור'ן בעגייסטערן?

— א רעדע, וואס ער האט שוין געהערט הונדערטע מאל; א ליעד, וואס איז שוין איבערגעדרוקט צום טויזענדען מאל; א גע־דאנק, וואס איז שוין איבערגע'חזר'ט געווארען צום מיליאנען מאל?

אוואו איז די פרישקייט, די טהעמא־נייקייט, אוואו?

אונזער וועלט איז שוין צו אלט, אונזער קולטור צו בלוטלאז און אונזערע קולטור־טרעגער צו ערפאהרען.

דער מאדערנער מענש איז א שטאדט־מענש וואס רעכענט, צעהלט, וועגט, מעסט — אבער ווערט ניט בעגייסטערט.

תלמידים מיינע, צינדט אן ליכט, טוט אוים אייערע געלע שיך און זעצט זיך שבעה נאך דער בעגייסטערונג פון אמאל, ווייל טויט איז זי, שוין לאנג טויט.

אזוי האט גערעדט פּאמפּאדור.

און פּאַמפּאַדור'ן איז אַריינגעפאַלען אַ שטיקעל נייעס, אַז דער אַרבייטער רינג האָט 40 פּראָצענט מיטגליעדער, וואָס קענען ניט לעזען און ניט שרייבען, און אַ סאַרקאַסטישער שמייכעל האָט זיך בעוויעזען אויף זיין ערנסטען פּנים און ער האָט צו זיינע תלמידים אַזוי געזאָגט:

תלמידים מיינע! איך בין מעהר צופריעדען מיט די פערציג פּראָצענט ב ע ז ג ר א מ א ט נ ע, ווי מיט די זעכציג פּראָצענט ג ר א מ א ט נ ע.

40 פּראָצענט בעזגראַמאַטנע — הייסט, 18 טויזענד נפשות, ארויסגעראַטעוועט פון די מעניקיורטע נעגעל פון דער מאָדערנער קילטור.

פּאַמפּאַדור שווערט פון דעם געדאַנק, אַז אַלע זאָלען זיין געבילדעט.

בילדונג פאַר אַלעמען — הייסט, בילדונג פאַר קיינעם.

בילדונג פאַר אַלעמען — הייסט, אַ ביליגער סאַוועניער גע־טהיילט צו אַלעמען אַנשטאָט טייערע מתנות צו געצעהלטע.

בילדונג פאַר אַלעמען — דאָס איז אַ גרויסע פערוואַסערטע שיסעל אין אַ פּאָלקס־קיך, אַנשטאָט אַ קליין טעלערעל גוטע שפּייז אין דערהיים.

פּאַמפּאַדור איז געגען דעם, אַז געדאַנקען זאָלען זיין אַזוי אַ ל ג ע מ י י ן ווי שניפּסען, אַז אידעען זאָלען האָבען אַזאַ גרויסע צירקולאַציע ווי פּעני־צייטונגען, אַז טאַלאַנטען זאָלען זיך געפינען אין יעדען הויז ווי פערגרעסערטע טאַטע־מאַמע בילדער אויף די ווענט.

פּאַמפּאַדור האָט פיינט אַ געזעלשאַפט פון בלויז געבילדעטע.

אַ געזעלשאַפט פון בלויז געבילדעטע — איז ווי אַ געזעלשאַפט פון בלויז שעהנע פרויען. — זיי דערעסען, די געבילדעטע מיט זייער

ש ו ו ע ר ק י י ט און די שעהנע פרויען מיט זייער פ ו ס ט־ ק י י ט.

א געזעלשאפט פון בלויז געבילדעטע — איז ווי א טהעאטער פון בלויז טראגיקער, ווי א צירקוס פון בלויז פאיאצען.

פאמפאדור וויל ניט זיין קיין מיטגליעד אין א געזעלשאפט פון בלויז גייסטרייכע, אזוי ווי א י ה ר וואלט ניט וועלען זיין א שטענדיגער עסער אין א רעסטאראנט פון בלויז מילכיגע בליג־ צעס.

פאמפאדור איז געגען בילדונג אין אונזערע פעראיינען, ווייל דיעזע בילדונג געהט ניט ווייטער פון לאקאל. ער איז געגען „ווי־ סענשאפט" וואס ווערט אויסגעלאשען צוזאמען מיט דער אויסגע־ לאשענער עלעקטרי. ער איז שוין גיכער פאר א גראשענעם בייגעל פאר'ן מאגען, ווי פאר א גראשענע לעקטשור פאר דער נשמה.

פאמפאדור האט ניט ליעב אז מען טראגט אונטער דעם אר־ בייטער די גאנצע „ענטשטעהונג פון דער וועלט און מענשהייט" אויף א טעלערעל, ווי א הערינג אין א רעסטאראנט.

ער וויל פאעזיע אנשטאט טרוקענע פילאזאפיע, ער וויל פרייזלאזע בעגייסטערונג פאר די מאסען, אנשטאט פינף־דאלאר־ דיגע ווישענשאפט.

ער וויל דעם טהוי פון הימעל, די קריסטאל־קלאהרע וואסער פון די נאטירליכע קוואלען פאר דער נשמה, אנשטאט „וויסענ־ שאפטליכע" פאמפע־וואסער, וואס איז בלויז גוט צו בעגיסען בלא־ טיגע גאסען.

ער האט ליעב דעם פראסטען מענשען, ווייל דער פראסטער מענש גלויבט נאך אין בילדונג, ער האט ניט ליעב דעם געבילדע־ טען, ווייל ער גלויבט שוין אין גאר נישט.

שוין גענוג געזארגט פאר דער נשמה!

פאמפאדור האט זעהר ניט ליעב די נשמה־פערזארגער פון אונזערע עדיוקיישאנאל קאמיטעס, די זעעלען־שפייז פון די גע־ אלף־בית'טע פיהרער.

זארגען פאר דער נשמה — דאס איז אן ארבייט פאר מיסיא־ נערען און נשמה־כאפער.

דאס פאלק וויל עסן. און אפילו מיסיאנערען געווינען אויף מעהר נאראנים פאר זייער דומהייט מיט א פעטע וועטשערע איידער מיט א מאגערע דרשה.

און פאמפאדור האט זיך אויף א ווײַלע פערטראכט און נאכדער האט ער ווײַטער געזאגט:

ס'איז ניטא קיין אלגעמיינע בילדונג, ווי ס'איז ניטא קיין אלגעמיינע ליעבע.

ווען גליק וואלט געקענט פערקויפט ווערען צו יעדען גלייך, וואלט עס שוין לאנג געווען אין די הענד פון א טראסט.

ס'איז ניטא קיין בילדונג פאר אלעמען, ווי ס'איז ניטא קיין גליק פאר אלעמען.

ניט יעדער קאפ איז א געסט פאר בילדונג, ווי ניט יעדע הארץ איז א בלומען-טאפ פון געפיהלען.

תלמידים מיינע! שאפט אב די בילדונג פאר אלעמען און איהר וועט קומען צום געבילדעטסטען צוקונפטס-מענש.

אזוי האט גערעדט פאמפאדור.

ווענען פאהרען און געהן צופוס.

און ס'איז געווען אין דער צייט, ווען ס'האט אויסגעבראכען דער גרויסער קאר סטרייק אין ניו יארק.

און פאמפאדור האט זיך געשטעלט אויף דער פלאטפארם פון א צובראכענער קאר און ער האט אזוי געזאגט:

תלמידים! פאמפאדור איז געגען פאהרען סיי אויף קארס, סיי אויף באהנען סיי אין דער הויך, סיי אונטער דער ערד און סיי אפילו אויף אויטאמאבילען.

געבענשט זאל זיין דער פוסגעהער!

געהן צופוס — הייסט פערלאזען זיך אויף די אייגענע כחות.

פאַהרען — הייסט פערלאַזען זיך אויף עלעקטרי, גענזאַלין און אנדערע מאשינאַווע קרעפטען, מיט מענשליכע אַנטרייבערס אלס צוגאַב.

געהן צופוס — איז פאַעזיע. די גרעסטע פּאַעטען האַבען אַפּט ניט א ביקעל אויף א בילעט.

פאַהרען — איז פּראַזאַ.

געהן צופוס — איז עניוות, איז בעשיידענהייט, פון א פוס־געהער.

פאַהרען — איז גאַנץ אָפּט דער טייטש: עם־הארצות אין א אויטאַמאַביל.

פאַהרען — איז ענגשאפט און שטיקעניש.

ווען איהר פאַהרט אין קאַר האַט איהר פאַר זיך נאַר די פיער ווענטלאַך פון קאַר און מעהרסטענטהיילס בלויז דעם רימען, אויף וועלכען איהר הענגט. אבער דער וואָס געהט צופוס, האַט פאַר זיך א גרויסע, ברייטע וועלט, אַן אָפענע פון אלע פיער זייטען.

געהן צופוס — הייסט לעזען דעם בוך פון אלע ביכער, וואָס הייסט נאַטור.

פאַהרען — הייסט לעזען די אַנאַנסען ווענען הינער־אויגען און מאַגען־פערשטאָפּונג, אויף די ווענט פון קאַרס.

געהן צופוס — הייסט זיין א בעסערער מענש, ענטפערען גוט־יאַהר אויף א גוט־מאָרגען, ווייל וואָס איז דאָ צו גרויסהאַלטען זיך? גאָט'ס ווענען ליעגען אויסגעשפרייט פאַר אלעמען גלייך.

פאַהרען — איז דער טייטש: קריך אויף יענעמ'ס קאָפּ, פערכאַפּ א בעסערען פּלאַץ אין קאַר! הייסט: קוק ניט אויף קיינעם און אכטע נאַר זיך אליין.

געהן צופוס — הייסט פערטיעפען זיך אין זיך. הייסט: ישוב הדעת און רוהיגקייט.

פאַהרען — איז דער טייטש: שווינדעל פאַר די אויגען, פאַנאַראַמען וואָס בייטען זיך מיט א טייפעלשער שנעלקייט, און דערום — פלאַכקייט פון געדאַנק און נערוועזן־צוטרייסלונג.

געהן צופוס — איז די מוטער פון נאַטירליכער מיטדיגקייט.

הייסט: רוהען אויפ'ן גראָז און אויסציהען זיך אונטער א בוים.

פאָהרען — הייסט שלאָפען אין קאר שטעהענדיג.

און פאַמפּאדור האָט זיך א ווײלע פערקוקט און ווייטער געערדט:

געהן צופוס — איז נאַטור, עס שמעקט מיט וועלדער פון צעהנדליגע דורות.

פאָהרען — איז קולטור, עס שמעקט מיט געזאָלין...

דער ערשטער מענש איז געגאַנגען צופוס און איז דערום געווען גליקליכער.

פאָהרען האָט זיך דער מענש אויסגעלערענט ערשט שפּעטער, ווען ער האָט אָנגעהויבען ארומיאָגען דעם גליק און איהם ניט יוי־פינען...

פאַמפּאדור איז פאר א וועלט פון פוס־געהער!

א פוס־געהער — מוז לכל הפחות האָבען געזונטע פיס. אבער אום צו פאָהרען קען מען אפילו האָבען רעוומאַטיזם. ס'איז גענוג, אז מען האָט 5 סענט — און מען פאָהרט!

א פוס־געהער קען מיט זיין גאַנג קיינעם ניט שעדיגען, אויסער זיינע אייגענע פיס. אבער פאָהרען — הייסט גאַנץ אָפט איבערפאָהרען, צוקאַליעטשען אונשולדיגע מענשען.

דער פוס־געהער — איז דער ערפינדער פון הכנסת־אורחים געדאַנק, דער ערשטער שעפּפער פון דער פּאָעזיע פון דערלאַנגען א טרונק דעם היימלאָזען און געבען אָפּעסען דעם וואַנדערער.

דער פאָהרער — איז איינער פון די צושטעלער פון פערוואונדעטע פאר האָספּיטעלער, איינער פון די, וואָס מאַכען קלינגען דעם אמבולאַנס גלעקעל...

געבענשט זאָלען מיר זיין די ברייטע וועגען!

ווען איהר געהט, זייט איהר וואכזאם, זעהט איהר איבער זיך א הימעל און א זון, פּאַר זיך בוימער און טייכען. איהר בעוואונדערט די רייכקייט פון גאָט'ס וועלט און אייער נשמה ווערט געריינִיגט.

ווען איהר פאָהרט אבער אין א קאר — שלאָפט איהר. און

ווען איהר שלאָפט ניט, קוקט איהר אויף צ ו פ אָ ה ר ע נ ע פרויען און האָט מיאוסע געדאנקען.

געבענשט זאָל אויך זיין דער טרוקענער זאמד פון די ברייטע וועגען!

ער איז פיעל וויכער פאר מיין נשמה, ווי די געפארבטע בענק אין די קארס און די ווייכע פלאַשענע שטוהלען אין די אויטאָמאָבילען!

און פאָמפאַדור האָט זיך נאָך אמאָל פערטראכט און נאָכהער ווייטער גערעדט:

איילען זיך איז ניטאָ וואָס!

פאָמפאַדור האָט צייט!

די ברייטססטע שטרעקעס קען מען איבערגעהן אין פערלויף פון יאָהרען, און צום עק פון דער וועלט קען מען אלץ איינס קיינמאָל ניט דערגעהן, אפילו ווען איהר וואָלט געפאָהרען אייביג.

תלמידים! זאָל רוהען דער פערד, דער עזעל, דער קעמעל, די קאַר און דער אויטאָמאָביל — איך וויל גערן צופוס!

פאָמפאַדור האָט אפילו בדעה אָנצוזאָגען, אז מען זאָל איהם בעסער ט ר אָ ג ע ן צו זיין לעצטער רוה — איידער פ י ה ר ע ן.

טראָגען צום קבר — איז דער טייטש: מיר לעבעדיגע פיהלען מיט דיר מיט אויך נאָכ'ן טויט, זיינען מיט דיר חברים ביז דער לעצטער לאָפּעטע ערד.

פיהרען צום קבר — הייסט: מיר לעבעדיגע האָבען מיט דיר מעהר גאָר ניט וואָס צו טהאָן. דו פאָהר זיך און מיר וועלען גערן אונזער וועג...

טראָגען צום קבר — הייסט: פיהלען דיין חבר'ס טויט לכל הפחות אויף די אקסלען.

פיהרען צום קבר — הייסט: גע'פטר'ט אן עסק און פארטיג!

טראָגען צום קבר — שמעקט מיט כבוד המת פון פערצייטיגע דורות, מיט נאַטירליכקייט, מיט אמת'ע טרערען.

פיהרען צום קבר — שמעקט מיט „פעראיין ברידער“, מיט

„האררי־אפ,“ מיט „נאדיר אן אנשיקעניש גאר,“ מיט אן עברה א האלבען טאג.

בעלי־עגלות, קאנדוקטארען און קאר־טרייבער, זייט ניט אין כעס אויף פאמפאדור'ן!

פאמפאדור האט סתם ניט ליעב קיין פ י ה ר ע ר און נאך דערצו פיהרער פאר א קליינעם הונגער־געהאלט!

פאמפאדור האט ליעב שטעהן אויף די אייגענע פיס, געהן אויף די אייגענע פיס און זיין זיין אייגענער וועג־ווייזער און פיהרער אומעדום און איבעראל.

אט אזוי האט גערעדט פאמפאדור, און איז מיט שטילע טריט ארונטער פון דער צובראכענער קאר.

ווענען מיעדיגקייט, און מענשען, וואס טארען ניט זיין מיעד.

איך בין מיעד, מיין פריינד, זאגט פאמפאדור.

מיעד פון פלאפלען, מיעד פון שרייבען, מיעד פון עסען, מיעד פון ליעבען, מיעד פון אלעם.

און ליעב איז מיר דיעזע מיעדיגקייט מיינע, ליעבער פון אלעם.

מיעדינקייט — דאס איז פאר מיר די רוהיגקייט פון נאך האלבע נאכט אין א ניו־יארקער הויז.

מיעדיגקייט — דאס איז פאר מיר די ווייכע קישען אין צייט פון ארבייטסלאזיגקייט.

אימער זיין טהעטיג, דאס איז דער גורל פון א שקלאף.

קיינמאל ניט מיעד זיין, הייסט זיין א שקלאף פון טהעטיג־קייט.

זיי מיעד, מיין נשמה! דאס ווייזט, אז דו ביזט אמאל טהע־טיג געווען, שטארק טהעטיג געווען, האסט אמאל געיאגט איבער ווייטע ווייטקייטען און ברייטע ברייטקייטען.

מיעדיגקייט — דאס איז דער צוקונפטיגער געווינס פון אר־בייטער.

ווען דער מענש וועט אויסקעמפפען זיין פרייהייט צו זיין מיעד צו יעדער צייט, וועט אבגעשאפט ווערען די קאפיטאל און ארבייט פראגע.

די מענשהייט וועט דערגרייכען איהר שפּיץ פון קולטור־הויכקייט נאר דורך מיעדיגקייט.

אה, מיעדיגקייט, די קרוין פון מיינע טרוימען ביזטו!

אה, ווען וועט די מענשהייט שוין מיעד ווערען?!

און צו פאמפאדור'ן שמייכעלט פון ווייטען א מ י ע ד ע מענשהייט, וואס רוהט אויס איהר גרייז־גרויען שעהנעם קאפ און דרעמעלט שטיל אויף די ריעזיגע אקסלען פון דער אייביגקייט.

אה, ווי שעהן וואלט געווען, ווען אלע וואלטען מיעד געווארען ווי פאמפאדור!

מיעדיגקייט! לאז זיך אראפ ווי א וויעג־ליעד אויף מיין טהע־טיגער נשמה, פערשלעפער זי, — ביז איך וועל ווידער ווערען טהעטיג ווי אמאל.

מיעדינגקייט — דאס איז די ברכה פון גאט, וואס ער האלט גרייט פאר'ן צוקונפט־מענש.

דער מענש פון היינט ט א ר נ י ט זיין מיעד, ק ע ן נ י ט זיין מיעד, ער מוז לויפען און איבעריאגען די עלעקטריק־טראמווייען און אויטאמאבילס, ער מוז זיין טהעטיג ווי א טעלע־פאן־דראט.

נאר דער איבער־מענש וועט קענען מיעד זיין!

אזוי האט גערעדט פאמפאדור.

HAUPTMANN
אויף הויכע בערג

ווענען האַסען און ליעבען.

און פּאָמפּאַדור האָט איינמאָל זיך אַזוי געווענדט צו זיינע תלמידים:

תלמידים מיינע, האַסט!

האַסען — איז אַ גרעסערע חכמה ווי ליעבען.

ליעבען — קען יעדער נאַרישער בחור; אום צו פיינט האַבען מוז מען זיין כאָטש אַ פילאָסאָף.

ליעבען — איז שוין לאַנג געוואָרען אַ וואָכעדיג וואָרט ביי גראָשענע קריסטליכע גאַסען־פּרעדיגער, און דערום איז האַסען — שוין באַלד אַ יום־טוב פאַר דער רייכער נשמה.

תלמידים מיינע, פּאָמפּאַדור לערנט אייך פיינט האָבען. ליעבע — זאָגט איהר בויט וועלטען? — ניין! ס'איז פאַלש: אויב בויען, בויט עס די שנאה.

נאָר מיט אַ גרויסען האַס צו דער אַרבייט, בויען די אַרבייטער די שענסטע שטעדט, רייכסטע פּאַלאַצען און קונסטפּאָלסטע בריקען.

אפילו אַ פאָלק ווערט נאָר שטאַרק אויף אַ צווייטען פאָלק'ס רעכענונג.

וואָס איז ליעבע?

ליעבע — איז אַ פייער וואָס פערצעהרט זיין בעל־הבית: שנאה איז אַ פייער וואָס פערצעהרט אַ צווייטען.

מיט דער ליעבע — קענסטו ווייטער פון שלאָף־צימער נישט געהן, אָבער מיט שנאה קענסטו בעזיעגען וועלטען...

אַה, שנאה, ברען ווי אַ פלאַקער אין מיין האַרצען!

שנאה — דאָס איז שאַפונג. גרויסע שנאה — דאָס איז גרויסע שאַפונג.

די גרעסטע ליטעראַרישע ווערק, זיינען געשאַפען געוואָרען אין צייט פון גרויסען האַסען, און ניט אין צייט פון ליעבען.

ווען איינער ליעבט — קען ער ליעגען אין בעט און קרעכצען, אָבער ניט שאַפען.

שאַפען — דאָס הייסט פיינט האָבען דאָס אַרומיגע, האַסען דאָס קלייגליכע, פעראַכטען דאָס נישטיגע, זיין פול מיט גיפט און צאָרן צו אַלעם וואָס איז נידריג, אויפהויבען זיך ביז'ן הימעל — און אַראָבקוקען מיט שנאה אויף דער ערד.

שנאה — איז ממשלה, איז אונבעזיעגבאַרע הערשאַפט.

אויב גאָט איז דער הערשער פון אַלע וועלטען — איז דאָס, ניט דורך ליעבע, נאָר דורך גרוים שנאה; איז דאָס, ווייל ער איז דער גרעסטער אכזר אין דעם וועלט־אַל.

ליעבען — איז שוואַכקייט, איז אַן אַראָבגעלאָזטער קאָפּ, איז נישטיגע הכנעה, איז רעזיגנאַציע, איז געבויגענע קניע און צו־טרייסעלטע נערוועז.

און אין אַזאַ צושטאַנד, קען מען בלויז שעפּטשען קראַנקע תפלות און שמייסען זיך מיט ריטער...

פּאַמפּאַדור האַלט אפילו ניט פון דער ליעבע פון אַלע ליע־בעס, די ליעבע צו דער פרוי.

ווילסטו בעזיעגען אַ פרוי? — דאַן האַס זי! דאָס איז די נייע לעהרע פון פּאַמפּאַדור.

ליעבען באמת אַ פרוי — הייסט איגנאָרירען איהר קערפּער, און בעזיצען איהר זעעלע.

און בעזיצען די זעעלע פון אַ פרוי — הייסט בעזיצען: ג אָ ר־נ י ש ט...

ליעבען אַ פרוי — הייסט בעזיעגט ווערען פון א י ה ר, הייסט טהאָן וואָס זי הייסט; און בעזיעגט ווערען פון אַ פרוי — הייסט, ווערען אוים מאַן.

שנאה — איז שטאָלץ, איז דאָס גלאַנציג אויג פון אַ זיעגער.

און א זייגער איז אימער שעהן און הערליך.

תלמידים מיינע, ווילט איהר קענען האסען, דאן דארפט איהר קענען גוט די פרוי.

פאמפאדור איז פאר א שטארקע שנאה צווישען מאן און פרוי...

זאל דער מאן ווערען א רויבער, און נעהמען א פרוי מיט גוואלד.

ווייל יעדע פרוי — האט ליעב גוואלד און פערגוואלדיגונג.

בעצווינגען — דאס איז לעבען.

זיעג און בעזיעג! — דאס איז דער אמת פון אלע בעציהונגען פון מאן צו דער פרוי.

פאמפאדור גלויבט ניט אין דער זעלבסטשטענדיגער ליעבע פון דער פרוי.

די ליעבע פון דער פרוי — איז בלויז אן ע כ א פון דעם מאן'ס.

און פאמפאדור האט א ווײלע געשוויגען און נאכדעם האט ער ווידער גערעדט:

די גרעסטע פערברעכער זיינען די פאעטען, ווייל, זיי האבען גענומען די פרוי און איהר געמאכט פאר דער געטין פון ליעבע.

פרויען פערמאגען קיין ליעבע, ווייל זיי זיינען ניט גייסט־רייך...

די גייסטרייכקייט פון א פרוי — איז א געבארגטע; איז ניט מעהר ווי פוידער און פארב — צו געפעלען די מענער.

פאמפאדור גלויבט, אז בלויז פלייש־ארעמע מענשען קענען גייסט־רייך זיין. פרויען זיינען זעלטען פלייש־ארעם.

ליעבע — און זעלבסטשטענדיגקייט, און פאמפאדור גלויבט ניט אין ז ע ל ב ס ט ש ט ע נ ד י ג ע פרויען. אפילו ניט אין ש ט ע נ ד י ג ע פרויען.

פאמפאדור וויל האבען א שוואכע פרוי און א שטארקע גלאז וויין.

איהר זאגט די הארץ פון א פרוי איז א רעטעניש. ס'קען זיין, ס'איז אמת! אבער מיט לייזען רעטענישען פערנעהמען זיך ניט גאר קיין קלוגע מענער...

תלמידים מיינע, לערנט זיך האסען!

אזוי האָט גערעדט פּאַמפּאדור. און יענע צייטען האָט ער זיך צושיידט מיט זיין צעהנטע געליעבטע.

וועגען זינד און זינדיגע.

וואָס איז זינדיג? פרעגט פּאַמפּאדור.

און פּאַמפּאדור ענטפערט: זינדיג איז — א מיידעל, וואָס איז שוין איבער אכצעהן — און ווייס נאָך ניט, וואָס הייסט א קוש.

זינדיג איז — א יונג ווייבעל, וועלכע איז שוין דריי וואָכען נאָך דער חתונה — און האָט נאָך ניט קיין געליעבטען.

זינדיג איז — א יונגערמאַן, וואָס לעבט צוויי וואָכען מיט א מאוס ווייב — און איז פון איהר נאָך ניט אנטלאָפען.

זינדיג איז — א יונגער מאַן, וואָס רעדט מיט א פרוי וועגען פילאָזאָפיע, סאָציאָלאָגיע און פילאָלאָגיע — אין דער צייט, ווען ער קען זי פּשוט אומארמען.

אן עברה — איז לויט מיין מיינונג — א טאָג, וואָס איהר פערברענגט אליין.

קלאָפּען דאַרפט איהר זיך על חטא, ווען איהר פאָהרט אין פּארק — מיט א בוך.

די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען פון נאַקעטע זינד. א מענש פאנגט אָן וואַקסען דורך זינד, ביז ער וואַקסט אויס א גרויסער זינדיגער...

אָהן זינד, וואָלט די וועלט אויסגעקוקט ווי אן אלטיטשקע אָהן צייהנער, ווי א פּוסטע פּושקע פון שמעק־טאַבאַק, ווי א בעט אָהן קישענס...

די וועלט מוז זיין זינדיג! ווען ניט, וואָלט זי קיין פּנים ניט געהאַט.

יאָהרען — זיינען לייטערס פון זינד.

וואקסען — הייסט רייף ווערען אין זינד.

אויב דער הימעל איז ניט קיין בית עולם — מוז מען דאר־טען אויף זינדיגען...

אויב די מלאכים געהען ניט אין שווארצע שפאקולען און האבען מלאך'טעס, אויף וועמען צו קוקען — מוזען זיי זינדיגען.

א פרוי — איז א קאלעקציע פון זינד; יעדער מאן מוז פון איהר נעהמען עפעס — צום אנדענקען, ווען ניט, איז ער א נאר...

זינדיגען מוז מען!

ווען דו וועסט ניט זינדיגען, וועט אנאנדערער זינדיגען פאר דיר, — איז גלייכער דו זאלסט אליין זינדיגען...

אלעס, וואס דענקט צו לעבען — מוז זינדיגען.

נאר טויטע געדאנקען — זיינען הייליגע.

נאר שוואכע ברואים — זיינען אומשולדיגע.

נאר אוים מאנגעל אין בלוט — ווערט דער מענש א תהילים־זאגער.

פאמפאדור דענקט, אז דער אנערקענסטער גאט איז דער גאט פון זינד, ווייל אלע האלטען פון איהם און דיענען איהם טריי.

ווען מיר וואלטען ניט געזינדיגט, וואלט מען דאך ניט געדארפט בעטען אויף פערגעבונג. און דאס פערגעבען — איז דאך בלויז א טהיר צו נייע זינד.

גלויבט מיר, אין א וועלט פון בלויז צדיקים וואלט איך ניט געוואלט זיין קיין מיטגליעד.

מענשען זיינען צוטהיילט אויף צוויי קלאסען, ניט אויף ארימע און רייכע, נאר — אויף גרויסע זינדיגער און קליינע זינ־דיגער.

די גרויסע זינדיגער זיינען די, וואס ווילען און האבען מיט וואס צו זינדיגען און די קליינע זינדיגע זיינען די, וואס ווילען, אבער האבען נעבעך ניט מיט וואס.

דאס, וואס די וועלט רופט זינד, איז בלויז א מאס צו מעס־טען פרעמדע מעשים, אבער ניט קיין אייגענע.

אט, למשל, ווען איהר פיהרט א ליעבע מיט מ י י ן ווייב

איז דאָס — אַ זינד, דערפאַר אבער, ווען איך פיהר אַ ליעבע מיט אַ י י ע ר ווייב, איז דאָס בלויז, — אַ פערגעניגען.

תלמידים! דער גרעסטער זינדער איז דער, וואָס זינדיגט ניט! אזוי האָט געערדט פּאַמפּאַדור.

וועגען איינס און אַ סך.

איך האָב ליעב פיעל און מוז ליעבען פיעל, זאָגט פּאַמפּאַדור.

ליעבען פיעל — הייסט זיין שעהן ווי דער רעגענבויגען.

זיין אַ רעגענבויגען, מיין פריינד, זאָל דיין נשמה פאַרמאָגען אזוי פיעל פארבען ווי דער רעגענבויגען.

ווי קען מען בלויז ליעבען איינע?

ליעבען איינע — הייסט ניט קענען ליעבען אייביג.

ליעבען איינע — הייסט נעהמען „הייראַטס־פּאַפּירען“ אין דער ביורא פון לאַנגווייליגקייט.

ליעבען איינע — הייסט זעלבסטמאָרד פאַר דער צערטליכקייט.

נאַר פראַזען־געברויכער און צבוע'קעס האַלטען פון איינצעלנע ליעבע.

איינצעלנע ליעבע — הייסט זאָגען, אַז די נאַטור האָט בלויז איין פריהלינג, איין בלום און איין נאַכטיגאַל.

ליעבען אַלע מאָל איינע, הייסט ניט, אנערקענען די בעוועגונג פון דער צייט.

און ווארום זאָלסטו מענש אָנהענגען בליי אויף די פליגלען פון דער אייביגקייט?!

קענסטו דען ליעבען יעדען טאָג גלייך? קענסטו דען ליעבען יעדע שטונדע גלייך?

האָב קיין מורא פאַר ליעבען אַ צווייטען מאָל.

צווייטע ליעבע — איז דער צווייטער ציטער פון דער ערש־טער ליעבע אויף דער זעלבער סטרונע פון דיין נשמה־פידעל.
צווייטע ליעבע — דאָס איז בלויז א ווידערקול פון דער ערשטער און ווארום לאָזען דעם אָבקלאַנג פון דיין שטימע געהן פערלאָרען אין די לעדיגע רוימען!?
ליעבען פיעל — הייסט אויפלעבען פיעל מאָל דיין יוגענד.
ליעבען פיעל — הייסט פערמאָגען עטליכע יוגענדס.
און ווארום זאָלסטו נאָר וועלען האָבען א י י ן י ו ג ע נ ד!
איך האָב ניט ליעב די מענשען וואָס ליעבען בלויז איין מאָל: זיי זיינען די „יעווגוכען" פון דער נאָקעטער שעהנקייט פון דער גע־טין־ליעבע.
איך האָב ניט ליעב די איינמאָל־ליעבהאבער — זיי זיינען די הענקער פון די געפיהלען.
און ווארום זאָלסטו מאכען אין דיין הארץ א תליה?
ליעבען א סך — הייסט דיכטען; ליעבען איינע — הייסט זינקען אין פראזא.
ליעב איינע און אלע, ליעב אלע מיט אמאָל, און ליעב איינע נאָך דער צווייטער און דו וועסט וויסען פון ליעבע.
דאמאָלט האָט פּאַמפּאדור אנגעפאנגען זינגען ליעבע צו זיין פערצעהנטער געליעבטע.

וועגען אַלטע בחורים און יונגע גליקען.

פע, אן אלטער בחור! פע, אן אלטער בחור! שרייען אלע.
און איך האָב ליעב אלטע בחורים, זאָגט פּאַמפּאדור.
די וואָס האָבען יונג חתונה — זיינען די געפיהלען־פּאַגראָמש־טשיקעס און ליעבע־צושטערער פון אלע צייטען און דורות.
אוי, איהר נייע בית־הקברות־עפענער, איהר יונגע חופה־שטע־לער — ווי איך האָס אייך!

אן אלטער בחור — דאָס איז דער צוקונפט־שווינגער־אבשאַפער פון נייעם מענשען.

אן אלטער בחור — דאָס איז דער אייביגער יוגענד־פערהיטער.

די יונגע חתונה־הגבער — דאָס זיינען אונזערע לענדלאַרד־בעשיצער, דירה־געלט אויפהויבער און קלאסען־קאַמף־פערשטאַרקער.

זיין אן אלטער בחור — הייסט זיין געגען הויכע דירה־געלט און קלאסען־קאַמפף.

אלטע בחור'שאפט — דאָס איז שענק־פרייהייט, קאַפּע־פרייהייט און קאַרטען־פרייהייט.

אַה, איהר דריי פרייהייטען פון פרייען מענשען — ווי טהייער איהר זייט!

יונג חתונה האָבען — מיינט טהיר־קלאפעניש נאָך האלבע נאכט.

יונג חתונה האבען — הייסט זיך פעראורטהיילען צו לעבענס־לענגליכען פרויען־קנעפּיל פערשפּילעניש.

איך שטעל דעם אלטען בחור אפילו העכער פון דער אלטער מויד.

אן אלטע מויד — דאָס איז מעהרסטענס דער קאָנפליקט פון דעם ו ו י ל און דעם ק ע ן נ י ט.

אן אלטער בחור איז אימער דער העלד פון דעם ק ע ן און ו ו י ל נ י ט.

אן אלטע מויד — דאָס איז אָפט בלויז א זאַקען־אוצר פאר צוקינפטיגע דופּק־טאַפּער און רעצעפּטען־שמירער.

אלטע בחור'שאפט — דאָס הייסט פרייע אָפּערוויליגקייט.

ציוויליזאציאָן, דו וועסט דערגרייכען דיין הויך נאָר דורך דעם לייטער פון אלטע בחור'שאפט!

פריינד מיינע! בלייבט אלטע בחורים און איהר וועט האָבען נענוג צייט זיך צו פוילען, און איהר וועט קענען אימער האלטען פאר זיך אָפען דעם בוך פון אייער פערגאנגענהייט, צעהלען די קנייטשלאַך פון אייער שטערען און קרעכצען.

אויב א מיידעל וועט מיך ניט פער׳כשופ׳ען אין איהר נדן־נעץ, וועל איך אויך בלייבען אן אלטער בחור.

אזוי האָט גערעדט פּאַמפּאדור.

דאמאָלס האָט פּאַמפּאַדור דריי מאָל נאָכאַנאַנד א זיפץ געטהאָן.

ווענען בערג און טהאָלען.

תלמידים! ווילט איהר זיין בעליעבט ביי דער מאסע מיט אייערע תורות, געהט קיין מאָל ניט אראָפּ פון בארג, פערהילט זיך אין טומאַנען, מאכט פון אייער לעבען — א וואָלקען.

בארג — דאָס איז פערגעטערונג.

בארג — דאָס איז דער סוד פון שאַפען.

בארג — דאָס איז דער לאַטייניִשער רעצעפּט פון די נביאים.

בארג — דאָס הייסט שטעלען זיך העכער איבער אלעמען.

פּאַמפּאדור האַסט די נביאים פון טהאָל, די פּאָליטיקער פון אונטער׳ן בארג.

טהאָל — דאָס איז א הויז פאר אייערע שטיוועל.

טהאָל — דאָס איז אַ געמייזאכץ פאר אייערע אידעאַלען.

טהאָל — דאָס הייסט וואוינען מיט דער מאַסע און ווערען פון איהר ערנידריגט.

תלמידים! הערט וואָס פּאַמפּאדור זאָגט אייך: נידערט ניט אין טהאָל מיט אייערע תורות, אויב איהר ווילט זיי זאָלען בלייבען הויכע און ריינע.

הויך אויפ׳ן בארג מוז שטעהן דער שטוהל פון דעם נביא, כדי דאָס פּאָלק זאָל ניט זעהן זיינע הילצערנע פיסלאך.

בארג — דאָס איז אַריסטאָקראַטיע פון נאַטור.

טהאָל — דאָס איז דעמאָקראַטיע פון דער נשמה.

דער נביא מוז זיין פאר זיין פאָלק הויך ווי דער הימעל, און רעטזעלהאַפט ווי די שטערען.

פּאַמפּאַדור איז זיכער, אז ווען די מענשען וואָלטען געקענט כאָטש איינמאָל אָנריהרען דעם הימעל מיט די הענד, וואָלט ער שוין לאַנג געוואָרען דאָס אייגענטהום פון גוטס־בעזיצער, אנשטאָט וואָס אזוי איז ער בלויז דאָס אייגענטהום פון געטער און פּאָעטען...

און פּאַמפּאַדור האָט זיך אויף א ווײַלע פערטראַכט און ווידער געזאָגט:

תלמידים, און נידערט איהר אין טהאָל, דאַן געהט פעררײַסען דעם קאָפּ צום הימעל און מיט א שטעקען אין האַנט.

אַ שטעקען — דאָס איז דער סמן, אז איהר זייט אין טהאָל בלויז אַ גאַסט אויף אַ ווײַל.

און רעדט איהר צום פאָלק, רעדט צו איהם דורך דונערען און בליצען, שיט אויף איהם פעך און שוועבעל, סטראַשעט איהם מיט טויט און גהינום. פערהילט איהם אין רויך. דאַן וועט ער הערען אייער געבאָט.

דען דער דונער — דאָס איז גאָט'ס סאַטירע.

בליצען — דאָס איז אַ שאַרפזין פון הימעל.

און דאָס פאָלק מוז מען שרעקען ווי א קינד, ווען ניט, וויל ער זיך ניט אײַנשפּאַנען אין יאָך פון דער תורה, נאָר ער וויל שפּיעלען אין פערדלאַך און טאַנצען מיט קעלבלאַך.

און געהט איהר אַרונטער אין טהאָל, צייגט די מענ־שען בלויז אייער רוקען — דאַן וועלען זיי פערגעטערען אייער פּנים, עס מעג אפילו זיין פול מיט זומער־שפּרינקלאַך.

ווייל אפילו אַ גאָט ווען מ'קוקט איהם אַן פּנים צו פּנים, נאָז צו נאָז ווערט ער אויס גאָט.

און פּאַמפּאַדור האָט זיך פערטרוימט און ווידער גערעדט:

בארג — דאָס איז לעגענדע, דאָס איז לעבען אין וואָלקען און שטאַרבען אין כמאַרע.

ווייל אַ גרויסער גייסט — טאָר אפילו ניט שטאַרבען ווי אַלע.

זאל קיינער ניט וויסען וואו איהר זייט געשטארבען און וואו איהר זייט געבוירען.

א נביא — דארף ניט האבען קיין מאמע, ס'מאכט ניט, אז מען געפינט איהם אין א קעסטעל און מ'שרייבט איהם צו צו עמי־צען אנדערש.

א נביא — דארף ניט האבען קיין טאטען — דער פאטער פון דעם נביא, דאס איז די געהיימנים.

א נביא — מוז זיך בלויז חבר'ן מיט'ן סוד.

דאס וואס דער שלאף־צימער איז פאר'ן מענשען, דאס איז די נשמה פאר דעם נביא, אי דעם שלאף־צימער אי די נשמה מוז מען גוט אפהיטען אום זיי זאלען בלייבען פערשטעלט פאר אנדערע.

און א שמייכעל האט זיך געוויזען אויף פאמפאדור'ס פנים און ער האט ווידער געזאגט:

תלמידים! לערנט זיך פון משה'ן.

שאפען — דאס הייסט הונגערען, דאס הייסט ניט דערעסען פערציג טעג און פערציג נעכט.

ביי א קאפע־טישעל קען מען קיין נייע תורות ניט שאפען.

זאטקייט — דאס איז דער האנאראר, דאס געצאהלטס פאר שורות, און האנאראר איז דער בית־עולם פאר'ן גייסט פון נביאים און קינסטלער.

תלמידים! געהט אוים פון הונגער, אבער עסט ניט פון שי־סעל גלייך מיט אלעמען, ווייל דאס פאלק האט זעהר ניט ליעב צו זעהן זיינע תורה־געבער, קייענדיג...

תלמידים מיינע! זייט נביאים פון בארג און איהר וועט פער־געטערט ווערען אין טהאל.

אזוי האט גערעדט פאמפאדור און איז אוועק אויף זומער אין די קעטסקיל בערג.

וועגן מלחמה און שלום.

תלמידים מיינע, פּאַמפּאַדור איז פאַר מלחמה!

שוין צופיעל מענשען האָט די וועלט, ווי צופיעל ביכער.

ווען מען וואָלט א העלפט פון די ביכער פערברענט אויפ'ן פייער וואָלטען נאָך גענוג ביכער פערבליבען צו פער'וואַסער'ן די מוחות.

ווען מען וואָלט אפילו א העלפט פון דער מענשהייט פער־ניכטעט אין פייער פון מלחמה וואָלטען נאָך גענוג מענשען פער־בליבען צו לעבען אויף צרות.

פּאַמפּאַדור איז פאַר מלחמה.

מלחמה — דאָס איז דער אור־אַלטער ווילדער גאָט פון בלוט און נקמה, וואָס לאָזט זיילען רויך פון זיינע נאָזלעכער, שפּריצט פייער פון די אויגען און קנייטשט זיין שטערען אין גרימצאָרן.

און דיעזער אור־אַלטער גאָט איז פיעל ליעבער פּאַמפּאַדור'ן ווי דער טאָג פון די היינטיגע פער'טאַנגאָ'וועטע מענשען מיט א האַוואַנאַ סיגאַר אין מויל, א שמייכעל אויף די ליפּען, דיפּלאָמאַטי־אויפ'ן צונג און ט ו י ט אין הארצען...

פּאַמפּאַדור איז פאַר מלחמה.

מלחמה — דאָס איז די פּערפאַסערין פון דער וועלט־געשיכ־טע, ווען די מענשען וואָלטען אימער ג ע ש ל אָ פ ע ן אין שלום וואָלט די געשיכטע געווען א היסטאָריע פון א קאַמפּף מיט בעט־חיות.

מלחמה — דאָס איז פייער פון יונענד און לעבען.

שלום — דאָס איז אַן אָנגעהייצטע אייוועלע פאַר אינוואַ־לידען.

פּאַמפּאַדור איז נעגען שלום.

שלום — דאָס איז שטילקייט פון קברים, דאָס איז א שעפּ־טשען פון מתים. דאָס איז פּאָעזיע אויף מצבות, פוילקייט פון גליעדער און פייפען פון נעזער.

און הונדערט מאָל זיסער איז פאַר פּאַמפּאַדור׳ס אויער צו הערען דאָס פּייפען פון קוילען איידער דאָס פּייפען פון געזער.

תּלמידים, פּאַמפּאַדור ווילֿ ניט היינטיגען שלום!

היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער שלום — דאָס איז א שטענדיגע בלוט־פּערגיסונג אָהן א שלאַכט, א טאָג־טעגליכע אויסשלאַכטונג אָהן געוועהר.

פּאַמפּאַדור איז פאַר אן אלגעמיינע אויסשלאַכטונג אויפ׳ן פעלד איידער צו פערניכטען זיך איינציגוויייז אין שטאָדט.

ארבייטער, האָט קיין מורא ניט פאַר מלחמה! שוין בעסער זיין הארמאַטען־פלייש אויף פרייע פעלדער איידער פאַבריק קנאָכען אין ענגע גאַסען.

מלחמה — דאָס איז די שטימע וואָס רופט: מענשען! קעהרט זיך אום צו דער נאַטור, ווייל, נאָר דורך מלחמה ווערען פון שטעדט — פעלדער.

און פּאַמפּאַדור האָט זיך אויף א ווײַלע פערטראַכט און ער האָט ווייטער געזאָגט:

תּלמידים! דאָס גאַנצע לעבען פון א מענשען איז א מלחמה.

צוויי פערליעבטע דאָס זיינען צוויי ארמעען.

קושען — דאָס זיינען מאַנעווערעס.

ליידען פון ליעבע — דאָס הייסט טראָגען א קויל אין הארצען.

א פרויען־הארץ — דאָס איז א שטענדיגער קריעג־פּלאַץ; און ניט אומזיסט האָבען פרויען ליעב סאָלדאַטען.

פאַמיליען־לעבען — דאָס איז א וואָהנונג אויף א בויך פון א הארמאַט.

א מאַן — דאָס איז א סאָלדאַט, וואָס מוז אימער שטעהן אויף דער וואַך פון זיין שלאָף־צימער.

תּלמידים מיינע, רופט צו מלחמה!

פעלקער וואָס ווילען שלום — זיינען אַנטיקען פאַר מוזעאומס.

תּלמידים מיינע, זייט נביאים פון מלחמה!

זאָל ברענען דאָס שלאַכט־פעלד, זאָל האָגלען מיט קוילען, זאָלען קראַכען פעסטונגען. זאָלען מענשען פאַלען ווי העלדען אויף

שווערדען — אלץ בעסער איידער זיי זאָלען שטאַרבען ווי פליעגען אויף פליענגען־פּאַפּיר...

און זאָרגט זיך ניט פאַר די אלמנות און יתומים.

אלמנות — טרייסטען זיך זעהר שנעל, פרעגט ביי שדכנים. און יתומים ווערען שנעל אליין טאַטעס.

און נידער מיט דעם רחמנות און רחמנות־שוועסטער!

מלחמה — דאָס איז אַ העלדין וואָס געהט פאַראויס דער מחנה.

שלום — דאָס איז אַ רחמנות־שוועסטער וואָס געהט פון הינ־טער דער מחנה.

אַ דבורה הנביאה, אַ זשאַנאַ ד'אַרק, געדענקען אלע, אָבער קיי־נער געדענקט ניט די נעמען פון די מיליאָנען רחמנות־שוועסטער, וואָס האָבען געקליבען פערוואונדעטע אויפ'ן שלאַכטפעלד.

תלמידים! קענט איהר ניט געהן אויף דער מלחמה, טאָ האַלט מלחמה מיט זיך אליין. מאַכט פון אייער הארצען אַ שלאַכט־פעלד פון געפיהלען, זאָלען יעדען טאָג פאַלען אייערע סאָלדאַטען.

אזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

ווענען ביליג און טהייער.

תלמידים מיינע, איך בין פ א ר אַ יקרות.

אַנשטאָט צו מאַכען ביליגע פּרייזען אויף לעבענס־מיטלען, מאַכט בעסער טהייערער דעם לעבען זעלבסט!

אַ, איהר קליינע און גרויסע רעפאָרמער, קומט און הערט וואָס פּאַמפּאַדור וועט אייך זאָגען ווענען ביליג און טהייער!

ביליג — דאָס איז די געקויפטע ליעבע פון פרויען.

ביליג — דאָס איז די טעגליכע פּרעסע, וואָס האָט געשאַפען דעם פעני־לעזער.

יקרות — דאָס איז אריסטאָקראטיע, דאָס איז א קלענערע פּאַרציע נאָר א גוטע.

יקרות — דאָס איז עסטעטיק, דאָס איז די שעהנע נשמה, וואָס פאר איהר איז גאָר נישט צו טהייער.

אוי, די ביליגע פרייזען פאר אלעמען, אוי, די דעמאָקראַטיע פון מקחים, ווי איך קען זיי ניט דולדען!

ביליגע פּרייזען אויף שפּייזען, — דאָס זיינען ביליג רעפּאַרמען פון ביליגע נביאים. דאָס איז פּאָפּולאַריזאַציע אַנשטאָט קונסט.

ביליג — דאָס איז מואווינג־פּיקטשורס, דאָס איז דער נייער לעזער וואָס בעגנוגענט זיך מיט לעזען פון מ ו א ו ו י ־ ל י י ־ ל א ך אַנשטאָט פערטיעפען זיך אין ביכער.

ביליג — דאָס איז פּאָפּולערע מוזיק אין יעדער הויז, דאָס איז א „וואונדער־קינד" אין יעדען צימער, דאָס איז א פּיאנאָ אויף יעדען גאָרען.

איך בין פאר א גרויסען יקרות.

מאכט א הויכען טאַריף אויף דער ליעבע, זאָל אויף איהר ווערען א יקרות און זאָלען איהר קענען בעקומען בלויז די רייכע נשמות, די מיליאָנערען פון גייסט, די מלכים פון שעהנקייט, די פּרינצען פון געפיהלען.

דער שאָדען פון ב י ל י ג ע ליעבע איז פיעל גרעסער ווי דער שאָדען פון ט ה י י ע ר ע ן צוקער.

ביליגע ליעבע — הייסט ביליגע פּאָעזיע, הייסט ביליגע שטימונג.

אָהן טאַריף איז די ליעבע ביי די היינטיגע פּאָעטען, און דארום איז זי אזוי ביליג ביים פּאָלק.

אָה, איהר ליעבע שאכערער, אָה, איהר ביליגע סוחרים פון פּאַרנאָס, אָה, איהר פּאָליטישענס פון דער מוזע, ווי איך האָס אייך!

ווארום האָט איהר געמאכט פון דער ליעבע א ביליגען אויספערקויף פון גראמען, א קליין קרעמעל פון געפיהלען?...

גיט מיר צוריק די סערענאַדע פון דעם אמאָליגען פערליעבטען, אונטער'ן הויכען פענסטער פון זיין געליעבטע, און נאָט אייך אַוועק די גאַנצע קאָרידאָר־ליעבע פון אונזערע זיהן און טעכטער!...

ניט מיר דעם וועהטאָג פון איין פערליעבטער נשמה פון אַמאָל,
דעם טרוים פון איין אַמאָליגער קליינשטעדטעלדיגער מיידעל און
נאָט אייך אַלע שבועות, קאָמפּלימענטען און ליעבע־פּליסטערנים
פון אַלע אייז־קרים טישלעך פון דער גרעסטער וועלט־שטאָדט!

מאַכט א הויכען שטייער אויף הייראַטה, זאָל ניט יעדער מע־
גען פיהרען צו דער חופּה זיין ביליגע נשמה.

זאָלען נאָר הויכע גייסטער זיך מעגען פּאָרען און געבוירען
קינדער פאַר דער צוקונפט.

תלמידים, מיך אַרט ניט דער יקרות אויף האָבער. מיך קי־
מערט נאָר דער זול אויף דער נשמה.

פון טהייערען האָבער ליידען בלויז דורות פון פערד.
אָבער פון ביליגע הייליגקייטען — ליידען דורות פון מענשען.
ביליגע צוקער — הייסט נאָך ניט פערזיסען דעם לעבען.
ביליגע וואָל — הייסט נאָך ניט קליידער פאַר אַלעמען...
אַה, ווי איך האָב פיינט דעם זול אויף אַלע אונזערע הייליג־
קייטען!

פּאָמפּאַדור וויל אפילו א יקרות אויף קושען!
זאָלען זיך נאָר קענען קושען די מיוחסים, די פּריסטער פון
ריינקייט, די כהנים פון צניעות.

נאָר דורכ׳ן טהייערען וועג פון יקרות וועלען מיר קומען צום
גייעם מענשען!

אזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

## וועגען טאַנצען און טענצער.

און פּאָמפּאַדור איז איינמאָל אין א ווינטער־אָבענד געקומען
צו א באַלל און האָט ווי זיין שטייגער איז זיך געשטעלט אַן א זייט
מיט פערלעגטע הענד.

און פּאָמפּאַדור האָט געקוקט אויף די פּאָרלאַך, וואָס האָבען

זיך נערדערהם אהן א טאלק, און איינינע מיידלעך האבען איינגע־לאדען פאמפאדור׳ן צו טאנצען, נאר ער האט ניט געוואלט.

און ווען זיי האבען איהם געפרעגט פאר וואס ער טאנצט ניט? — האט ער אזוי געזאגט:

ניט קיין שונא פון טענץ שטעהט דא פאר אייך: פאמפאדור האלט זעהר פון טאנצען.

טאנצען — דאס איז דער קערפער־פליים וואס פערדעקט די פוילקייט פון גייסט.

טאנצען — דאס איז די שעהנקייט פון פרויען־פיסלאך וואס קומען אין בעריהרונג מיט דער פאדלאגע...

טאנצען פאר א יונגען מאן — איז א גאלדענע „וואוטקע“ אין די הענד פון א גוטען פישער...

איך האלט זעהר פיעל פון טאנצען, אבער איך קען ניט...

ליעבע מיידלעך! ווייסט איהר וואס הייסט קומען צו א באל, זיין יונג און ניט קענען טאנצען?

ליעבע מיידלעך! אן אונגליקליכער איז פאמפאדור...

און ווען די מיידלעך זיינען אוועק פון איהם האט ער צו זיינע תלמידים אזוי געזאגט:

די גאנצע חכמה פון לעבען בעשטעהט אין טאנצען.

טאנצען — הייסט זיין א קלוגער אין לעבען.

טאנץ ארום אלעם, דרעה זיך ארום אלעם, בויג דיין קערפער זוי א שלאנג, בויג זיך ווי א פאליטישען ערב קאמפיין, קלאפ צו וואו מ׳דארף — און דו וועסט בעהערשען דעם באל פון לע־בען...

זיין אויף דעם באל פון לעבען און ניט טאנצען הייסט פער־ליערען „א געלעגענהייט צו געווינען“...

טאנצען גוט — הייסט יע אנטרעטען און ניט אנטרעטען אויף פרעמדע היינער־אויגען...

טאנצען: — דאס מוזען קענען אט — קלוגע פאליטיקער, גע־שייטע כלל־טהוער, און פעהיגע רעדאקטערע...

טאנץ אלע טענץ! אבי האב ערפאלג.

טאנץ אליין, אין צווייען, אין קאראהאד, — אבי געווין חן.
צו טאנצען אליין אבער מוז מען זיין שטארק.
טאנצען אליין הייסט בעהערשען די מאסען.
טאנצען אליין הייסט געווינען אדער פערליערען.
קענסטו דאס? — אזוי וואויל צו דיר! — ווען ניט? געה אין קאראהאד!...

א קאראהאד — מיינט, פערברידערונג פון פיס...

א קאראהאד — הייסט צוזאמען גיסען דיינע חסרונות מיט די חסרונות פון דעם כלל...

א קאראהאד — בעדייט אפטמאל פערדעקען דיינע אייגענע חסרונות...

בלייב ניט אוים אליין פון א קאראהאד — מיט דער מיט שרייבסט זיך אליין אונטער דיין טאנץ אורטהייל.

מעגסט האבען א טראט פון א בער, בעוועגונגען פון א אוראנג אוטאנג — וועט מען דיך ניט קריטיקירען ווען דו טאנצסט מיט מיט אלעמען...

א, פריינד מיינע, עס איז גוט צו טאנצען!

א, פריינד מיינע, זייט מיר מוחל וואס איך קען ניט טאנצען...

אזוי האט גערעדט פאמפאדור.

## זועגען שיכרות און שכורים.

און ס'איז געווען פורים צו דער סעודה, און די תלמידים זיינען געווען אביסעל שיכור'לאך און זיי האבען פיעל פראגען פאמפאדור'ן געשטעלט.

און פאמפאדור האט אויפגעהויבען א גרוים גלאז וויין, אריינגעגאסען, מיט איין זאלפ און האט אזוי געזאגט:

תלמידים מיינע, וואס איז לעבען? לעבען איז א גרויסע פלאש וויין... טרינקט ביז וואנען איהר קומט צום דעק...

וואָס גרעסער די פלאַש, אַלץ לייכטער דאָס לעבן און וואָס שווערער דאָס לעבן, אַלץ גרעסער די פלאַש...

לעבן איינזאַם — הייסט שיכור'ן אַליין, ביחידות.

זיין אַ מענש פון געזעלשאַפט — הייסט טרינקען בצבור.

לעבן איז שיכרות.

שיכרות — דאָס איז פערגעטערונג פון זאַכען, דאָס איז חסידות.

עכטע ליעבע — דאָס איז משקה פון 99טער פּראָבע: עס מוז ברענען, פלאַקערען אין קאָפּ, אין מוח, אין הארצען!

אייפערזוכט — דאָס איז שיכרות פון געזונטע מענשען.

טרינקט, תלמידים מיינע!

שיכור'ן — הייסט ליידען אין פערגעניגען און פערגעניגען אין ליידען...

איך האָב זעהר ניט ליעב די צוביסלעך־זופער, די פערבייסער נאָך יעדען זופּ, די אַריסטאָקראַטען פון שענק...

טרינקען — הייסט אַריינגיסען מיט אַמאָל. מיט איין זאַלפּ און ניט פערקרימען זיך...

און משקה דאַרף זיין שטאַרק, שאַרף ביטער: עכטע ספּיריט— מוז ברענען!

שוואַכע משקה — איז ווי שוואַכע פּאָעזיע, איז ווי זויער־מילך־געדאַנקען: עס שטילט ניט דעם דורשט.

שוואַכע משקה — איז ווי ליעבע פון אַן אַלטער פרוי: ברענט ניט, נאָר איבעלט.

און נאָך האָט פּאַמפּאַדור געזאָגט:

פריינד! טרינקט ניט פון גלעזעל.

אַ גלעזעל — דאָס איז אַ מאָס, אַ צוים אויפ'ן מויל: דאָס איז שקלאַפעריי פון טרינק־טיש.

טרינקט פון פלאַש און וואַרפט נאָכדעם די פלאַש צום באַלקען: דאָס איז פרייהייט, דאָס איז אָפּטימיזם, דאָס איז דער גאַלגאַן־הומאָר פון לעבען...

און צובראַכען האָט פּאַמפּאַדור אַ גרויסע פלאַש און האָט אַזוי געזאָגט:

פריינד! זייט ניט ווי אידען און זוכט ניט קיין ספּעציעלע ימים־טובים אום צו מאכען אַ שנאַפּס.

טרינקט אין אַלע ימים־טובים און אין אַלע וואָכען־טעג.

טרינקט אויף מרדכי'ס הצלה און המן'ס מפּלה, טרינקט אויף אייער א י י ג ע נ ע ר מפּלה.

אידען לעבען אויף נסים און טרינקען נאָר אויף נסים.

זייט ווי גוים, וואַרט ניט אויף נסים און טרינקט אימער!

אַ שענק — דאָס איז די חופּה פון'ם גליקליכען, די חתונה פון דעם הייראַטהסלאָזען.

געבענשט זאָל מיר זיין די פלאַש שנאַפּס! — זי פיהרט צו פערגעסענהייט, און פערגעסענהייט איז די מ ו ט ע ר פון נייעם לעבען און נייע צרות...

פערגעסען זיך — הייסט פער'שכור'ען די פערגאַנגענהייט און לאַכען צו דער צוקונפט...

אַ שיכור — דאָס איז אַ מאַן וואָס געהט דורך זיין וועלט וואַקלענדיג זיך אין אַלע זייטען.

און נאָר דער אַלזייטיגער, דער וואָס שאָקעלט זיין קאָפּ אין אַלע ריכטונגען — איז אַ גליקליכער!

זיין ניכטער — דאָס הייסט געהן גלייך, גראַד. און געהסטו גלייך — האָסטו נאָר א י י ן וו ע ג פאַר די אויגען. און איין וועג — הייסט, ענגשאַפט פאַר דער נשמה.

שיכור'ן — דאָס הייסט פערזעצען די ווירקליכקייט אין דעם לאָמבאַרד פון דער פאַנטאַזיע — און נאָר די פאַנטאַזיע איז דער אוצר פון די קבצנים...

ניכטערקייט — דאָס דאַרף בלויז זיין דער קליינער אַנטראַקט פון דער אייביגער פיעל־אַקטיגער דראַמאַ, וואָס מ'רופט: „שיכרות פון לעבען".

ניכטערקייט — דאָס איז די געוועהר פון פרויען. די נאַטור האָט זיי בעשאַפען נ י כ ט ע ר ע, אום צו קענען פער'שיכור'ען די מענער...

פרויען! — ווילט איהר גלייכע רעכטע מיט די מענער? — הויבט אָן שיכור'ען! נאָר אין שענק וועט איהר אייערע רעכטע

בעקומען! נאר דורכ'ן שענק וועט איהר אריינקומען אין ג ע־ז ע צ ־ ה ו י ז.

נעוועהנט זיך צו צום ביטערען טראפען, און איהר וועט בעקומען אייער רעכט: צוליעב דעם ביטערען טראפען וועט איהר אייער רעכט בעקומען, און פאר'ן ביטערען טראפען וועט איהר זי אויך אוועקגעבען.

און צוהיצט האט זיך פאמפאדור און האט אויסגערופען:

אה, איהר ניכטערע בעשעפעניסען! לאכט ניט פון די שיכורים וואס וואלגערען זיך שיכור'ערהייט אין די גאסען, כל־זמן איהר קענט די נ י כ ט ע ר ע קיין היים ניט געבען!...

אזוי האט גערערט פאמפאדור.

## וועגען תשובה און פארטיי־בעלי־תשובה.

און די תלמידים האבען געפונען פאמפאדור'ן זיצענדיג אויף א הויכען שטיין, אין איינעם פון די שטאדט־פארקען און זיי האבען איהם געבעטען, אזוי ווי איצט איז די צייט פון תשובה טהאן, זאל ער זיי עפעס זאגען וועגען תשובה.

און פאמפאדור האט גאר ניט געוואלט זאגען. ער איז גע־זעסען א פערטראכטער און געשוויגען.

אבער די תלמידים האבען איהם ארומגערינגעלט און זיי האבען געוואלט כאטש וויסען, פאר וואס ער וויל ניט ריידען וועגען תשובה.

און פאמפאדור האט זיי געהייסען זיך זעצען ארום איהם אויפ'ן גרויסען שטיין. און ער האט אזוי געזאגט:

תלמידים! ווייסט איהר פאר וואס איך וויל ניט ריידען פון תשובה? ווייל תשובה, ווי צדקה, זיינען טעכנישע מיטלען, צו בע־רוהיגען דעם אייגענעם געוויסען, און פאמפאדור האט ניט ליעב די געוויסען־בערוהיגער פון אלע סארטען.

דאָס וואָס צדקה געבען איז פאַר רייכע רויבער און מיליאָ־נערסקע וועלט־בעצווינגער, — דאָס איז תשובה טהאָן פאַר זעע־לען־אַרימע און געפּיהל־קבצנים.

דער רייכער רויבער, וואָס טהיילט צדקה, הערט ניט אויף צו רויבען און דער זעעלען־אַרימער, וואָס טהוט תשובה, הערט ניט אויף צו קריכען אין בלאָטע.

ביידע, אי דער רייכער צדקה־געבער, אי דער אַרימער תשובה־טוער — זיינען טרוסען און פייגלינגע. מענשען, וואָס צי־טערען פאַר׳ן יום הדין, און נאָך מעהר פאַר זייער הויט.

און פּאַמפּאַדור האָט פיינט פייגלינגע, מעגען זיי זיין אפילו עכט פילאַנטראָפּישע און עכט מאָראַלישע.

תשובה ווי צדקה — זיינען פּ ע ט ע נ ט ־ מ ע ד י צ י נ ם פאַר פוסטע נשמות; ערלויבנישען צו זינדיגען ווייטער; גוטע שטיקלעך סחורה אין די הענד פון מארק־שרייענדע הענדלער. ווייל גאַנץ עהרליכע מענשען דאַרפען זיך ניט אויסקויפען ניט מיט תשובה און ניט מיט צדקה.

און פּאַמפּאַדור האָט געוואָרפען א שטרענגען בליק אויף זיינע תלמידים און האָט ווייטער גערעדט:

א שטענדיגער בעל עברה — איז א מענש אָן אויסגעהאַלטע־נער, און אויסגעהאַלטענקייט ביי עברות איז שעהן — ווי ס ט י ל אין שרייבען.

א שטענדיגער בעל עברה — איז א מענש מיט כאַראַקטער. הארטען הארץ ווי האַרטען נאַקען, און כאַראַקטער איז א פעלז אויפ׳ן פעלד, איהר אַכטעט איהם פאַר זיין האַרטקייט, כאָטש איהר קענט אויף איהם ניט אָנשפּאַרען דעם קאָפּ...

א בעל תשובה איז אויך א מענש, וואָס איז מיעד געוואָרען פון א רוקען־ביין, און א מענש אָהן א רוקען־ביין איז ווי א שרייבער אָהן סטיל — א נאָכאַהמער, א נאָכקרימער, אן אוראַנג־אוטאַנג.

א בעל תשובה איז אויך א מענש וואָס איז מיעד געוואָרען פון זינדיגען, אָדער וואָס האָט פערלאָרען די קראַפט צו זינדיגען, און מיעד געוואָרענע און קראַפטלאָזע זיינען גוטע איינוואָהנער

פאר מושב זקנים'ס, אבער ניט קיין גוטע מיטגליעדער פאר'ן ריזיגען טאנץ־זאל, וואס הייסט — לעבען.

און פּאמפּאדור האט זיך פערקוקט אויף דער אונטערגעהענ־דער אסיען־זון, און ער האט אזוי געזאגט:

פריינד מיינע! פּאמפּאדור האט ליעב עקשנים, איינגעשפּאר־טע בעל־עברות, מענשען וואס שיינען אויף זייער אופן ביז דער אונטערגאנג פון זייער זון...

פּאמפּאדור האט גרויס דרך ארץ פאר די אלישע בן אבויה'ס וואס ווילען ניט קיין תשובה טהאן.

— ווייל וואס איז תשובה? — תשובה איז א ווייכער שאַ־קעל־שטוהל אום צו פארשלעפּערען דעם אויסגעשפּיעלטען „איך", אויף די לעצטע יאהרען.

ווייל וואס איז זינד? — זינד איז א יונג פערשייט פערדעל וואס פליהט איבער וואלד און פעלד, ביז ער ברעכט האלז און נאקען.

תלמידים! פּאמפּאדור האט ניט ליעב קיין בעלי תשובות ווי ער האט ניט ליעב קיין גרים.

בעלי־תשובה, ווי גרים, זיינען קליין־הענדלער מיט גרויסע זאכען.

בעלי תשובה, ווי גרים, ווילען אנערקענונג פאר זייערע אָפּ־פער, לארבער־קרענצע פאר זייערע אויפּטהועכצען, שטוהלען אין גן־עדן פאר זייערע טוגענדס... און וואס איז דאס, אויב ניט קליין האנדעל?

בעלי תשובה, ווי גרים, מאכען אויסשטעלונגען פון זייערע מעשים טובים. און אן אויסשטעלונג איז אפשר שעהן פאר דער פּראָדוקציאָן פון מוח און האנד, אבער ניט פאר דער פּראָדוקציאָן פון דער נשמה און גייסט...

פּאמפּאדור זאגט צום גר: פריינד אמת־זוכער, קום ניט צו אונז, מיר זיינען נאך אליין אויך ניט זיכער, אויב ביי אונז איז דער גאנצער אמת!

פּאמפּאדור זאגט צום בעל תשובה: פריינד חרטה האבער!

שטעה וואו דו שטעהסט, מיר האבעו נאך ניט אונטערזוכט אויב אונזער פלאטפארם איז די שטארקסטע.

און פאמפאדור איז אנטשוויגען געווארען, אבער די תלמידים האבען איהם געבעטען ער זאל נאך עפעס זאגען און ער האט געזאגט.

תלמידים! מעהר ווי די שוהל־בעלי־תשובה האב איך פיינט די פארטיי־בעלי תשובה, וואס קומען אויף די עלטערע יאהרען צוריק צו אונזער פאלק.

פארטיי בעלי תשובה — דאס זיינען אנטלאפענע מענער וואס קומען צוריק...

נאריש איז אנטלויפען פון דער ווייב, ווייל צו וואס ביזטו פריהער אזוי געלאפען נאך איהר? אבער נאך נארישער איז דאס קומען צוריק.

דום איז דאס אנטלויפען פון אייגענעם פאלק, אבער נאך דומער איז דאס קומען צוריק.

און דער עיקר — מיט פארטיי בעלי־תשובות ווי מיט אנט־לאפענע מענער קען מען קיין מאל ניט זיין זיכער.

מעהרסטענס צוריקגעקומענע מענער, קענען ניט בלייבען לאנג אין דער היים און זיי אנטלויפען ווידער.

און מעהרסטענס בעלי תשובה קענען ניט בלייבען ביי זייער ערשטער תשובה, נאר זיי געהען תשובה טהאן ווייטער...

און פאמפאדור איז אראפ פון שטיין, געדריקט די הענד פון זיינע תלמידים און האט זיי צום אבשיעד אזוי געזאגט:

פריינד מיינע, אייַלט זיך ניט צו ווערען בעלי תשובה! אייַלט זיך בעסער צו זינדיגען!

איהר פרעגט פאר וואס? — ווייל זינדיגען הייסט געניסען פון לעבען, און געניסען איז א רענדעוואו מיט דער בליץ־אנטלויפענ־דער צייט וועלכע מען טאר ניט פערשפעטיגען... אבער תשובה טהאן, דאס קענט איהר אפילו צעהן מינוט פאר׳ן טויט.

ווי איהר קוקט אן פאמפאדור׳ן, האט ער בעסער ליעב אן אלטען בעל עבירה ווי א יונגען בעל תשובה, ווייל אן אלטער בעל עבירה איז א מענש וואס האט כאטש געלעבט און גענאסען און

א יונגער בעל תשובה איז א מאן וואס טויטעט זיך אין סאמע בליהען...

אזוי האט גערעדט פאמפאדור, און ער האט פערלאזען זיינע תלמידים.

### וועגען טהעאטער און אקטיארען.

און די תלמידים האבען געפרעגט פאמפאדור'ן, ווארום מען זעהט איהם אזוי וועניג אין טהעאטער?

ווארום ער געהט ניט זעהן די נייע פיעסען און די נייע אקטיארען?

און פאמפאדור האט אזוי געזאגט:

תלמידים! פאמפאדור האט פיינט טהעאטער, ווייל ער האט ליעב דאס לעבען.

און טהעאטער איז ניט לעבען — נאר קאריקאטור, מאסקע, גרים, פארב און פאלשקייט.

אויב איינינגע ווילען האבען, אז טהעאטער איז דער שפיגעל פון לעבען, מוז דאס אפנים זיין זעהר א ביליגער שפיגעל.

פאמפאדור האלט ניט פון טהעאטער.

טהעאטער — איז פאר פאמפאדור'ן ניט קיין אמת'ע קונסט, און אקטיארען זיינען ביי איהם ניט קיין אמת'ע קינסטלער.

אמת'ע קונסט — איז צניעות.

אמת'ע קונסט — איז שטילקייט.

אמת'ע קונסט — איז א ווינקעל פאר זיך אליין.

אז אמת'ער קינסטלער, האט פיינט דאס פובליקום, וואס קומט אויף איהם קוקען, ווען ער שאפט...

אמת'ע קינסטלער, שאפען, ניט אויף א שטארק בעלו כטע־נער ביהנע, נאר ביי'ם ליכט פון זייער אייגענער נשמה.

אמת'ע קינסטלער, שאפען פריהער פון אלץ פאר זיך אליין.

וואָס גרעסער די שעפּפונג, אַלץ ווייטער איז דער קינסטלער פון עולם.

און טהעאַטער־קונסט — הייסט האָבען, וואָס אַ גרעסערען עולם.

וואָס איז אַן אַקטיאָר — פרעגט פּאַמפּאַדור ?

און פּאַמפּאַדור ענטפערט : אין בעסטען פאַל איז אַן אַקטיאָר אַ מענש, וואָס פערקויפט שטיקער טאַלאַנט אויפ'ן פונט פאר א מארק מיט מענשען.

פּאַמפּאַדור האַלט ניט פון אַקטיאָרען.

דער גרעסטער אַקטיאָר איז קלענער אין די אויגען פון פּאַמ־פּאַדור'ן, פון דעם קלענסטען פּאָעט.

ווייל דער קלענסטער פּאָעט שאַפט פריהער פון אַלץ צו זעטי־גען זיין אייגענע נשמה.

און דער גרעסטער אַקטיאָר שאַפט אימער צו בעפריעדיגען דעם גרויסען עולם.

און פּאַמפּאַדור האָט זיך פערטראַכט אַ ווײַלע און ווייטער גערעדט :

טהעאַטער — איז שונד.

שפּיעלען טהעאַטער, ווי שרייבען אַ שונד־ראָמאַן, הייסט ווערען נעהמען דעם עולם, הייסט, זיך אַרונטערצולאָזען צו זיין מאַיעסטעט דאָס ו ו ע ר ט ה ע פּ ו ב ל י ק ו ם.

שוישפּיעלעריי — איז פריהער פון אַלץ קערפּער־קונסט. און די קונסט פון קערפּער איז קונצענמאַכעריש.

שוישפּיעלעריי — איז געציעלט פריהער פון אַלץ פאר'ן אויג, און דעם אויג אין אַ מענשען קען מען בלענדען.

שוישפּיעלעריי איז אויך אַ קונסט, וואָס קומט פון אַ צווייטער האַנד, פון שרייבער צום אַקטיאָר. און דאָס איז ווי אַ געליעבטע, וואָס קומט צו אייך אַנליעבענדיג זיך גענוג מיט איהר ערשטען געליעבטען.

תלמידים, ווייסט איהר, וואָס איז באמת דאָס טהעאַטער ? און וואָס איז באמת אַן אַקטיאָר ?

טהעאטער איז, ווי מלחמה — איןביידע זאכען זוכט מען „העלדען" — און ניט קיין קינסטלער.

אן אקטיאָר, ווי א גענעראל — זוכט די הויפטזאך צו נעה־מען מיט שטורעם. זיך אויסצוצייכענען. ער ווענדט דערביי אן אלע סטראטעגישע מיטלען.

און אויף דער ביהנע פון טהעאטער, ווי אויף דער ביהנע פון מלחמה — איז דער עיקר די מינוט, מען דארף וויסען, ווי אויס־נוצען דעם מאָמענט פון בעגייסטערונג. מען דארף קענען נארען דעם „שונא", אפטהאָן איהם א שפּיצעל, און נעהמען איהם אין פּ ל ע ן.

און אלץ, וואָס איז געבויט אויף דער מינוט — איז ניט קיין קונסט.

טהעאטער־קונסט — איז בעוועגונג, איז אלערגרעסטע שנעל־קייט.

און דאָס אמת'ע לעבען, ווי די אמת'ע קונסט — איז אין רוהיגקייט, און אפילו אין פוילקייט.

שאפען אמת'ע קונסט, הייסט ניט איילען זיך.

טהעאטער — דארף ניט נודיען און טאָר ניט לאנגווייליגען.

קונסט — מעג.

יעדע גרויסע קונסט־ווערק לאנגווייליגט. אזוי ווי דאָס לעבען גופא.

טהעאטער — איז א פערגעניגען, און קונסט—איז א טרויער־דיגער חוב.

תלמידים! איהר זייט אודאי מקנא די אקטיאָרען, די אפּ־לאָדיסמענטען, וואָס זיי קריגען, אין דער צייט, ווען א שריפט־שטעלער זעהט ניט זיינע בעוואונדערער?

פּאָמפּאדור איז איבערצייגט, אז טאקע די אפּלאָדיסמענטען — דאָס זיינען די קברות־לייטע פון דער טהעאטער־קונסט.

בעסער שאפען אונטער די שטילע פליענלען פון דער איינצי־גער מוזע, איידער אונטער די אפּלאָדיסמענטען פון א טויזענד־קעפּיגען עולם.

פּאָמפּאדור האָט מיטלייד מיט די אקטיאָרען, וועלכע פּארבען

זיך אָב אַ לעבען, גרימירען זיך אַף די יאָהרען און בלייבען מיט די צוקנייטשטע פּנים'ער, און פלעקען אונטער די אויגען.

תלמידים! אקטיאָרען זיינען נאָר דאַן קינסטלער, ווען זיי טרעטען ניט אויף פאר אַן עולם, ווען זיי שפּיעלען **א י ן** זיך, **פ אַ ר** זיך!

**אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.**

**נאָך אַמאָל וועגען מלחמה.**

תלמידים מיינע! — האָט אויסגערופען פּאַמפּאַדור — רופט מיך מיזאַנטראָפּ, רופט מיך מיליטאַריסט, רופט מיך פּראָסט פליייש־עסער, נאָר איך בין פאַר מלחמה.

מלחמה — דאָס איז אַ נויטווענדיגקייט פאַר דער וועלט, ווי פליייש עסען פאַר דעם איינצעלנעם.

איך האָב פיינט אַ בלאַסע וועלט, אַ וועלט פון שלום, אַ וועלט פון גראָז־עסען און מילך טרינקען.

איך האָב פיינט פריעדליכע מענער, ווי אויסגעמאָגערטע וועגעטעריאַנער, ווי מיליכיגע פילאָזאָפען.

תלמידים! איך בין אַ פליייש־עסער.

מלחמה — דאָס הייסט עסען פליייש מיט'ן פולען מויל, זויפען בלוט מיט דער גרעסטער לעפעל.

מלחמה — דאָס איז אַ געזונטער אַפּעטיט פון אַ געזונטען פאָלק.

פעלקער־קריעג — דאָס איז אַ ריעזיגער בראַטען סערווירט פון מיליאָנען פודען סאַלדאַטען־פליייש.

וועלט־קריעג — דאָס איז אַ טהייערער בלוטיגער סטייק אויף הונדערט מיילען גרויס.

שלום — דאָס איז גראָז עסען, דאָס הייסט זיין אַ בהמה, מעקען וועגען פריעדען און לאָזען זיך מעלקען...

שלום — דאָס איז אַ דיעטאַ פון בלויז מילך פאַר קראַנקע שווינדזיכטיגע פעלקער, פאַר שוואַך־ברוסטיגע נאַציאָנען.

פּאַמפּאַדור איז פאַר אַ וועלט־קריעג.

די וועלט, מיט איהר גאַנצער קולטור, האָט ביז דער איצטי־גער גרויסער מלחמה אויסגעקוקט ווי אַ מילכיגער רעסטאָראַנט פול מיט מאַגען־ליידענדע בטלנים, וואו מען קומט אָפּ מיט צייהן־העלצלאַך אנשטאָט מאכלים; מיט קראַצען זיך, אנשטאָט קייען; מיט שאָקלען מיט די הענד, אנשטאָט דריקען מיט די צייהנער.

אייראָפּאַ — האָט צופיעל פראַקטיצירט וועגעטריאַניזם גע־סערווירט פון פינאַנץ־דיפּלאָמאַטען און פּוטערדיגע פריעדען שמי־רער.

איצט האָט דאָס וואָרט די פלייש־עסענדע חיה, דער גענע־ראַל מיט דער ביינער־צושמעטערנדער קאַנאָנע, דער מענש פון בלוט־דורשט.

מענשען! — רופט פּאַמפּאַדור — עפענט אויף ווילד אייערע אויגען, צושפּרייט די נאַז־לעכער און ווערט חיות.

מענשען! קעהרט זיך אום צום וואַלד, צו אייער ערשטער, אמת'ער היים, פרעסט אויף איינער דעם צווייטען!

די וועלט מוז איבערגעפאַרבט ווערען מיט בלוט!

בלוט — דאָס איז וועלט־געשיכטע.

וואשט אָפּ דאָס בלוט פון די היסטאָרישע ביכער און עס וועלען בלייבען שמאַטעס, געצוקערטע ליגענס, און נאַרישע מעשיות פאַר אַלטע באָבעס.

בלוט — דאָס איז לעבען.

פערגיסען בלוט — דאָס איז מטהר זיין פון אייביג עולם.

יעדער גרויסער פערגניגען ווערט געקויפט מיט בלוט־פערגי־סונג.

ליעבען שטאַרק — הייסט פלאַנצען זיך ביז בלוט.

ווערען אַ מאַמע — מיינט בלוטען.

בלוט — דאָס איז שאַפען.

אהן בלוט — הייסט מאַכען צייטונגס־אַרטיקלען, שלעכטע פּאָעזיע און וואַסערדיגע גערעדעניש.

און רעדט מיט מיר ניט וועגן רחמנות. רחמנות — דאס איז א מפיל־קינד פון צדקה, וועלכע איז אליין אויך א וויסטע קאליקע.

רחמנות־שוועסטער — דאס זיינען פילאנטראפישע ליליפוט־פלאסטערלאך געלעגט פון קאפיטאליסטישע רויבער־דאקטוירים אויף דער גיגאנטישער וואונד פון דער געזעלשאפט נאר צוליעב זייער אייגענעם נוצען.

און רעדט מיט מיר אויך ניט וועגן די שלום־זוכער, די סאציאליסטען.

סאציאליסטען — דאס זיינען די זויג־קינדער פון דער וועלט, וואס זויגען די דארע ברוסט פון פריעדען ווייל זייערע צייהנדלעך זיינען נאך צו שוואך צו קייען פלייש.

גלויבט פאמפאדור׳ן. זאלען זיי נאר עלטער ווערען און זיך זעצען ביים טיש גלייך מיט אלעמען, און זיי וועלען ווערען פליישעסער ווי אלע.

אלץ וואס איז יונג איז פאר מלחמה.

נאר אלטע מענער און פרויען זיינען געגען מלחמה, ווייל זיי ווילען ניט פערלירען זייערע שפייזער.

תלמידים, פאמפאדור זעהט די מיליאנען מחנות סאלדאטען, וואס זיינען גרייט צו אויסגע׳הרג׳עט ווערען, און ער בלייבט רוהיג, איהם אהרען ניט די גרויסע בוכשטאבען פון די עקסטראס, איהם קימערן ניט די גרויסע צאהל הרוגים.

מאכען א גאנצען בית־עולם אין איין טאג איז פיעל שעהנער, ווי מאכען א מתים־שטאדט פון איינציגע, צו ביסלעכווייז.

תלמידים מיינע! זייט פלייש־פרעסער, איך בין פאר א מענש־חיה אויף דער וועלט כל זמן עס איז נאך קיינעם ניט געלונגען צו מאכען פון דער ערד אן אכטען הימעל...

אזוי האט גערעדט פאמפאדור.

דאמאלס האבען איהם זיינע תלמידים אנגעטראפען גערהענדיג אין דער ריכטונג פון וואלד.

וועגען אייביגען הונגער און דערוויילינגע נאַכטלעגערס.

און ס'איז געווען אין די צייטען פון ארבייטסלאָזיגקייט ווען די ארבייטסלאָזע מחנות האָבען געשטורעמט די קירכען און גע־פאָדערט עסען און נאַכטלעגער און פּאַמפּאַדור האָט זיך געשטעלט אויף אַ טרעפּעל פון אַ קירכע און ער האָט אזוי געזאָגט:

תלמידים! פּאַמפּאַדור איז פּאַר אייביגען הונגער אויף דער וועלט.

פּאַמפּאַדור איז מיט אייך, איהר אימער הונגעריגע.

הונגערען — דאָס איז נאָר די פּריווילעגיע פון קינסטלער, שעהנקייט'ס־זוכער און הימעל־דערגרייכער.

און ווילט איהר דערגרייכען וואָס שנעלער דעם הימעל, דאַן מוזט איהר אייער גוף מאכען לייכט ווי אַ פויגעלע פון שטאָדטי־ שע פּארקען.

אימער זאַט זיין — דאָס הייסט פערשטאָפּען די נשמה.

תלמידים! זייט אימער הונגעריג נאָך עפּעס.

הונגערט נאָך ליעבע, נאָך שעהנקייט, נאָך מאכלים ניט גע־ גרייטע און געטראנקען ניט דערלאנגטע.

ווייל, נאָר הונגעריגערהייט קענט איהר זיי דערגרייכען.

תלמידים מיינע. זייט קינסטלער!

און אויב ס'איז אייך שווער צו זיין קינסטלער פון פעדער, פון וואָרט און פון פּינזעל, דאַן זייט לכל הפּחות קינסטלער פון ניט עסען.

קינסטלער מוזען הונגערען.

זאטע נפשות, ווערען בעלי־בתים פון בייכלאך און פון „ביכ־ לאך" אָבער ניט די הערשער פון נייע אמת'ן און ניט געבאנקיבי־ כעלטע טרוימען.

זאטקייט — איז דער טויט פאר'ן קינסטלער.

ווען מ׳שלאפט מיט א פולען מאגען קען מען אפילו ניט חלום׳ן פון בייגעל מיט פוטער.

דעם קינסטלערס בעט איז זיין שרייב־טיש, נאר דארטען ווערען געבוירען זיינע שעהנסטע חלומות.

די פוטער־געבעקס פון׳ם שעהנהייטס־פיהלענדען — זיינען זיינע פאנטאזיען.

שאפען — דאס הייסט הונגערען, דאס איז די אייביגע קרעמפפען פון דער נשמה ווי פון מאגען.

תלמידים מיינע, זייט שעפפער און שטויסט די וועלט צום שאפען!

א זאטע מענשהייט — דאס הייסט א מענשהייט פון בלויז מאגען און אבפיהרונגס־מיטלען.

פאמפאדור איז פאר הונגער.

דער הונגער — ער איז פאר דעם גייסט דאס וואס דער קארסעט פאר דעם פרויען קערפער, ער מאכט איהם איידעלער.

פאמפאדור איז געגען זאטקייט. —

זאטקייט — דאס איז זיכערהייט — און א קינסטלערישע נשמה טאר ניט נאר ניט זיין זיכער מיט זיין געליעבטער, נאר אפילו מיט דירה־געלד פאר א מאנאט.

אמת׳ע שעפפונג — הייסט שטענדיגער ציטערען פאר׳ן מארגען.

קינסטלערישע נשמות — דארפען אימער בלאנדזשען און אימער זוכען נייע נאכטלעגערס.

א, איהר היימלאזע! זוכט ניט קיין חיימען, נאר נאכטלעגערס!

געהט אפילו אין די קירכען.

אלץ איז בעסער צו לאזען דאהט א י ב ע ר נ ע כ ט י ג ע ן אייער קערפער, איידער צו ט א ג ע ן דארט מיט דער נשמה.

תלמידים, האלט אימער אין איין זוכען נייע היימען אבער געפינט ניט!

געפין קיין היים! רופט די קונסט צו דער קינסטלערישער נשמה, בעסער פערליר וואס אפטער און געפין וואס ווייניגער...

תלמידים מיינע! פּאַמפּאַדור איז אימער הונגעריג.

צעהנדליגע פרויען קענען ניט שטילען זיין גרויסען הונגער נאָך ליעבע.

צו פּאַמפּאַדור'ן שמייכלען אימער נייע הײמען און ווינקען אימער נייע ליעבעס.

אזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור, און איז ארונטער פון טרעפּעל.

ווענען באַנק־ביכלאך און געלד־שפּאָרעניש.

תלמידים מיינע, שפּאָרט ניט קיין געלד!

דער רוהיגסטער קאָפּ איז — דער גערּאַנקענלאָזער, דאָס מונטערסטע הארץ איז — דאָס זאָרגלאָזע, און די זיכערסטע קעשענע איז די פּוסטע.

תלמידים מיינע, פאָלגט אייערען פּאַמפּאַדור'ן. און הערט וואָס ער זאָגט אייך:

שפּאָרען געלד — דאָס איז דאָס זעלבע ווי קלייבען מצוות: מאַמע פון איינגעשרומפּטען מאָגען, און דער מיקראָב פון שווינד־זוכט.

שפּאָרען געלד — דאָס איז דער קבר פון אייער פערגעניגען, די לאַפּעטע ערד אויף אייער לעבענס־לוסט, די תכריכים פון אייער זאָרגלאָזיגקייט.

שפּאָרען געלד — דאָס איז דאָס זעלבע ווי קלייבען מצוות:ביידע זאכען זיינען אין די הענד פון שפּעקולאַנטען און גאָט'ס גנבים.

דער באַנק־ביכעל ביים לעבען איז דאָס זעלבע וואָס דער גן־עדן נאָכ'ן טויט, זיי ליגען אין די הענד פון פאַלשע געשעפטס־לייט און הענדלער מיט דער דומהייט פון פאָלק...

אָה, איהר אָבגענאַרטע פון ביידע וועלטען! בויט ניט אייער

גליק אויף שפּאַרעז פאַר דעם מאָרגען. בויט אייער גליק אויף פערלעבען דעם היינט.

נאַראַנים! גיט אויס אייער גליק מיט אַמאָל. פערלעבט אייער געלד ווי אייערע טעג — אַלץ איינס זייט איהר באַנקראָט.

לאַכט פון דער צוקונפט!

די צוקונפט, דאָס איז אין בעסטען פאַל אַ באַנק־ביכעל ביים באַנקיער — „צופאַל".

אוי, די באַנק־ביכלאַך און די חלומות פון צוקינפטיגע גליקען ווי זיי נאַרען דעם מענשען!

דער בעסטער באַנק־ביכעל איז ניט מעהר ווי אַ שטיק פּאַפּיער, און דער גרעסטער גליק איז ניט מעהר ווי אַ געשריעבענער ציפער.

בויען דאָס גליק פון לעבען אויף אַ באַנק־בוך איז דאָס זעלבע — ווי אויפהאַלטען דעם שלום־בית אויף אַ כתובה...

תלמידים! פּאַמפּאַדור איז לאַנג געקומען צום שלום, אז בעסער לעגען דעם גליק ביי דעם לייכט־פליגלענדיגען „מאָמענט" אייידער ביי דעם פעט־בייכיגען באַנקיער.

אַ באַנקיער — דאָס איז אַ רויבער מיט אַ טשאַרטער, און אַ גזלן מיט אַ חשבון.

אַ באַנקיער — איז אַ ווייב אין קאָונטרי, זי אַמוזירט זיך אויף דיין רעכענונג...

דער בעסטער באַנקיער — איז נאָר דער טויטער באַנקיער, ווייל, ער קען שוין אייער געלד ניט פערלעבען...

אַ באַנק — דאָס איז אונזער פער'משכון'טעם לעבען, עס פיהרט סוף כל סוף צו באַנקראָט.

אַ באַנק — דאָס איז אונזער „האָפענונג", פערזעצט אויף קליינע פּראָצענטען. און מען איז ניט זיכער מיט'ן קרן.

אַ באַנק — דאָס איז דער מאָרגענדיגער טאָג, וואָס קען ברענגען אַ געלאָף אויף אַלע דיינע טרוימען...

די זיכערסטע באַנק — איז, די באַנק פאַר'ן הויז, אויף איהר ז י צ ט מען, אבער זי ז ע צ ט ניט אָן.

תלמידים מיינע, שפּאָרט ניט!

האָבן אַ באַנק־ביכעל הייסט זאָרגן פאַר אַ צוקונפט, בעזאָר־גען זיך מיט אַ פרוי, אַרבייטן אַ גאַנצן לעבן און אָבשפּאָרן זיך אַ הארב אויף די פּלייצעס.

אַ באַנק־ביכעל — דאָס איז באַנקראָטירטע בחור'שאַפט. אַ וואַטאָוועך לייבל פאַר דער עלטער, וואָלענע זאָקן פאַר די רעוומאַטיזנע פיס. אַ וואָרימע קאָלדרע פאַר „עלטער־שוועכע".

תּלמידים מיינע! יוגענד — שפּאָרט ניט, יוגענד פאַרלעבט.

די איינציגע זיכערע קאַסע פאַר דער יוגענד איז — די פרייד.

האָבן אַ באַנק־בוך — הייסט זיין פּראַקטיש. און פּראַקטיש־קייט איז די ערשטע באַנקראָטירטע פירמע פון דעם צוקונפט־מענש.

די שענסטע נשמה — זי איז אונפּראַקטיש.

די שענסטע נשמה, — זי איז די ברייטע נשמה.

די ברייטע נשמה — זי איז אַן אָרימע מיידעל אין איין קליידעל.

די שפּאָרענדע נשמה — דאָס איז אַ מיאוסע רייכע מויד, וואָס זוכט שידוכים פון צייטונגען...

און פּאַמפּאַדור האָט גענומען אַן עקסטראַ־מלחמה צייטונג אין זיין האַנד און ער האָט צו זיינע תּלמידים אַזוי געזאָגט:

שלום — דאָס איז אַ וועלט־באַנקראָט.

קעניגע — דאָס זיינען באַנקירען וואָס שטעלן איין אין קאַמפּף די קעפּ פון זייערע דעפּאָזיטאָרם — די אונטערטהאַנען.

סאָלדאַטן — דאָס זיינען די זעלבע נאַרישע דעפּאָזיטאָרם וואָס פאַרלירען אי דעם קרן אי דעם פּראָצענט.

און פּאַמפּאַדור האָט זיך אויף אַ ווייַלע פאַרטראַכט און נאָכ־דעם האָט ער ווידער גערעדט!

תּלמידים! שפּאָרט ניט אפילו קיין דורכלעבענישען. מאַכט ניט פון אייער נשמה קיין בוך מיט אַלטע חשבונות. מעגן זיי אפילו זיין ליעבע־חשבונות.

האָט קיין מורא ניט פאַר'ן מאָרגן, וועט איהר ניט דאַרפן קלאָגן אויפ'ן היינט...

שפּאָרט ניט קיין געלד ביסלעכווייז, וועט איהר עס ניט פער־לירען מיט אמאָל.

די צוקונפט פון נייעם מענשען בעלאַנגט צום זאַרגלאָזען!

אזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

דאָס האָט פּאָמפּאַדור גערעדט אין יענער צייט, ווען ער האָט געזעהן די טויזענדער מענער און פרויען, וועלכע זיינען געשטאַנען ביי די צוגעשלאָסענע בענק און בעקלאָגט זייערע אָבגעשפּאָרטע סענטען.

וועגען ווארטען און האָפען.

היינט, תלמידים מיינע, וויל איך מיט אייך רעדען וועגען ווארטען און האָפען.

איך וויים, איהר האָלט זעהר פון די דאָזיגע זאכען, טו הערט וואָס פּאָמפּאַדור וועט אייך זאָגען:

ווארטען — דאָס הייסט מאכען חבר מיט'ן זייגער און מאַ־כען חבר מיט'ן זייגער הייסט, פייניגען זיך.

ווארטען — הייסט ווערען א שקלאַף צו דער צייט.

און גליקליך זיינען נאָר די יעניגע וואָס ווייסען ניט פון קיין צייט, וואָס הענגען ניט אָן זייער גליק אויף די ווייזערס פון זיי־גער...

ווארטען — דאָס איז דער שארפסטער מעסער פון דער האָפענונג — און האָפענונג דאָס איז די אינקוויזיציע פון דער נשמה...

ווארטען — איז אפילו שלעכט אויף א געליעבטער, און נאָך ערגער איז, ווען זי וויים, אז א י ה ר ערווארטעט זי — דאן וועט זי זיכער ניט קומען, כדי אייך צו פערשאפען דאָס פערגע־ניגען פון ווארטען...

ווארטען — דאָס איז דאָס געוועהר פון א פרוי וואָס וויל אייך רייצען און בעקעמפּפען.

און א פרוי איז דער שטענדיגער שונא פון אייער רוהיגקייט.

תלמידים מיינע, ווארט ניט און האָפט ניט!

קומט איהר אויף א אידישען קאָנצערט מיט א פּראָגראַם פון ערווארטונגען, וועט איהר אוועק אן ענטוישטער.

געהט איהר אין א אידישען טהעאטער מיט ערווארטונגען, וועט איהר זאָך מעהר ענטוישט ווערען.

עפענט איהר א אידישע צייטונג און ערווארט דאָרט עפּעס צו געפינען — זיינט איהר א גרינגער, א שטימען־פון־פאָלק שריי־בער, אָבער ניט קיין אינטעליגענטער לעזער.

ערווארט איהר א טובה, א גמילת־חסד פון א חבר, וועט איהר עס געוויס ניט קריגען...

ערווארטונג — איז די מוטער פון ערגערניש און ענטוישונג.

ניט ווארטען — הייסט זיין ערפאהרען, הייסט זיין שטאָלץ אויף זיך אליין, הייסט גלויבען אין זיך אליין...

האָפען — דאָס איז דאָס מפיל־קינד פון אָפּטימיזם, און אָפּ־טימיזם איז היינט בלויז דאָס אייגענטהום פון ווערטער־ביכער.

ווארטען — דאָס איז א שוועסטער פון אָרימקייט און עזעל־געדולד, און דער נייער מענש טאָר קיין עזעל ניט זיין.

ווארטען — דאָס הייסט אָנבינדען זיך אָן עפּעס, הייסט קאָנצענטרירען זיך אויף איין זאַך, הייסט ווערען א „קרענק".

דאָס לעבען הייסט — שפּרינגען, לויפען, הייסט זיין לייכט־זיניג, קיינעם ניט טרויען, הייסט טאַנצען דאָ מיט איינעם און דאָ מיט א צווייטען, ווי א פערשייט מיידעל אין א טאַנץ־קלאַס...

דאָס לעבען — איז א נאַכט אין א האָטעל, א כאָפּ פון א בור־פעט, א שפּרונג אויף א פרעמדען באַל, א גליה־וואָרים אין גראָז, א שאָקעל פון א היטעל ביים גריסען זיך, א ברען פון א שוועבע־לע, א ציטער פון א פאַרהאַנג; לעבען — הייסט נעהמען אָהן ער־ווארטונגען...

ווארטען און האָפען — הייסט גלויבען אין דער צוקונפט, און גלויבען דאַרף מען נאָר אין דעם י ע צ ט.

גלויבען אין דער צוקונפט — דאָס איז פּרנסה פאר וואהר־זאָ־גער און קאָרטען־לעגער.

שעהן איז אין לעבען נאָר דער ס ו ר פּ ר י י ז, דאָס פּלוצלינג־געקומענע.

אַם ליעבסטען איז א קוש — ווען איהר כאפּט איהם אומגע־ריכט, ערגעץ אין א פּארק פון א ווילד־פרעמד מיידעל...

אַם ליעבסטען איז א גאסט — ווען ער קומט אונערוואר־טעט, און אָפט איז ער נאָך ליעבער — ווען ער קומט גאָר ניט...

ווארטען אויף עמיצען איז נאָר גוט מיט א שלאָס אויפ׳ן טהיר.

אויב עס איז אייך שוין יא אמאָל בעשערט צו ווארטען אויף א מיידעל, טאָווארט נאָר אין ר אָ ג ־ ג אַ ס לעבען א ו ו י י ן־ ק ע ל ע ר, ווייל דאן וועט איהר קענען פערטרינקען אייער ענטוי־שונג — אויב זי וועט ניט קומען...

האָפען און ווארטען — דאָס איז דער קאָרסעט פון דער נשמה, די קייטען אויפ׳ן גוף פון גליק, די שטיינער אויפ׳ן וועג פון גענוס...

געניסען — הייסט: ניט האָפען נאָר נ ע ה מ ע ן גלייך מיטביידע הענד.

האָפנונג — דאָס איז א זעלבסט־נארעריי. דאָס איז קאָרטען־געלד, וועלכע איהר דארפט ערשט געווינען... דאָס איז א שפּיעל אין „זשמורקעס“ מיט׳ן בלינדען צופאל...

תלמידים מיינע, האלט ניט קיין וואָרט, מאכט ניט קיין ראנ־דעוואוס, אפילו ניט מיט קיין אשת־איש, בעשטימט ניט קיין צייט מיט קיינעם און איהר וועט זיין גליקליכער...

תלמידים מיינע, ווארט ניט!

ווארטען — דאָס איז דער משיח פון די נאראָנים, ער קומט קיינמאָל ניט...

איך וויל ניט ווארטען, איך וויל שוין! — דאָס איז דער יו־בעל־געשריי פונ׳ם נייעם מענשען.

אזוי האָט גערעדט פּאַמפּאדור.

## וועגן פריינד און פיינד.

און איינמאָל איז געקומען צו רייד וועגן פריינד און פיינד, די תלמידים האָבן געוואָלט וויסן פּאַמפּאַדור'ס מיינונג, און פּאַמפּאַדור האָט אַזוי געזאָגט:

תלמידים! פּאַמפּאַדור האָט ל י ע ב זיינע פיינד און נ י ט ליעב זיינע פריינד.

אַ פיינד, רעדט אויף אייך א ו י ס ו ו ע נ י ג, טראַכט אויף אייך אויס בלבולים און ניט אַלע גלויבען איהם.

אַ פריינד, רעדט פון א י נ ו ו ע נ י ג, מיט אויטאָריטעט, ער איז בעקאַנט מיט אַלע סודות פון אייער שלאָף־צימער. און אַלע גלויבען איהם, ווייל מען וויים דאָך אַז ער איז אייערער אַ פריינד.

אַ פיינד רעדט אויף אייך אומעדום, כּאַטש צום שלעכטען, אָבער דערווייל מאַכט ער אייך אַ נאָמען...

אַ פריינד פערשווייגט אייך אמעהרסטענס, ווייל אַלע ווייסען דאָך, אַז ער איז אייערער אַ פריינד, און וואָס האָט ער וועגען אייך וואָס צו רעדען?...

פּאַמפּאַדור האַלט ניט פון פריינד.

אַ פריינד מוז מען אימער גלעטען — ווען ניט פערלירט איהר זיין פריינדשאַפט.

אַ פריינד מוז מען אימער ליובען, כּאַטש עס איז ניטאָ פאַר וואָס — ווען ניט, הערט ער אויף האַלטען פון אייער פריינדשאַפט

אַ פריינד טאָר מען קיינמאָל ניט זאָגען דעם אמת — ווייל ער ווערט תיכף ברוגז. און ווען אייער פריינד איז נאָך דערצו אַ בעריהמטער מענש, מוזט איהר איהם חנפ'ענען, פיער און צוואַנציג שטונדע אַ טאָג — ווען ניט ווערט ער אייך אַ דם שונא.

פריינד זיינען מעהרסטענס שוועכלינגע, וואָס ווילען אויסנוצען אייער שטאַרקייט פאַר זיך, ווילען זיך בעהאַלטען אונטער

אייערע פלייצעס, כדי די קויל פון א שונא זאל אייך א פריהער טרעפען ווי זיי...

האבען פריינד, מיינט האבען א גרויסע הוצאה. אט געהט ער חתונה האבען, און איהר דארפט איהם געבען דרשה־געשאנק. אט ווערט ביי איהם געבוירען א קינד, און איהר דארפט טראגען א מתנה. אט פייערט ער א געבורטס־טאג, אט א יובילעאום, אט א גאלדענע חתונה, אט ניט ער אויס קינדער — און דאס מיינט אלץ מתנות און מתנות.

האבען פריינד — הייסט אויך האבען מענשען, וועלכע איהר מוזט לייהען גמילות חסדים אויף פערלירען.

וואס הייסט פ ר י י נ ד ש א פ ט ? פרעגט פאמפאדור. און פאמפאדור ענטפערט:

פריינדשאפט הייסט, פערניכטונג פון זיך זעלבסט, פערקלע־נערונג פון די אייגענע כחות, הייסט פערלאזען זיך אויף א צווייטען. און צו וואס?

וואס הייסט פ י י נ ד ש א פ ט ? פרעגט פאמפאדור. און פאמפאדור ענטפערט:

פיינדשאפט הייסט, אנשטרענגען אלע נערוועז, זיין קאמפפס־לוסטיג און מוטהיג, און פיהלען שטענדיג די אייגענע קראפט.

און פאמפאדור איז ענטשוויגען געווארען, און אין א ווייל־ע ארום האט ער ווייטער גערעדט:

פיינד — דאס איז דער טערמאמעטער פון אייער שטארקייט.
פריינד — דאס איז דער מעסט־שנור פון אייער נארישקייט.

פאמפאדור זאגט צו יעדען איינעם: זאג מיר מענש, וויפיעל פ י י נ ד דו האסט, און איך וועל דיר זאגען וויפיעל מאכט דו בעזיצסט. און דאס זעלבע, וויפיעל פ ר י י נ ד דו האסט, און איך וועל דיר זאגען, ווי ווייט נאריש דו ביזט...

תלמידים, ענטלויפט פון פריינד!

האבען א י י ן פריינד איז ניט פראקטיש, האבען א ס ך איז געפעהרליך.

ענטלויפט פון א הויז־פריינד! — ווייל ער וויים ווי איהר

לעבט מיט אייער פרוי, און ער וועט עס אויספויקען פאר דער גאנצער וועלט.

ענטלויפט פון א פריינד וואס שלאפט מיט אייך אין איין בעט! — ווייל ער ווייס פון וואס פאר א מאטעריאל אייער אונ־טער־העמד איז געמאכט, און ער וועט אייך בערעדען...

און די תלמידים האבען געפרעגט פאמפאדור׳ן: און וואס איז וועגען פרויען־פריינדשאפט?

און פאמפאדור האט א שמייכעל געטהאן און געזאגט:

די ערגסטע פריינדשאפט אין דער וועלט איז די פרויען־פריינדשאפט, ווייל זי קאסט אמטהייערסטען.

א פרוי איז נאר דאן אייער פריינד — ווען איהר פערלירט אין איהר שוים אייער פרייהייט און בחור׳שאפט.

פרויען האבען קיינמאל ניט ליעב א ו מ ז י ס ט.

פרויען־פריינדשאפט — מיינט פערשפרייטען א חופה אייבער אייער קאפ, שיקען אייך אין פאבריק און בעזארגען אייך מיט קינ־דער.

האבען פרויען פאר פריינד — איז א סמן אז איהר זייט א נאריש אינגעל, איז אן אטעסטאט אויף אייער שוואכקייט, איז א צייכען, אז איהר האט פון די פרויען גאר ניט געגאסען. און אז אין אייער בלוט רינט „מאראל“ אנשטאט בלוט. און אז סוף כל סוף האט איהר מיט איינער פון זיי געהייראט...

פערקעהרט, האבען פרויען פאר פיינד, מיינט, אז איהר האט געלעבט א טאג, אויסגענוצט דעם מאמענט, זיך דאך אויסגעדרעהט פון זייערע הענד און געבליבען א פרייער פויגעל, נאך ביז היינט.

פאמפאדור גלויבט איבערהויפט ניט אין פרויען־פריינדשאפט.

א פרוי שטעהט בלויז אין פריינדליכער פערבינדונג מיט דער נאטור, איז בלויז טריי איהר בלינדען אינסטינקט וואס הייסט: „האב קינדער!“

אין פרויען־פריינדשאפט, גלויבען נאר די יעניגע וואס זיי־נען געבענשט מיט פרויען־כאראקטער.

פאמפאדור גלויבט אין פרויען־פיינדשאפט.

א פרוי איז א פיינד דעם מאן — ווען ניט, וואלט זי איהם

געלאָזט ארומלויפען פריי און זיך בחור'ן ביז דער לעצטער האָר אויפ'ן קאָפּ.

א פרוי איז א שונא דעם מאן, ווייל זי צווינגט איהם צו דיענען די געהיימע צוועקען פון דער נאטור און פאָלגען זיינע בלינדע געזעצען.

אויב מען וויל שוין יא האלטען פון פרויען פריינדשאפט, איז נאָר פון דער, וואָס גרענעצט זיך מיט אייננעהען א סענטימיגען קנעפעל אין אייערע הויזען, און דערלאנגען א ריינע נאָז־טיכעל פאר אייער נאָז.

און פּאַמפּאַדור האָט געוואָלט געהן זיין וועג, נאָר די תלמידים האָבען איהם געבעטען ער זאָל נאָך עפּעס זאָגען.

און ער האָט געזאָגט:

„תלמידים, ווילט איהר וויסען ווער עס זיינען פּאַמפּאַדור'ס פריינד?“

פּאַמפּאַדור'ס פריינד איז יעדער מענש וואָס איז דורכגעגאַנגען פערביי, און איהם ניט געגריסט.

פּאַמפּאַדור'ס פריינד איז יעדע מיידעל וואָס איז געזעסען אויף זיינע קניע און האָט געהאט געגוג טאקט און שכל זיי צו לאָזען פאר א צווייטער...

פּאַמפּאַדור'ס פריינד זיינען, די פרעמדע, גאַנץ ווייטע מענשען, וואָס ער האָט זיי געזעהן ארויסשטעקענדיג זייערע קעפּ פון די פענסטער פון שנעל־לויפענדע באהנען.

פּאַמפּאַדור'ס אמת'ע פריינד, זיינען די שטילע העלדען פון לאַנג פערגעסענע ראָמאַנען.

פּאַמפּאַדור'ס אמת'ע פריינד, זיינען די פרעמדע קינדער, וואָס האָבען אין א שעהנעם פריהלינג־טאָג געשמייכעלט צו פּאַמפּאַדור'ן, ניט וויסענדיג ווער ער איז.

תלמידים! פּאַמפּאַדור מאכט זיך א האלבען טוצען שונאים א וואָך — און ער איז צופריעדען.

אזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

## וועגען שרייבען און לעזען.

תלמידים מיינע, שרייבט ניט!
וואָצו שרייבען? פרעגט פּאַמפּאַדור.
דאָס געשריעבענע וואָרט — דאַרף זיין ווי אַ כוואַליע פון ים, וועלכע גרייכט דעם ווייטען ברעג נאָר אין צייט פון שטורם.
דאָס געשריעבענע וואָרט — דאַרף געבוירען ווערען ווי אַ בליץ און טרעפען ווי אַ דונער.
אָבער ביי אייך איז עס אַ צוקייט שטיק אייער־בייגעל און אַ זופּ לעבעליכע טהיי.
דאָס געשריעבענע וואָרט — דאַרף זיין ווי אַ מעסער אין אַ וואונד.
אָבער ביי אייך איז עס ווי אַ גאָפּעל אין אַ טייגעכץ.
תלמידים! שרייבען — דאַרף הייסען פערגיסען דאָס בלוט פון זיך און פון דעם לעזער.
קענט איהר פערגיסען בלוט פון דעם לעזער — טאָ שרייבט! ווען ניט — פערקויפט רוסישען קוואַס.
אַ שרייבער — דאַרף זיין אַ נביא פון רציחה — ווען ניט, זאָל ער בעסער ניאַנטשען קינדער.
די שרייבער־ביהנע — דאַרף זיין ווי אַן עשאַפאָט — קעפּ דאַרפען דאָרטען פאַלען; און די פעדער — זי דאַרף שטענדיג דיענען ווי אַ גילאָטינע.
דאָס געשריעבענע וואָרט — דאַרף פאַלען ווי אַ פייערדיגע לאַווע פון אַ גיהנום'דיגען וואולקאַן — פאַר וועלכען מענשען שרעקען זיך, צולויפען און ראַטעווען זיך מיט'ן לעבען.
אָבער אייער וואָרט איז אַ סאָדאַ־וואַסער, וועלכע גיסט זיך פאַר אַ פּעני און וועלכע יעדער קען טרינקען...
אַך, ווי איך האָס אייך, איהר סתם שרייבער און גלאַט שמי־רער!

אַ געדאַנק — דאַרף אָנשפּאַרעַן אין דער אייביגקייט, דאַרום דאַרף מען דענקען אָן אייביגקייט און שרייבן אַ מינוט.

אָבער איהר דענקט ק י י נ מ אָ ל נ י ט און שרייבט ש ט ע נ ד י ג.

טינט, ווערט פערוואַנדעלט אין בלאַטע, ווען עס שטעהט לאַנג אָבגעדעקט אין טינטער.

און די נשמה פון אַ שרייבער ווערט פערוואַנדעלט אין אַ שפּיי־קעסטעל, ווען זי שטעהט טאָג־טעגליך אָבגעדעקט פאַר'ן לע־זער.

אַך, ווי איך האַס אויך די סתם לעזער און די שטענדיגע וואָרט־שלינגער.

תלמידים! נאָר צוויי מענשען מעגען שרייבען: דער וואָס האָט פיעל א י ב ע ר ג ע ל ע ב ט און דער, וואָס האָט ז י ך א י ב ע ר ג ע ל ע ב ט.

נאָר איין מענש מעג לעזען — דער וואָס לעזט די בלעטער פון זיין אייגענער נשמה יעדען טאָג.

גלאַט שרייבען, ווי גלאַט לעזען, איז אַ פערברעכען.

טראַכט אַ סך און שרייב ווייניג! — דאָס איז פּאַמפּאַדור'ס עצה צום שרייבער.

לעז ווייניג און טראַכט אַ סך! — דאָס איז פּאַמפּאַדור'ס בעפעהל צום לעזער.

שרייבער! נעהמט די פעדער אין האַנד נאָר דאַן, ווען איהר קענט שוין מעהר ניט פערטראָגען די רייכקייט פון אייער נשמה, ווען איהר האָט גענוג אוצרות צום צוטיילען.

אָבער צו וואָס שרייבען בלויז פון אָרימקייט?

לעזער! נעהמט נאָר דאַן אַ בוך אין האַנד, ווען איהר קענט שוין אַליין ניט דענקען, אָבער צו וואָס לעזען פון לאַנגווייליג־קייט?

וואָס איז גאָט'ס וואָרט? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

גאָט'ס וואָרט — ענטפערט פּאַמפּאַדור — איז דאָס ניט בעצאָהלטע, דאָס אומזיסטע געשענקטע.

פּאַמפּאַדור קען ניט פערטראַגען נביאים, וואָס מאַכען אַ לעבען.

שרייבען פאַר געלד — איז דאָס זעלבע ווי ארויספיהרען יעדען טאָג אייער געליעבטע אויפ'ן מאַרק און פערקויפען זי פאַר אַ פּרייז.

שרייבען פאַר געלד — איז דאָס זעלבע ווי פערקויפען פונ־טען בלוט פאַר דאָלארס.

שענקט אייער בלוט, ווען איהר האָט איהם צופיעל, אויב פאַר אייך איז וויכטיג צו ראַטעווען עמיצענס לעבען — אָבער נעהמט קיינמאָל דערפאַר קיין געלד.

תלמידים מיינע! שרייבט אויך ניט אין שטאָדט פאַר די שטאָדטישע לעזער.

אַ שטאָדטישער לעזער — וויל, אַז דער שרייבער זאָל איהם אַמוזירען און אַ לעזער דאַרף מען ניט אַמוזירען — נאָר פייניגען.

גאָט מיינער! ווי מיאוס מיר איז דאָס שרייבען אין שטאָדט.
פּאַמפּאַדור וויל שרייבען, ערגעץ זיצענדיג אויף אַ שטיין.
פּאַמפּאַדור וויל שרייבען צופוסענס פון אַ גיגאַנטישען בארג.
נאָר מאָלע וואָס פּאַמפּאַדור וויל!

אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור. אין יענער צייט איז ער גע־וועזן פעראורטיילט צו שרייבען יעדען טאָג.

נאָכאַמאָל וועגען איינס און אַ סך.

תלמידים מיינע, כאָטש איך בין איינער און איהר זייט אַ סך, וויל איך מיט אייך רעדען פון א י נ ס, און רעדען אַ סך.

שווין בעסער זיין אַ נול ווי אַן איינס, סיידען דער איינס, איז איין מיליאָן...

איינס איז דער פאָטער פון „מיין", דער מיקראָב פון פריי־

וואָס־איינגענטהום, די מאַסקע אויפ׳ן רויבער־פּנים, דער פּאַנצער פון מיאוס׳ן עגאָאיזמוס...

מ י י ן  ה ו י ז — הייסט, זיין א הויז־בעזיצער; מ י י ן פ א ב ר י ק — הייסט, זיין אַן אויסבויטער; מ י י ן  פ אָ ל ק — הייסט, ווערען א שאָוויניסט; מ י י ן  ו ו י י ב — הייסט, ניט אנערקענען קיין קוואַרטיראַנטען.

די, וואָס האָבען פ י ע ל צום אויסוואהל, האָבען מעהר צו פערלירען, און דארום זיינען זיי אויך די גליקליכסטע.

ליעבט ניט א י י ן פרוי, נאָר ליעבט א סך פרויען און איהר וועט האָבען די ליעבע פון יעדער איינער, אזוי רופט די ערפאהרונג.

אבשטעלען זיך ביי איין פרוי, הייסט, לעגען די ליעבע אויפ׳ן טהרה־ברעט.

איין מאָל ליעבען, הייסט, אייביג ליעבען — און אייביגע ליעבע האָבען אויסגעטראכט מיאוס׳ע מיידלאך און שלים־מזל־דיגע בחורים.

ווייל מיר האָבען היינט אַן א י י ן פ ר ו י ס י ס ט ע ם, דארום האָבען מיר אזוי פיעל אנטלאָפענע מענער.

ליעבען איין פרוי, הייסט, אויסערוועהלען זי פון א סך, און אלץ וואָס איז אויסערוועהלט, מוז זיין אויף צרות.

אידישעס פאָלק, זאָג, ביזטו ניט אויסערוועהלט?

די געצען־דיענער זיינען געווען פיעל גליקליכער ווי די איין־גאָט דיענער: האָט זיי איין גאָט אָבגענאַרט — האָבען זיי פּראָטעס־טירט צו א צווייטען.

גלויבט ניט אין איין גאָט!

גלויבען אין איין גאָט, הייסט, זיין אן אכזר אויף זיך און אויף יענעם; הייסט, שרייען, אז נאָר מ י י ן גאָט איז דער ריכטי־גער; הייסט, בויען א מזבח פאר דעם גרעסטען פון אלע געטער: דעם גאָט פון פאנאַטיזמוס.

געבענשט זאָל זיין דער דיענער פון אלץ, דער פערהייליגער פון א סך, דער פיעל־ווייבערניק, ער איז דער שעפּפער פון כל־

בו'ניק — און דער כל־בו'ניק איז די פעהיגסטע חיה אין דעם מענ־שען־מין.

א הויז בויט מען פון ציגעל, האלץ, צעמענט און אייזען.

פון צעמענט אליין קען נאך אפילו עדיסאן א הויז ניט שאפען.

וואַרפט זיך אהין און אהער, זייט א פיעל־זייטיגער, ווי די גרויסע וועלט אונזערע, וועלכע האט פיער זייטען: מזרח, מערב, דרום און צפון...

מיט מזרח אליין קען די וועלט ניט אויסקומען, כאטש פון דארטען שיינט אימער די זון ארויס...

איינס — איז סכנה!

א היינטיגער קעניג קען אמאל בלייבען אהן א שטוהל־פער־טרעטער, ווייל ער האט בלויז איין געזעצליכע פרוי.

מיט שלמה המלך האט דאס ניט געקענט פאסירען...

זיין אן איינצעלנער אין דער געזעלשאפט, הייסט, געהן ג ע־ג ע ן דער געזעלשאפט און דאס הייסט, ווערען א זעלבסטמער־דער.

אליין געהן איז בלויז נויטיג, ווען דער וועג איז א שמאל ברעטעל, איבער א טיעפער בלאטע.

אבער דאס לעבען איז צו ברייט פאר דעם אליין־געהער.

געהט ניט אליין, פערמישט זיך אין דער מאסע און מ'וועט ניט ארויסזעהן אייערע פעהלערען.

עס מאכט ניט אויס, אויב איהר קענט קיין א י י ן זאך ניט, אבי איהר קענט אלעס.

ווילט איהר מאכען א לעבען? — מוזט איהר אלעס קענען.

מוזט איהר פייפען, הודזשען, זינגען, טאנצען, שרייבען, מע־קען, שמעקען, לעקען און קריכען אויף די גלייכע ווענט.

אויב איהר זייט א גוטער דיכטער איז ווייניג, איהר מוזט נאך דערצו זיין א דעקלאמאטאר — א פאיאץ.

אויב איהר זייט א קינסטלער איז ווייניג, איהר מוזט נאך דערצו זיין א גוטער געשעפטסמאן.

תלמידים מיינע, איין זאך קען זיך קיינמאל ניט בעצאהלען!

ארבייט פאר א סך: א סך אינסטיטוציעס, א סך ציימונ־גען, א סך אידעאלען...

דער סך איז די העבאם פון דער דומהייט, און די דומהייט איז די ערציהערין פון דער מאסע און נאר די מאסע איז א גליק־ליכע...

איין צאהן אין מויל איז א קללה, איין הארץ איז אן אומ־גליק; פראקטישע מענשען מאכען פון זייער הארץ א סך הערצער, א סך הערצלאך, און זיי פיהלען וועניגער.

דאס איינציגע, וואס גאט האט גוט געטהאן מיט'ן איינס, איז דאס, וואס ער האט בעשאפען איין מויל ביי דעם מענשען — ווארים, שטעלט זיך נאר פאר וואס פון אונזערע מענער וואלט געווארען ווען אונזערע ווייבער האבען צו צוויי מיילער...

איינס — הייסט, האבען איין פנים, און ווען מען האט איין פנים מוז מען זיך שעהמען, און דארום איז גלייכער זיין א פיעל־פנים'דיגער...

זייט אלעם פאר אלעמען און גארנישט פאר קיינעם!
דאס איז דער וואונש פון דעם צוקונפטס־מענש.
אזוי האט גערעדט פאמפאדור.

## וועגען שווימען און באדען זיך.

תלמידים מיינע, האט איהר זיך שוין געבאדען? זעצט אייך אוים דא ארום מיין קאפע־טישעל און זאל אייך דוכטען, אז עס איז א ברעג פון קוני־איילאנד און איך וועל מיט אייך ריידען וועגען שווימען און באדען זיך.

תלמידים מיינע! ווילט איהר זיין גליקליך אין לעבען, פערלאזט ניט דעם ברעג.

ניט פערלאזען דעם ברעג — הייסט מאכען פון לעבען א ספעקטאקעל, הייסט ליגען אין ווייכען זאמד און שמייכלען צו די

כוואַליעס. מיינט זיין אַ קינד און שפּיעלען זיך מיט זאַמד: מיינט בויען געביידען פון׳ם זאַמד.

און גלויבט פּאַמפּאַדור׳ן, אַז די קינדערשע זאַמד־הייזער זייי־נען זיכערער ווי די שטאַרקסטע שיפען אויפ׳ן ים.

תלמידים מיינע, אַנטלויפט פון ים!

ים — דאָס איז דער ניט־געמאָסטענער אַבגרונד, דאָס לאַכען אין פּנים דער זיכערהייט, דער שפּיעל פון לעבען און טויט...

— ים — דאָס איז דער ווילדער צאַפּלען זיך פון דער טיע־פער נשמה, דער וועה פון דער שעהנקייטס־זוכענדער זעעלע, וואָס קען ניט געפינען קיין רוה אין די ברייטסטע ברייטקייטען.

תלמידים! מאַכט ניט פון אייער לעבען קיין ים.

דאָס לעבען איז פאַר איינינגע אַ רוהיגעס טייכעל; פאַר ווע־ניגע — אַ וואַרימע וואַנע; פאַר פיעלע — אַ געמייזאַכץ; אָבער נאָר פאַר געצעהלטע — אַ ים.

און אַ שטימע פון אַ געטרייער בעל־הבית׳טע רופט צו אייך: קינדער! ווילט איהר זיין צופריעדען? מאַכט פון אייער לעבען אַ וואַרימע וואַנע און ניט מעהר!

אַנטלויפט פון ים!

ס׳איז פיעל זיכערער זיך צו וויעגען אין אַ וויעג־שטוהל, איי־דער אויף די כוואַליעס פון ברייטע וואַסער׳ן.

נאָר טאָמער איז אייך בעשערט זיך צו באָדען אין ים, טאָ פאָלגט פּאַמפּאַדור׳ן און האַלט זיך ביים ברעג, לאָזט אייער פוס אַנטאַפּען דעם גרונד.

האַלטען זיך ביים ברעג — דאָס איז זיכערהייט פאַר אייער הויט. דאָס הייסט — זיין בעל הבית, האָבען אַ זיכערע היים, אַ געגרייטען טיש און אַן אויסגעבעט בעט.

אָבער אין קיין פאַל, תלמידים מיינע, שווימט ניט!

שווימען — דאָס מיינט סכנה, געהן געגען שטראָם, האָבען אַן אייגענע מיינונג.

שווימען — דאָס הייסט קומען אין קאַמפּף מיט׳ן ווינט.

און קעמפּפען מיט׳ן ווינט — דאָס איז היץ־קעפּיגקייט, אי־דעאַליזם און הונגער.

תלמידים מײַנע, שװימט ניט אַפֿילו פּאָר אַ פּרײַז!

דער עולם פֿון ברעג בעװאונדערט טאַקע די כװאַליעס־בע־קעמפֿפֿער, די קלאַפּטער־לעגער, די אַקטיאָרען פֿון װאַסער...

דער עולם פֿון ברעג האָט ליעב אַ ספּעקטאַקעל פֿון פֿרעמדער סכּנה; דער עולם פֿון ברעג האָט ליעב די נאַראָנים װאָס שטעלען אײַן דאָס לעבען און װערען דערטרונקען.

אָבער עס בעצאָהלט זיך ניט...

און פּאָמפּאַדור האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך פֿערטראַכט און װידער געזאָגט:

אויב, תּלמידים מײַנע, אײַך איז שוין בעשערט זײַן פֿון די שװימער — טאָ שװימט נאָר אויבערפֿלעכליך.

אין קײן פֿאַל לאָזט זיך ניט אַרונטער אונטער'ן װאַסער. פֿערטיעפֿט זיך ניט אַפֿילו אין דעם ים פֿון אײַערע אײגענע לײַ־דען.

פֿלאַכהײט בעצאָהלט זיך!

טיעפֿע זאַכען האָט קײנער ניט ליעב.

ס'לעבע די אויבערפֿלעכע! — רופֿט די פּוסטקעפּיגקײט.

פֿון אײביג אָן אַנערקענט דער מענש ט י ע פֿ ע ק ע ש ע־נ ע ם מעהר פֿון ט י ע פֿ ע נשמות.

שװימט נאָר פֿון אויבען אויף, לײַכט, לײַכט; ריהרט אָן און ריהרט ניט אָן דאָס װאַסער, און איהר װעט האָבען ערפֿאָלג.

פּאַטשט ניט קײן כװאַליעס — דאָס איז סאַטירע, און צו װאָס טויג אײַך מאַכען שונאים?

אַזױ האָט גערעדט פּאָמפּאַדור, און איז אַװעק נעהמען אַ װאַנע.

א לויב־געזאנג צום ווינט.

תלמידים! פאמפארדור האט ליעב דעם ווינט און פערגע־טערט דעם שטורעם־ווינט.

דער ווינט, איז דאס לעבעדיגסטע וועזען אויף דער ערד, איהר פרייעסטער בירגער.

דער ווינט, האט ניט קיין פאטערלאנד און ווייס ניט פון פאטריאטיזם.

דער ווינט, ער איז דער באמת גרעסטער אינדיווידואליסט פון דער וועלט.

דער ווינט — ער איז דער פרייעסטער געדאנק פון דער נא־טור, איהר אונבעשרענקטער ווילען, איהר ניט רעדאקטירטע ווערק.

דער ווינט — דאס איז די גרעסטע ליריק פון דער ברייטסטער נשמה...

דער ווינט, ער איז דער טאטע פון קינדער־שרעק, פון שדים וואס פייפען. פון ניט־גוטע וואס טראגען זיך, און דרעהען זיך אין דער לופטען.

און שרעק מאכט דעם לעבען שעהן, גיט איהם א קינדער־שען חן.

און פאמפאדור האט א ווײַלע געשוויגען און נאכדעם ווייטער גערעדט:

ווינט — דאס איז — פראטעסט. דאס איז — נידער מיט דער טראדיציע, דאס איז — ארונטער מיט אלע צופוילטע דע־כער!

ווינט — דאס איז דער אפראמער פון שימעל, דער פערניכ־טער פון צופוילטקייט. און דער אויפטרייסלער פון פערגליווערט־קייט.

פאמפאדור האט פיינט די שטילע זעפיר ווינטלאך, וואס קרייזלען די פאות.

פּאַמפּאַדור האָט ניט ליעב די זיידענע ווינטלעך וואָס גלעטן פעטע באַקען פון שמאַלציגע פרויען זומער אין די בערג.

שטילע ווינטעלעך זיינען שמייכלער, און שמייכלעריי האַסט פּאַמפּאַדור, אין וואָס פאַר אַ געשטאַלט דאָס זאָל ניט קומען, צי אין פאָרם פון אַ לעק־קריטיק, אַ חניפה־רעדע, צי אין פאָרם פון אַ שטיל ווינטעל וואָס גלעט.

פּאַמפּאַדור האָט פיינט אַ מענשען, ווי ער האָט פיינט אַ פער־שלאָפענעם טייך, וואָס פיהלט ניט דעם ווינט'ס האַנד אויף זיין פּנים.

דער אמת'ער טייך איז ערשט דער וואָס ווערט געבוואַליעט פון ווינט.

אַ טייך וואָס איז רוהיג — איז ניט טיעף, קען איהם אַ קינד אריבערגעהן אַ באָרוועסער. אַ טייך וואָס הויבט זיך אין שטורעם איז טיעף און גרונדלאָז.

און טיעפקייט — איז ליידען, און ליידען זיינען דערהויבונגען פון דער נשמה.

פּאַמפּאַדור איז פערליעבט אין די צאָרענדיגע שטורעם־ווינ־טען, וואָס רייסען אויס הונדערטיעהריגע בוימער מיט'ן וואָרצעל, ברעכען איבער מאַסט־בוימער, רייסען איבער די שטאַרקסטע שטריק און זינגען אין די אויערען פון די קינדער פון פרייען ים — די מאַטראָזען.

פּאַמפּאַדור האָט ליעב דעם ווינט, וואָס רייסט די לאָדען פון פענסטער, ווען פּאַמפּאַדור זיצט ביי זיך אין צימער און רייסט אַרונטער די מאַסקעס פון פאַלשע געטער — דאַן פיהלט זיך פּאַמ־פּאַדור ניט איינזאַם, ער ווייסט אַז הינטער'ן פענסטער דאָרט שטעהט אַ חבר, וואָס פיהלט איהם מיט. דאַן בעגרייפט ער, אַז ער האָט רעכט, אַז די נאַטור הייסט אַזוי...

פּאַמפּאַדור האָט ליעב דעם ווינט וואָס קלאַפּט אין די שויבען שפּעט ביי נאַכט, ווען פּאַמפּאַדור זיצט מיט זיין געליעבטער. דאָס מאַכט זיין געליעבטער זיך פעסטער טוליען צו זיין ברוסט.

און אפילו ווען דער שטורעם־ווינט צוקלאַגט זיך אַזוי שטאַרק און וועקט איהם אויף אין מיטען נאַכט — אַרט עס אויך ניט פּאַמפּאַדור'ן.

ער בעגרייפט אויף דעם ווינט, דעם וועקער אהן א ציעל, דעם וואך־מאן אהן א טענדענץ, דעם שלאף־רויבער אהן א פאר וואס און פאר ווען...

און ווען דער צפון־ווינט מאכט פרירען יעדען גליעד, און קיהד לען יעדען אטהעם — אויף דאן לאכט פאמפאדור.

דער צפון־ווינד איז ביי פאמפאדור'ן דער שטארקסטער סא־טיריקער און קאלט־בלוטיגסטער וועלט־אויפטרייסלער. און סא־טירע האט פאמפאדור זעהר ליעב.

און פאמפאדור האט זיך פערקוקט ערגעץ ווייט, ווייט און ווייטער גערעדט:

תלמידים, אבער אם ליעבסטען איז פאמפאדור'ן דער שטורם־ווינט אויפ'ן ים.

א שטורעם אויפ'ן ים — איז דער בעסטער עדות, אז אין לע־בען איז גאר נישט ניט פעסט, אז אונזער גאנצע זיכערהייט האט קיין יסוד ניט.

פאמפאדור האט אויך ליעב דעם ווינט פאר זיין גלייכגיל־טיגקייט צו אלעס, פאר זיין אונ'ברחמנות'דיגער בעציהונג צו מענש און חיה, ווי צו האלץ און שטיין, פאר זיין ניט אכטען אויף קרבנות, פאר זיין שטאלצען געהן אויפ'ן וועג וואס ער האט אויסגעקליבען.

אזוי האט גערעדט פאמפאדור.

וועגען ציעל און צוועק.

און ס'איז געווען אין די ערשטע טעג פון פריהלינג און פאמ־פאדור האט אויפגעהויבען זיין קאפ צו דער זון און האט אזוי געזאגט:

תלמידים מיינע! אויב פאמפאדור האט ליעב דעם פריהלינג, איז דאס נאר דערפאר ווייל ער איז ציעללאז ווי פאמפאדור.

און פאמפאדור טרוימט פון א וועלט פון בלויז ציעללאזיגקייט.

זיין אהן א ציעל — דאס הייסט ביי פאמפאדור'ן — טרוי־מען אהן א שיעור אהן א צוועק, אהן א גרענעץ און אהן א מאס.

זיין אהן א ציעל — הייסט ביי פאמפאדור'ן צו שאפען אויף דער ערד אן אויביגען פריהלינג...

פאמפאדור האט ליעב דעם הימעל אום פריהלינג, ווייל ער הענגט גלאט אזוי זיך...

פאמפאדור האט ליעב די זון אום פריהלינג, ווייל זי לייכט סתם אזוי זיך און ארבייט ניט פאר קיינע סאדא־וואסער געשעפ־טען ווי אין זומער.

פריהלינג — דאס איז דער נאטור'ס ניט געדרוקט ליעד, ניט פערקויפטע פאעמא, ניט געקאלומטע סקיצע...

פריהלינג — דאס איז דער וואונק צו אייביגער ארבייטסלא־זיגקייט און פוילקייט אויף דער וועלט.

פריהלינג — דאס איז דער פרייער קוש פון דער נאטור אהן מחותנים, עדות, און חתונה רינגלאך...

פריהלינג — דאס איז לעבען און בלאנדזשען, בלאנדזשען און טרוימען, טרוימען און וועבען אהן ציועקען און אהן תכלתים...

תלמידים! פריהלינג — דאס איז דער נאטור'ס „פרייע ליעבע“ מיט הימעל, ערד און מענשען. אנשטאט וואס אסיען — איז דער סימוואל פון הייראט, פפליכט און „היים“.

פאמפאדור איז מיט אלע ציעללאזע און צוועקלאזע.

צוועקלאז — איז דער געזאנג פון א נאכטיגאל, דער גלאנץ פון די שטערען, די בלויקייט פון הימעל, דער דופט פון די בלו־מען, דאס שעפטשען פון זילבער קוואל, דאס שרייבען פון אן אנ־פאנגער.

צוועקלאזיגקייט — איז דאס לערנען גלאט אזוי זיך, אום צו זוכען דעם אמת און ניט געפינען...

די שעהנסטע שטונדען זיינען די צוועקלאזע די ניט געדע־כענטע און די ניט ג ע ז י י ג ע ר ט ע.

פאמפאדור האט פיינט דעם ציעל און די ציעל־בעוואוסטע!

ציעל — דאס איז קאריערע, דאס איז אן אפים מיט א ניגער, דאס איז שרייבען מיט א רעדאקטאר...

ציעל — דאָס הייסט ווערן פעט און זיין צופריעדן מיט דער פעטקייט.

ציעל — דאָס איז א צאָם ארום לעבן, ווייטער גען טאָרסטו ניט...

ציעללאָזיגקייט — דאָס איז א שפרונג איבער'ן צאָם, א קוליע זיך אין דער לופטען ניט אכטענדיג אויף געפרעסטע קליידער.

ציעללאָזיגקייט —דאָס איז א וועג א ברייטע, אָהן טראַמוואַי־גע־לד און אָהן קאָנדוקטאָרען, א וועג וואָס פיהרט אין אלע עקען אָהן א עק.

ציעל — דאָס איז א ראָמאַן מיט אַן ענדע. און דער בעסטער ראָמאַן איז דער ניט געענדיגטער. דעם וואָס איהר קענט אליין פ אָ ר ט ז ע צ ע ן.

תלמידים מיינע, זייט ווי די נאַטור! זי, די נאַטור, איז ציעללאָז אין איהר שלעכטסקייט ווי אין איהר גוטסקייט.

אמת'ע נאַטירליכע שעהנקייט — איז אָהן א ציעל, כאָטש זי טרעפט אין ציעל.

שעהנקייט מיט ציעל — איז שעהנקייט פון פוידער־קעסטעל, און פארב־פלעשעל... איז שעהנקייט פון פאָמאַדע...

קומט אהער, איהר ציעלבעוואוסטע, איהר שונאים פון פריה־לינג און צוועקלאָזיגקייט און איך וועל אייך פרעגען צו וואָס לעבט איהר און צו וואָס ציעלט איהר אויסער די ציעלען וואָס איהר האָט שוין אויסגעציעלט!

פאָמפאַדור'ס ציעל איז ציעלען ווייטער פון יעדען ציעל...

אָ, איהר צוועקלאָזע און ציעללאָזע יאָהרען מיינע, לויפט אייך ווי פריהלינג־ווינטלאך אויף קאָרן פעלדער און ברענגט מיך אלע מאָל צו נייע פריהלינגס און נייע זונען...

אזוי האָט גערעדט פאָמפאַדור.

HAUPTMANN
מיט ווייב און קינדר אין טהאל

וועגן וויעגען און וועקען.

און די תלמידים זיינען איינמאל געקומען צום פאמפאדור'ן און איהם געפונען וויעגענדיג דאס וויעגעלע, אין וועלכער, עס איז געלעגען זיין מינדעריעהריגעם קינד.

און די תלמידים האבען אלע אין איין קול אויסגערופען: זעהט נאר, זעהט, פאמפאדור וויעגט גאר קינדער! פאמפאדור אין דער ראלע פון א ניאנקע! ווי קומט אזא זאך צו פאמפאדור'ן? ווי פאסט עס איהם גאר?

און פאמפאדור האט אפגעמאסטען זיינע תלמידים מיט זיין שארפען בליק, האט א שמייכעל געטהאן און ניט אויפהערענדיג וויעגען, האט ער אזוי געזאגט:

תלמידים! פאמפאדור האלט זעהר פון וויעגען.

וויעגען — איז די העכסטע פילאזאפיע פון אלע לעבען'ס פי־לאזאפיען.

אלע לעבען'ס פילאזאפיען צוטומלען, רעגען אויף און שטעלען ניט צופריעדען. אבער די וויעג־פילאזאפיע גיט רוה און שלאף, און שטעלט כאטש צופריעדען א וויג־קינד.

אלע לעבען'ס פילאזאפיען — זיינען שאקעלדיג און וואקעל־דיג אין זייער גרונד. אבער א וויעגעלע איז שאקעלדיגער פון זיי אלעמען.

די תלמידים מיינען, אז וויעגען איז א קליינינקייט, אבער פאמפאדור וויים, אז עס איז גאנץ אפט פיעל לייכטער צו פער־וויעגען דעם אייגענעם געוויסען, ווי פערוויעגען א קינד וואס שרייט זיך פונאנדער אין מיטען דער נאכט.

ס'איז אפט פיעל שווערער צו פערוויעגען א קליינעם שרייער'ל ווי אויפצואוועקען א גאנצע הויז.

ס'איז אין אלגעמיין שווער צו פערוויעגען, ווי שווער עס איז צו בערוהיגען.

תלמידים! פאמפאדור האלט אפילו מעהר פון וויעגען און פערוויעגען ווי פון וועקען.

פערוויעגען — דאס הייסט טרייסטען און געבען יענעם רוה. און ניט אלע קענען עס. אין דער צייט ווען מיר אלע קענען מאכען א טומעל, וועקען פון שלאף, און רויבען ביי יענעם די רוה.

פערוויעגען — דאס הייסט געבען כאטש בערוהיגונג פון איין געשריי ביז'ן צווייטען, און וואס קענען מיר נאך געבען אונזערע מיטמענשען ? !

פערוויעגען דאס איז שטילע שעפפונג־ארבייט, דארום ריינע קונסט.

וועקען איז אין בעסטען פאל, פראפאגאנדא, טענדענציעזע ארבייט — און דאס הייסט ווייט פון קונסט.

פערוויעגען — דאס איז די לעהרע פון בודדא. דאס הייסט קומען צום שעהנסטען זעלען־צושטאנד.

פערוויעגען — הייסט, לאזען יענעם חלום'ען, זיך איבערגעבען אין די ווייכע ארעמס פון שלאף און נאר אין שלאף זיינען מיר גליקליך.

וועקען — דאס הייסט אנזאגען וועגען א גנבה, א שרפה, א רציחה.

וועקען — דאס קען יעדער גאסען־מענש.

וועקען — דאס קען אפילו א פראסטער וועק־זייגער, אבער אום צו פערוויגען דארף מען האבען א מענשען.

און פאמפאדור האט נעשיקט זיין פערטרוימטען בליק ערגעץ ווייט ווייט און האט ווייטער גערעדט:

ארימע תלמידים מיינע! איהר ווייסט גאר ניט, וואס פאר א גליק דאס איז צו פערוויעגען א קינד.

דער ארימסטער מענש פיהלט זיך דאן, אז ער קען דאך עפעס געבען זיינע מיטמענשען.

און הלואי וואָלט פּאָמפּאַדור געקענט פּערוויעגען אַ גאַנצען דור מיט ערוואַקסענע. אַ שאָקעל אהער אַ שאָקעל אהין און די מענשהייט זאָל זיך בערוהיגען. דאָס וואָלט געווען די גרעסטע אויפטהו פון פּאָמפּאַדור'ן.

און מיינט ניט, אַז גרויסע און ערוואַקסענע דאַרף מען **נ י ט** וויעגען — ס'איז אַ טעות.

פּאָמפּאַדור זאָגט: גרויסע דאַרף מען נאָך מעהר וויעגען ווי קליינע. אוי, נויטיגען זיי זיך גאַנץ אָפּט די ערוואַקסענע חכמים אין אַ וויעגעלע און אַ פּערוויעגער — נאָר זיי שעהמען זיך און זיי בלייבען אומגליקליך.

און פּאָמפּאַדור האָט אריינגעקוקט אין דער וויעגעלע, וואו ס'איז געלעגען זיין פּערוויעגט קינד און ער האָט פּאַרטגעזעצט:

פריינד מיינע! ווי שעהן איז די קינדער־וויעגעלע!

די קינדער וויעגעלע דאָס איז די איינציגע היים וואָס אַ מענש האָט אין גאַנצען פאַר זיך אליין אָהן קיין שותפים.

די קינדער וויעגעלע — דאָס איז די איינציגע וועלט'ל וואָס מען פערלאָזט מיט פרייד און ליעבע.

און נאָך שעהנער איז די וויעג ליעד.

די וויעג ליעד דאָס איז די איינציגע אינטערנאַציאָנאַלע ליעד פון דער גאַנצער מענשהייט. די איינציגע אמת'ע און פערשטענד־ליכע פאַר אַלעמען.

איהר האַלט זעהר פון דער מאַרסיעלעזע — איך ניט. די מאַר־סיעלעזע וועקט צום קלאַסען־קאַמפּף, צו פּערביטערונג — און די וויעג ליעד איז אַ הימן פאַר פריעדען און רוהיגקייט.

די מאַרסיעלעזע איז אַ גאַסען־ליעד, וועלכע ווערט פּער־טויבט פון די געקלאַפּעריי פון מענשען־טריט און פערדען־טריט.

די וויעג־ליעד — איז אַ שטילע היים־ליעד, וועלכע ווערט גע־זונגען אין דער שטילקייט פון שלאָף־צימער.

מוטערס! איהר דאַרפט זיין שטאָלץ, וואָס איהר וויעגט און פּערוויעגט אייערע קינדער!

אזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

און ס'איז געווען א דריי מאנאטען נאך פאמפאדור'ס חתונה, און די תלמידים האבען געטראפען פאמפאדור'ן זיצענדיג א אומעטיגען ביי זיך אין הויז.

אין הויז איז געווען ריין און שעהן, די נייע טהייערע מעבעל האט געשיינט, נאר די פענסטער זיינען געווען פערמאכט און די שטארען אראבגעלאזט.

און די תלמידים האבען זיך געווענדט צו פאמפאדור'ן ער זאל זיי זאגען זיין מיינונג וועגען פאמיליען־לעבען.

און פאמפאדור האט געענטפערט: געווים וועל איך אייך זאגען. נאר א פריהער מוז איך עפעס בעזארגען.

און פאמפאדור האט זיך געווענדט צו זיין יונגער פרוי און איהר אזוי געזאגט: ליעב ווייב מיינע! געה ארוים אויף א ווייל, לאז מיך מיט מיינע תלמידים אליין, ווייל איך וויל איצט רעדען וועגען פאמיליען־לעבען. און די קליינע פרויען אויערען קענען נאך קיין פרייען ווארט וועגען פאמיליען־לעבען ניט אויסהערען, ווייל נאך איז א פרוי ניט דערוואקסען צו דעם...

און ווען די פרוי האט געפאלגט פאמפאדור'ן און האט מיט א גוטמוטיגען שמייכעל פערלאזען דעם זאל, האט דאן פאמפאדור אזוי געזאגט:

תלמידים! איהר זייט אודאי מקנא פאמפאדור'ן, וואס ארום איהם פינקעלט אלץ און גלאנצט, וואס א דייטשע ריינקייט רינגעלט איהם ארום און קיין ברעקעלע שטויב איז ניט צו מערקען אויף די מעבעל? — אבער פאמפאדור איז זיך אליין ניט מקנא.

ווען מען וואלט אייער פאמפאדור'ן איצט געשטעלט צום אויסוואהל: דאס ריינע פאמיליען־לעבען און דאס בחור'שע שטויב — וואלט ער זיכער אויסגעקליבען דאס לעצטע.

ווייל וואס איז פאמיליען־לעבען? פרעגט פאמפאדור.

פאמיליען־לעבען איז א שטענדיגער היטען זיך פון שטויב וואס קומט פון אויסווענ יג, און א אייביגע תפיסה פון אינ־ווענ יג.

אנשטאט וואס בחור'שאפט הייסט אפענע פענסטער, לופט און פרייהייט פון אינווענ יג ווי פון אויסווענ יג.

און פאמפאדור האלט אז בעסער זאל פאלען שטויב ביי אפע־נע פענסטער, איידער מוסטערהאפטע ריינקייט וואס פאלט צוזא־מען מיט פערשטיקטע לונגען.

פאמפאדור האלט זעהר פיעל פון בחור'שאפט.

בחור'שאפט הייסט: לעג זיך וואו דו ווילסט און זעץ זיך ווי דו ווילסט, יעדע פאזע איז ווילקאמען!

פאמיליען־לעבען הייסט: פערקויפען זיך פאר א שקלאף צו א פיין געשניצטען טיש און שטוהל.

בחור'שאפט הייסט: לעבען פאר זיך אין איין צימער מיט איין פענסטער און איין טהיר.

פאמיליען־לעבען הייסט: האבען א סך צימערען — פאר מע־בעל... א סך טהירען און קיין פרייער ארויסגאנג.

בחור'שאפט הייסט: א טיש א פערלעגטער מיט ביכער, א בע־דעקטער מיט שטויב, א טינטער פול מיט שפינוועבס, א שטוהל אפט א צובראכענער — אבער דאך א ריינער קאפ צום שאפען.

פאמיליען־לעבען הייסט: א זויבערער טיש, א ווייכער שטוהל — אבער א פערטשאדעטער קאפ.

וואס איז די נשמה פון פאמיליען־לעבען? פרעגט פאמפאדור.

און פאמפאדור ענטפערט:

די נשמה פון פאמיליען־לעבען איז א האז, וואס ציטערט אפ א גאנצען לעבען לאנג.

מען ציטערט דאס ווייב זאל ניט אנטלויפען מיט א יונגערן פון אייך, א שעהנערען פון אייך און אפט א מיאוס'ע־רען פון אייך; מען ציטערט מען זאל ניט האבען צופיעל קינדער; מען ציטערט איבער די שוין געהאטע קינדער; מען צי־טערט איבער דער הכנסה, מען ציטערט איבער דער הוצאה, און דער

עיקר, מען האלט אין איין ציטערען איבער די נייע מעבעל, קיין שטויב זאָל זיי ניט אויפעסען.

וואָס איז אַ גוטע בעל־הבית׳טע ? פרעגט פּאַמפּאַדור.

און פּאַמפּאַדור ענטפערט:

אַ גוטע בעל־הבית׳טע איז ניט די וואָס היט דעם מאַן, נאָר וואָס היט די מעבעל.

וואָס איז אַ גוט ווייב ? פרעגט פּאַמפּאַדור.

און פּאַמפּאַדור ענטפערט:

אַ גוט ווייב איז ניט די וואָס היט דעם מאַן׳ס נשמה זאָל ניט פערוועלקען, נאָר די וואָס היט זיין האלז פון פערקיהלונג, און די הויז, פון בערג מיט שטויב וואָס פאַלען.

און פּאַמפּאַדור האָט זיך אַ ווײַלע פערטראַכט און נאָכדעם ווייטער גערעדט:

תלמידים ! איילט זיך ניט אריין אין שפּאַן פון דעם פּאַמי־ליען־וואַגען! און אויב איהר טהוט עס שוין יע, וואוינט אין איין צימער, און קויפט ניט קיין מעבעל. און אויב איהר קויפט שוין יע מעבעל — היט זיי ניט פון שטויב.

תלמידים ! האַלט אָפען די פענסטער פון אייערע צימערען אויב איהר ווילט האַלטען פון פאַמיליען לעבען !

אזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

ווערען טאָג און נאַכט.

און ווידער איז געקומען דער אָסיען, און ווידער זיינען לענגער געוואָרען די נעכט. און פּאַמפּאַדור איז ווידער בעגייסטערט געוואָרען פאַר דער נאַכט, און ער האָט אזוי געזאָגט :

תלמידים ! פון אַלע מיינע ליעבסטע ביי דער נאַכט — ליעב איך אם שטאַרקסטען די נאַכט אליין.

נאַכט — איז ליעבע־פּליסטער, רוה און שטילע תפלה.

טאָג — איז קנאה־שנאה, הו־האַ און קללות.

נאַכט — איז הכנסה.

טאָג — איז הוצאה.

די כחות וואָס מיר קלייבען אָן דורך די נעכט, פערשווענדע; מיר דורך די טעג. און צו וואָס פערשווענדען אומזיסט?

נאַכט — איז דער טייטש: חלום ווי אַ קינד!

טאָג — מיינט: בעטריעג ווי אַ גרויסער!

נאַכט — איז די ערפינדערין פון דעם בעט. און דאָס בעט איז די געבורטה און ווידער־געבורטה פון דעם מענשען.

נאַכט — איז צוגלייך מיט דער ליעבע, וועלכער זי דיענט אַס טרייעסטען. די איינציגע בעזיצערין פון צויבער און סודות — דער־רום איז די נאַכט אַזוי טיעף ווי די ליעבע.

גרויס איז דער כח פון דער נאַכט!

איבער נאַכט וואַקסט אַ מענש אויס און ווערט רייף.

איבער'ן טאָג ווערט ער אָפט ק ל ע נ ע ר...

איבער נאַכט ווערט אַ מענש אפילו גראָה. איבער'ן טאָג, ווערט ער בלויז פערשוואַרצט.

און רעספּעקט פאַר גראָהקייט! ווייל גראָהקייט מיינט — שטאַרק דורכלעבען. און נאָר אין שטאַרקע דורכלעבענישען, בע־שטעהט דאָס לעבען.

איבער נאַכט פערליערט אַ מענש אַ גלויבען און געפינט אַ נייעם. איבער'ן טאָג פערליערט אַ מענש אַ פּעקעל אין טראַמוואַי...

פריינד מיינע! בעזינגט מיט מיר צוזאַמען די נאַכט, ווייל אויב מיר זיינען נאָר ניט קיין פערקויפטע שומרים, געהערט די נאַכט צו אונז און דער טאָג איז ניט אונזערער.

אין דעם ליכט פון טאָג זיינען מיר פערקויפטע צו שקלאַפען־טרייבער, זיצען מיר און אַרבייטען פאַר פרעמדע.

אָבער די נאַכט — ברענגט אונז אַ היים. מעג די היים אפילו זיין ניט מעהר ווי אַ פּלאַץ פאַר אַ צובראָכען בעט.

טאָג — איז זון. און זון בעדייט: מענש, שעהם זיך! און שעה־מען זיך איז די ווייכסטע קישעלע פאַר מאוס'ע מעשים.

נאַכט — הייסט אַראָפּוואַרפען פון זיך די בושה צוזאַמען מיט

די קליידער. און נאָר ווען מיר זיינען נאַקעט, הויבען מיר אָן באמת פערשטעהן דעם זינן פון זינד און ליעבע.

טאָג — איז אויך קנעכטשאפט צו דער געזעלשאפטליכער מיינונג, שקלאפעריי צו דעם וואָס יענער וועט זאָגען.

נאכט — איז רעספעקט פאר זיך אליין און רעספעקט פאר זיך אליין, מיינט זעלבסטשטענדיג דענקען.

און פאַמפאדור איז אַלץ מעהר און מעהר בעגייסטערט געוואָרען און ער האָט אויסגערופען:

ליעבהאָבער פון דער נאַכט! רופט מיט פאַמפאדור'ן צוזאַמען: געבענשט זאָלען זיין די לאַנגע נעכט! ווייל וואָס לענגער די נעכט, אַלץ מעהר הייסט עס לעבען פ א ר זיך און מ י ט זיך...

און צוזאַמען מיט פאַמפאַדור'ן רופט אויך: געבענשט זאָלען זיין די קורצע ווינטער־טעג, ווייל זיי ברענגען אונז שנעלער צו דער נאכט!

און פאַמפאדור האָט זיך פערטראַכט א ווייל'ע און ווייטער גערעדט:

תלמידים! ווי גוט עס איז אומצואוואנדערען איבער די גאַסען ביי־נאַכט! ווייל ערשט ביי־נאַכט, ווען די פינסטערניש בעדעקט אלעס, דערזעהט דער מענש א גרוים ליכט פאר די אויגען.

פאַמפאדור האָט ליעב ארומצובלאָנדזשען אין די לאַנגע נעכט איבער די שמאָלע גאַסען. דאַן ערשט געפינט ער זיין „איך" וואָס ער האָט פערלאָרען ביי־טאָג.

ביי נאכט האָט אפילו די גרעסטע שטאָדט א פּנים פון א דאָרף.

און א שטענדיגער דאָרף פאר דעם מענשען — דאָס איז דער מיזיניק־טרוים פון פאַמפאדור'ן.

פאַמפאדור האָט אפילו ליעב די נאכט־וואנדלער, אלץ זיינען זיי אונשעדליכער ווי די טאָג־הענדלער.

און פאַמפאדור'ן ארען אויך ניט די אָפענע גנבות און רציחות, וואָס ווערען בעגאַנגען אין די פעך־שווארצע נעכט.

אלץ קלענער זיינען זיי פון די גנבות און רציחות, וואָס ווערען בעגאַנגען אונטער דעם ליכטיגען פּנים פון דער זון.

און פּאָמפּאַדור האָט דערזעהען די לבנה וואָס געהט אויף אין הימעל און ער האָט געזאָגט:

תלמידים! און אם ליעבסטען זיינען מיר די נעכט אָהן שטע־רען און אָהן לבנה.

שטערען — דאָס זיינען נאַרישע אמביציעזע קינדער, וואָס רייסען זיך אראָפּצוגליטשען פון די הימלען אויף דער ערד, און ווי קען מען זיי ליעבען, ווען זיי פערבייטען ערד אויף הימעל?

לבנה — דאָס איז די נאָכקרימערין פון דער זון. זי וויל לייכ־טען ווי יענע און קען ניט. און איך האָב פיינט נאָכקרימער, און דער־הויפּט די וואָס קענען ניט.

דארום זאָג איך: אַ נאַכט אָהן שטערען און לבנה, איז ערשט די אמת'ע נאַכט!

און פּאָמפּאַדור האָט זיך פערקוקט ערגעץ ווייט־ווייט און ער האָט געזאָגט:

גליק — דאָס איז אַ נאַכט־שאָטען.

דער אוצר — דאָס איז דער סוד פון דער נאַכט.

נאַכט! דו ביזט מיר ליעב, ווייל אויף דיין נאָמען רופט זיך ניט קיין אידישע צייטונג.

נאַכט! לאָז זיך אראָפּ אויף מיינע פּלייצעס! בעדעק מיין קאָפּ מיט דיין שווארצען טוך! שליס מיר מיינע אויגען און זאָל איך מיינען, אז איך בין גליקליך.

ווייל נאָר מיט צוגעמאכטע אויגען זעהען מיר דעם אנגעזיכט פון גליק...

אזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

ווענען צוגרייטען זיך.

תלמידים! איך בין פאר צוגרייטען זיך.

זיין צוגעגרייט איז נויטיג פאר אַ גאַנץ פאָלק, ווי פאר א י י ן מענשען.

פאַמפּאַדור האָט פיינט די יעניגע מענשען, וואָס מען חאַפּט זיי פּלוצלינג, ניט צוגעגרייטערהייט.

פאַמפּאַדור האָט פיינט די פעלקער, וועלכע מען קען איבער־ראַשען מיט אַ פּלוצליכען איבערפאַל.

ניט צוגרייטען זיך — איז אַ פוילער תירוץ פאַר שוואַכקייט און פערפוילטקייט.

איך בין ניט צוגעגרייט — איז אַ קינדערשער פערענטפע־רונג, פאַר אַ מענשען ווי פאַר אַ לאַנד, וואָס כאַפּט קלעפּ און האָט ניט קיין כח צוריק צוגעבען.

און תירוצים האָט פאַמפּאַדור שרעקליך ניט ליעב.

אַ מענש, ווי אַ גאַנץ פאָלק, מוז קענען ע נ ט פ ע ר ע ן גלייך, אבער ניט געבען קיין תירוצים שפּעטער.

אַ געזונטער מענש ווי אַ געזונט פאָלק, מוז אימער זיין גרייט צו כאַפּען פעטש און דערהויפּט צו דערלאַנגען.

נאָר בלוטלאָזע מענשען און נאָר פאַנטאַפּעל־פעלקער פּרעדי־גען געוועהרלאָזיגקייט.

נאָר נאָך דער סאָציאַלע רעוואָלוציע, וועלען מענשען און פעל־קער זיך קענען פערגינען צו זיין שוואַך, ווי פליעגען און הילפלאָז ווי ערשט געבוירענע קינדער...

און פאַמפּאַדור האָט מעהר גאָר ניט געוואָלט זאָגען וועגען צוגרייטען זיך. נאָר די תלמידים האָבען זיך ניט בענוגענט, און איהם געבעטען ער זאָל פאַרטזעצען.

און פאַמפּאַדור האָט אַ שמייכעל געטהאָן און געזאָגט:

איבערגעשראָקענע תלמידים מיינע! נאַריש זיינען די וואָס זאָגען, אַז אמעריקא דאַרף זיין געגען צוגרייטען זיך.

גראַד אמעריקא, דאָס קלאַסישע לאַנד, פון „זיי אימער גרייט", זאָל זיך ניט צוגרייטען?

פריינד מיינע, אין קיין לאַנד אין דער וועלט שפּיעלט דאָס „גרייט זיין", ניט אַזאַ גרויסע ראָלע, ווי אין אמעריקא.

אין אמעריקא מוז מען זיין גרייט צו אַלעס:

געהט איהר אין גאַס — זייט גרייט, אַז אַן אויטאָמאָביל וועט דורכקרייצען אייערע גליעדער.

ליגט איהר אויפ׳ן סאפע, זייט גרייט, אז די סטעליע וועט אויף אייך אראפפאלען.

זיצט איהר אין שאפ — זייט גרייט אז א „טרייענגעל־פייער“ זאל אייך ארומחאפען.

קומט איהר אהיים פון דער ארבייט — זייט גרייט צו געפינען אן אויסגעליידיגט הויז, און אייער ווייב ערגעץ אין די ארעמס פון א צווייטען.

האט איהר א כלה — זייט גרייט, אז עמיצער וועט איהר אונטערטראגען א גרעסערען דימענט־רינג און זי וועט אייך פער־לאזען.

האט איהר פריינד, זייט גרייט יעדען טאג, אז זיי וועלען זיך איבערקלייבען אין אנדער טהייל פון שטאט און אן אייך פער־געסען.

לעזט איהר אפילו א שרייבער, און זעהט ווי ער קעמפפט היינט פאר א געוויסען אידעאל, זייט גרייט, אז מארגען וועט איהר איהם געפינען אין אן אנדער לאגער...

און פאמפאדור האט זיך אפגעשטעלט אויף א ווײַלע און נאכ־הער ווייטער גערעדט:

פאמפאדור איז פאר צוגרייטען זיך, ווייל ער הערט די שארפע שטימע פון לעבען, וואס רופט הויך און איבערצייגענד: זיי גרייט!

ווייל וואס איז דאס גאנצע לעבען פון א מענשען, אויב ניט איין גרויסער ווארנונגס־געשריי: — מענש, זיי גרייט!

א מענש ליגט אין דער מאמעס בויך, שטיל, רוהיג און פריעד־ליך, ביז די שטרענגע נאטור רופט אויס: זיי גרייט, געה ארויס און קעמפף פאר זיך אויס א פלאץ אונטער דער זונן!

א מענש לעבט, האוועט און לעבט און פלוצלינג שרייט פון ערגעץ אויס א קול: זיי גרייט צו געהן!

זיי גרייט! זיי גרייט! זיי גרייט! — דאס איז דער אינהאלט פון דער גאנצער אינהאלטסלאזיגקייט וואס מיר רופען — לעבען.

אזוי האט גערעדט פאמפאדור און האט מיט שנעלע טריט פערלאזען זיינע תלמידים.

ווענען מיידלעך, וואָס ווערן ווייבער און קינדער, וואָס וואַקסן.

פּאָמפּאַדור האָט ווינציג פון רחמנות, דאָך מאַכט ער אַן אויס־נאָהם פאַר צוויי זאַכען.

פּאָמפּאַדור האָט רחמנות אויף מיידלאַך וואָס ווערן ווייבער און אויף קינדער וואָס וואַקסען.

א מיידעל — איז טרוים און געזאַנג.

א ווייב — איז ווירקליכקייט און ליידען.

א מיידעל — איז פריהער פון אַלץ מענש.

א ווייב — איז צום אַלעם ערשטען, און צום אַלעם לעצטען בלויז פרוי.

א מיידעל איז א פּערזוך צו זעלבסטשטענדיגקייט, איז דער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון דעם מענשען, וואָס וויל זיך בעפריי־ען פון אַלע קייטען.

א ווייב — איז די אמת׳ע שקלאַפין פון מאַן און נאַטור.

אַן אידעאַלע מיידעל פון אַלע צייטען — מיינט זעלבסט־קאָנטראָל.

אַן אידעאַלע ווייב פון היינט — קינדער־קאָנטראָל.

און ס׳איז פיעל שעהנער און עסטעטישער זיך זעלבסט צו קאָנטראָלירען ווי צו קאָנטראָלירען די צוקינפטיגע דורות.

א מיידעל — איז די פּרינצעסין פון ליעבע.

א ווייב — די דיענסט־מויד פון דער ווילדער קעניגין ליידענ־שאַפט.

זיין א מיידעל — הייסט וויקלען זיך אין טרוימען.

זיין א ווייב — הייסט וויקלען קינדער.

א מיידעל — איז א אידעאַל, וועלכע אַלע מענער שטרעבען צו בעזיצען.

א ווייב — איז א צושטערטער טעמפּעל, וועלכען די מעהרסטע מענער ווילען פאַרלאָזען.

א מיידעל איז א גאַרטען פון בלומען און געזאַנג.
א ווייב — איז א קיך פון טעפּלאַך־געקלאַנג.
א מיידעל׳ס טוגענד איז, ווען זי איז אונבעריהרבאַר.
א ווייב׳ס טוגענד איז אין איהר צוזאַמען לעבען מיט א מאַן.
און פּאַמפּאַדור אַכטעט די אונבעריהרטע.
איהר וועט זאָגען א פרוי איז דער קוואַל פון מוטערשאַפט?
אַבער פּאַמפּאַדור האַלט, אַז מוטערשאַפט איז בלויז א ברכה פאַר קימפּעטאָרין־האָספּיטאַלס און אַקושאָר־דאָקטוירים.
פּאַמפּאַדור שטעלט אפילו העכער די עלטערע פערוועלקטע מיידעל פון דער יונגסטער פערהייראַטער פרוי, ווייל זיין אַן עלטערע מיידעל, הייסט אַרויסגעהן אין קאַמפּף מיט נאַטור און מאַן — און יעדער קאַמפּף איז שעהן...
און דאָס זעלבע האָט פּאַמפּאַדור רחמנות אויף קינדער וואָס וואַקסען.
קינדער, זאָגט פּאַמפּאַדור, וואָלטען נאָר דאַן געווען גליקליך, ווען זיי וואָלטען געקענט בלייבען שטעהען אויף איין אָרט.
וואַקסען — דאָס הייסט דערנעהנטערען זיך צום אונטערגאַנג פון זונן.
זיין א קינד — הייסט בלייבען ביי די ערשטע שטראַהלען פון פריהמאָרגען.
וואַקסען — הייסט, זיין אונבעהאָלפען. הייסט אַרויס אין מאַרק פון לעבען און ווערען פערצווייפעלט.
זיין א קינד — הייסט, ניט אַרויס פון די אייגענע וויקעלאַך. הייסט בלייבען שטענדיג אָפּטימיסטיש.
דאָס געבורטה פון א קינד — איז דער טריאומף פון׳ם לעבען.
אַבער ווען עס הויבט אָן וואַקסען — הויבט אָן טריאומפירען דער טויט.
תלמידים, ווי שעהן וואָלט געווען, ווען קינדער וואָלטען געבליעבען ביי זייער קינדהייט אויף אייביג.
מענשען, זאָגט איהר, ווילען וואַקסען.
אַבער איך זאָג:
וואַקסען — איז קאַריערע, און קאַריערע איז דערגרייכונג, און

דערגרייכונג — איז טויט. וואקסען הייסט ווערען אויס קינד און צו וואס?

פּאמפּאדור האט ניט ליעב די ערוואקסענע, ווייל וואקסען הייסט געהען מיט שנעלע טריט צום פערניכטונג.

איהר וועט זאגען, אז ניט וואקסען איז געגען פּראגרעס. אז אלץ וואס לעבט מוז וואקסען, מוז גרעסער ווערען? אבער פּאמפּאדור אנערקענט ניט א פּראגרעס וואס טרעט אויף ביינער פון מתים: א פּראגרעס וואס ארבייט אזוי טריי פאר'ן מלאך המות.

פּאמפּאדור טראגט אין הארצען די גרעסטע שנאה צום טויט.

און פּאמפּאדור האט זיך פערטראכט אויף א ווײלע און נאכדעם ווייטער גערעדט.

מאמעס! איילט זיך ניט ארויסצונעהמען אייערע קינדער פון די וויעגעלאך!

א קינד אין וויעג — איז דער שפּיעל פון די ערוואקסענע.

און אן ערוואקסענער איז דער שפּיעל פון שיקזאל.

מאמעס! איהר זייט בלינד, ווען איהר ווילט אז אייער קינד זאל וואס שנעלער וואקסען און זיך שטעלען אויף זיינע אייגענע פיסלאך!

ווארום פערשטעהט איהר ניט? אז דאס מענשליכע שטעהען אויף די אייגענע פיס איז ערשט דער אנפאנג פון זיין שוואכקייט און הילפלאזיגקייט.

און אז דאס, וואס א קינד מוז געטראגען ווערען אויף די הענד איז זיין שטענדיגע שטארקייט...

אזוי האט גערעדט פּאמפּאדור.

## א הימן צום ערב יום־טוב.

תלמידים! איהר האט אודאי ליעב דעם יום טוב, פּאמפּאדור אבער האט ליעב דעם ערב יום טוב.

ערב יום טוב — דאָס איז ע ר ש ט דער אמת'ער יום טוב.

ערב יום טוב — דאָס מיינט, א טרוים וואָס שוועבט אין דער לופטען, א הייליגקייט וואָס ציטערט אין הארצען, א שטרעבען צו עפּעס גרויסעס.

יום טוב מיינט, פּערפּוצטע וואָכעדיגקייט; א טרוים וואָס איז געוואָרען א ווירקליכקייט, א גליק וואָס מען צעהלט זיינע גסיסה שטונדען.

ערב יום טוב — דאָס איז חתן־כלה פּעריאָד, דאָס איז קור־שען נאָך ניט פער'געזועצליכטע, געזאָגנגען נאָך ניט אויסגעזוונגענע.

יום טוב — דאָס בעדייט: א יאָהר נאָך דער חתונה, א נוס א צוקנאָקטער, וויין אויסגעטרונקענער, א טישטוך א פּערפּלעקטע.

ערב יום טוב — דאָס בעדייט, מלבושים ביים שניידער, פיש אין פאַן, א ליעבע־בריעף נאָך ניט קיין געלעזענער.

יום טוב — דאָס מיינט, דער גענעץ נאָך'ן שלאָף, דער גרעבץ נאָכ'ן זאטען מאָלצייט.

ערב יום טוב — דאָס הייסט, ריינקייט און זויבערקייט, גליק, פריידע און ערוואַרטונג.

און ערוואַרטונג — איז דער פולס פון לעבען.

ערב יום טוב — איז דער טייטש, האָפנונג, שפּאַנונג.

ערב יום טוב — בעדייט, דאָס שורשען פון א זיידען קלייד פון אייער אָנקומענדער געליעבטער.

ערב יום טוב — מיינט הארץ־קלאַפּעניש.

ערב יום טוב איז א נסיעה ערגעץ אין א ווייטער לאנד. דער באהן קלאַפּט און דאָס הארץ מיט איהם, עפעס אונבעקאַנטעס טראָגט זיך אנטקעגען, עפעס אונערוואַרטעטעס וועט אייך בעגעג־נען.

יום טוב — מיינט, שוין געקומען, געזעהן און עס איז נאָר־נישט...

יום־טוב — איז דאָס לעבען פון דעם רייכען פּוסט־הערציגען, און דארום אזוי אָרים.

ערב יום טוב — איז דאָס לעבען פון'ם אָרימען טרוימער— און דארום אזוי רייך.

און פּאַמפּאַדור איז שטיל געוואָרען אויף א ווײַלע און נאָכדעם ווייטער גערעדט:

פּאַמפּאַדור האָט ליעב דעם ערב יום טוב פון אלעס. דעם ערב יום טוב פון ליעבע ווי דעם ערב יום טוב פון פריהלינג, ווי דעם ערב יום טוב פון בעפרייאונג.

אַ, ווען מענשען וואָלטען געקענט אייביג אָנהאַלטען דעם ערב יום טוב וואָלט דאָך געווען מעהר גליק און מעהר פרייד אויף דער ערד.

תלמידים! שטרעבט צום אייביגען ערב יום טוב און עס וועט אייך זיין גוט.

אזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור!

## וועגען היץ און קעלט.

תלמידים מיינע, פּאַמפּאַדור איז געגען היץ.

היץ — דאָס איז דער מלאך המות פון פראַקטישקייט, דער קברן פון דער לאָגיק.

היץ — דאָס איז דער פּאַטער פון אלע נארישע אידעאלען.

היץ — דאָס איז די מאמע פון ליעבעס־ערקלעהרונגען.

היץ — דאָס איז שווייס און שוויים — דאָס איז ארבייט, און ארבייטען האָב איך ניט ליעב.

פּאַמפּאַדור איז פאר קעלט.

קעלט — דאָס איז ישוב הדעת, שנעע־קלאָהרקייט פון שכל און אייז פון דער נשמה.

קעלט — דאָס איז דער בעשעפער פון אחדות, דער גרינדער פון שענקען, דער אויסרופער פון ל ח י י ם׳ס.

תלמידים מיינע, נאָר קעלט ברענגט צו אחדות, צו חבר׳־שאפט, נאָר א גוט פרעסטיל טרייבט דעם מענשען צו טהיילען זיין בעט מיט עמיצען, צו גרינדען א היים.

נאָר אויף מורא פאַר קעלט האַלט זיך די הייראַט, נאָר אויף מורא פאַר דער עלטער, בויט זיך דאָס פאַמיליען לעבען.

ווען ס'וואָלט אימער קאַלט געווען, וואָלט דער מענש געוואָרען א גוטער הויז־זיצער, א טרייער מאַן און אַן איבערגעבענער פאָטער.

ווען ס'וואָלט אימער קאַלט געווען, וואָלט די וועלט אויסגעקוקט ווי איין גרויסע, פערברידערטע פאַמיליע, וועלכע זיצט און וואַרימט זיך ביי א געז־אייוועלע.

נאָר א היץ האָט בעשאַפען די היץ־קעפּ און נאָר די היץ־קעפּ ברענגען אַלע אומגליקען אויף דער וועלט.

נאָר אין די היצען איז געבאָרען געוואָרען דער פּעסימיזם, די איינזאַמקייט, דער ווישען זיך פאַר זיך, דער וועלען אַנטלויפען פון שטאָדט און פון געזעלשאַפט.

תלמידים מיינע, אַרבייט פאַר מעהר קעלט אויף דער וועלט!

אין בעסטען פאַל איז פערפראָרען ווערען אַלס בעסער ווי צר שמאַלצען ווערען.

ווייל אַלס פערפראָרענער געהט איהר דאָך כאַטש אוועק ק א ל ט ב ל ו ט י ג  אויף יענער וועלט.

פּאַמפּאַדור איז פאַר בעשאַפען א נאָרד־פּאָל אויף דער ערד.

ווייל אויפ'ן נאָרד־פּאָל זיינען די טעג אונבעדייטענד און די נעכט אונענדליכע, און אין גרויסע נעכט קען מען א סך שלאָפען, און נאָר שלאָפענדיג זעהט ניט דער מענש ווי נאַריש ער איז...

פּאַמפּאַדור איז פאַר א שטענדיגען נאָרד־פּאָל אויף דער ערד.

ווייל אויפ'ן נאָרד־פּאָל איז מעהר פינסטער ווי ליכטיג, און נאָר פינסטערהייט קען מען וועניגער אַנטאַפּען די חסרונות פון לעבען און מען איז דאַרום צופרידענער.

אזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

ווענן טאלאנט און נארישקייט.

ווארום זיינען קלוגע שריפטשטעלער אפט נארישע מענשען?
פרעגט פאמפאדור.

מוז דען א טאלאנט אויך נאריש זיין?

און פאמפאדור ענטפערט:

קלוגע תלמידים מיינע, נארישקייט בעלאנגט צו יעדען פון אונז גלייך און חכמה בלויז צו איינצעלנע.

א טאלאנט מוז נאריש זיין.

נארישקייט פאר א טאלאנט — דאס איז דער בעכער וואס האלט איין דעם וויין, די בלאט, וואס רינגעלט ארום די פרוכט, דאס האלץ וואס שפארט אונטער די בוים.

א טאלאנט מוז נאריש זיין.

די וואס זיינען קלוג אין לעבען זיינען ניט קיין ריכטער איבער'ן לעבען.

די וואס זיינען שעפעריש אין קלוגע טהאטען, זיינען ניט שעפעריש אין גייסט.

נארישקייט פאר א טאלאנט איז — א וואכעדיג קליידעל אויף א יום־טוב'דיג יונג מיידעל'ס קערפער, עס גיט איהר נאך צו מעהר חן...

א קינסטלער — טאר ניט זיין קלוג, ווייל קלוגשאפט הייסט וואך זיין, און א קינסטלער מוז אימער חלום'ען, און די שעהנסטע טרוימען זיינען די נארישסטע.

קלוג זיין פאר א קינסטלער — הייסט לעבען ווי א חכם און שטארבען ווי א נאר.

זיין א נאר פאר א קינסטלער — הייסט לעבען ווי א נאר און שטארבען ווי א חכם...

פאר א קינסטלער איז גענוג, אז ער איז קלוג ביי זיין שרייבטיש.

פאר א קינסטלער איז נענוג, אז ער פערשטעהט זיך אויף פרעמדע נארישקייטען.

פריינד! איך האב ליעב די נארישקייט אין די קינסטלער־נשמות.

ווייל בענארישען זיך, איז א גוטע זאך.

ווייל בענארישען זיך, הייסט זיין א קינד.

ווייל בענארישען זיך הייסט גלויבען.

ווייל בענארישען זיך הייסט האבען אונשולד.

תלמידים מיינע! זייט ניט קיין קלוגע.

תלמידים מיינע! פערהייליגט די קונסט אין איהר נאריש־קייט און בענארישט זיך וואס מעהרער, ווייל קלוגע און ערפאה־רענע שאפען ניט...

אזוי האט גערעדט פאמפאדור.

## וועגען פארטייען און קאבינעט־מענשען.

און די תלמידים האבען זיך איינמאל צורעדט מיט פאמפא־דור'ן וועגען פארטייען און זיי האבען איהם געפרעגט: ווארום ער בעלאנגט ניט צו קיין פארטיי אין אמעריקא.

און פאמפאדור האט אנגעקוקט זיינע תלמידים מיט א שמייכעל און ער האט אזוי געזאגט:

תלמידים! דאס מאל האט איהר רעכט.

א מענש אין אמעריקא מוז בעלאנגען צו א פארטיי. אויב ער וויל שפיעלען א ראליע אין געזעלשאפט.

די אידישע אמעריקא איז א לאנד פון פארטייען און סעמע־טערים.

איהר מוזט דא בעלאנגען צו א פארטיי, ווי צו בעזארגען זיך מיט קרקע.

בעלאנגען צו א פארטיי — הייסט מאכען א קאריערע, און בע־זארגען זיך מיט קרקע — הייסטע געפינען רוהע נאך טויט.

און דערהויפט איז גוט צו בעלאנגען צו א פארטיי פאר א טא־לאנטלאזען און א גייסטיג־קינדערלאזען.

ווייל וואו איז די פארטיי פאר'ן טאלאנטפאלען? פרעגט פאמ־פאדור.

און פאמפאדור ענטפערט:

די פארטיי פאר'ן טאלאנטפאלען איז ניטא ווי ס'איז ניטא די היים פאר'ן פריי־גייסט, ווי ס'איז ניטא דאס פאטערלאנד פאר'ן מענשען אהן בירגער־פאפיערען.

ס'איז דא א פארטיי פאר'ן טאלאנטלאזען, ווי ס'איז דא א חיים איבעראל פאר'ן קאריערע־מאכער, ווי ס'איז דא אומעדום א פאטערלאנד פאר דעם וואס בירגערט זיך שנעל איין...

וואס איז א פארטיי איז דער אידישער אמעריקא, פרעגט פאמ־פאדור?

און פאמפאדור ענטפערט:

א פארטיי — איז די דארדאנעלען פאר טאלאנטלאזיגקייט, דער מעצענאט פון עם־הארצות, די ריטער־היטעל פאר פוסט־קע־פיגקייט, דער זאמעל־פונקט פון אלע קאריעריסטען, דאס ווארים אויוועלע פאר אלע ערפאלג־זוכער...

א פארטיי — איז א לייטער אום דער שנעל־קריכענדער זאל דורך איהם זיך קענען דערלאנגען וואס שנעלער צו די אקסלען פון פאלק.

דאס פאלק פרעגט דא ניט וואס פאר א רייכטהימער בעזיצט דיין נשמה, נאר צו וואס פאר א פארטיי בעלאנגסטו.

דאס פאלק קימערט זיך דא ניט, וואס טראגסטו אין הארצען, נאר וואס טראגסטו אויפ'ן לאטץ.

יעדער איינער מוז דא צו עפעס בעלאנגען. איז ניט צו א פארטיי איז לכל הפחות צו א לאנדסמאן פעראיין, צו א ברענטש פון ארבייטער רינג, צו א לאדזש פון אן ארדען, אפילו צום שנא־רער־פעראיין.

יעהער איינער מוז דא בעלאנגען. איהר קענט זיך זיין א גרוי־

סער שריפטשטעלער, אן אמת'ער טאַלאַנט, נאָר כל זמן איהר זייט ניט געווען טשערמאַן אויף אַ מיטינג, סעקרעטער פון אַ פערזאַמ־לונג, אַ לעקטשורער ביי אַ גראַשענעם בילדונגס פעראיין, אָדער לכל הפחות אַ טראַק־רעדנער, זייט איהר ניט קיין גרויסער מענש, האָט איהר ניט קיין ווערטה און מען רעכענט זיך ניט מיט אייך.

אין דער אידישער אמעריקא לעזט מען שרייבער, ניט צוליעב זייער גוטסקייט פון שרייבען, נאָר ווייל זיי זיינען די קעפּ אָדער עקען פון געוויסע פּאַרטייען און פּאַרטייעלאַך.

און מען מעג אַ לעזער דעם פּאַרטיי־שרייבער ניט קענען נעהמען אין מויל, ווי אַ ביטערע מעדיצין און מעג ער זיין אונפערשטענדליך ווי דער טויט, און מעג מען איהם איבערהויפּט ניט לעזען, אבער ער פערנעהמט דאָך דעם אַנגעזעהענסטען פּלאַץ אין אַ צייטונג.

אין דער אידישער אמעריקא איז אַ מיטינג — אנשטאַט שאַ־פונג, אַ פּאַרטיי־רעזאָלוציע — אנשטאַט שטימונג.

אין דער אידישער אמעריקא דאַרף מען ניט שעהן שרייבען, נאָר שעהן שטעהן אויף אַ פּלאַטפאָרמע.

תלמידים! איהר קענט דאָ מיט איין וואָך שטעהען אויף אַ פּלאַטפאָרם און האַלטען אַ נאַרישע רעדע, מעהר בעריהמט ווערען, ווי פון פיעלע יאָהרען שרייבען און דענקען אין דער שטילקייט פון קאַבינעט.

און פּאַמפּאַדור האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ וויילע און בע־טראַכט די געזיכטער פון די תלמידים, און נאָכדעם האָט ער ווידער פאָרטגעזעצט:

פריינד מיינע, ענטלויפט פון קאַבינעט! אמעריקא האָט פיינט דעם קאַבינעט־מענשען. זי פערהייליגט דעם האָלל־מענש, דעם מי־טינג־מענש און דעם גאַסען־מענש.

אמעריקא האָט זעהר ווענינ אכטונג פאַר הארץ, נשמה און שטילע טרוימען.

אמעריקא האָט ליעב דאָס שרייענדע, דאָס גרילצענדע און טו־מעל־מאַכענדע.

און וואָס איז נאָך מעהר שרייענדיג, גרילצענדיג און טומעל־מאַכענדיג ווי אַ פּאַרטיי?

אמעריקא — דאָס איז א ריעזיגער פּויק וואו יעדער איינער געהט צו און לעגט צו אַ האנד, גיט א פּויק און ציהט ארויס עטלי־כע אויער־פּערטויבענדע קולות.

ווילט איהר ווערען ערפאָלגרייך? — שליסט זיך אָן אין א פּארטיי!

ווילט איהר ווערען א בעריהמטער שרייבער ניט פערמאָגענדיג א ברעקעל טאלאנט? — גרינדעט א פעראייןץ מאכט זיך חסידים, זייט א שטענדיגער טשערמאן, געהט אין קאָמיטעס, טרינקט א סך סאָדא־וואסער, זיצט שפּעט ביי מיטינגען. און דאן וועט מען שוין אייער שרייבען פערצוקערען.

ווייל וואָס הייסט דאָ קענען שרייבען, פרעגט פּאָמפּאדור? און פּאָמפּאדור ענטפערט:

קענען שרייבען — הייסט שטעהן אין צ. ק. פון א פּארטיי; קענען שרייבען בעדייט דאָ — זיין א רעדנער מיט א הייזעריגער שטימע.

ווייל וואָס הייסט דאָ א לעזער. פרעגט פּאָמפּאדור?

און פּאָמפּאדור ענטפערט: א לעזער הייסט דאָ א קעפּעל־לעזער. דאָ לעזט מען ניט די ארטיקלען, נאָר מען קוקט איבער ווער עס שרייבט זיי...

ווען פּאָמפּאדור ווארפט דאָ אן אויג אויף אלע אונזערע בע־ריהמטע שרייבער און שאצט זיי איבער איינס אין איינם — זעהט ער, אז דאָס זיינען ניט קיין שרייבער. נאָר כלל־טוער. דורך דער אָפענער טויער פון כלל־טועריי זיינען זיי אריין אין פּאלאץ פון שריפטשטעלעריי. און אויב שרייבען מיינט שכר פאר שורות, דאן קריגען זיי די גרעסטע שכירות.

און פּאָמפּאדור האָט זיך פערטראכט א ווײַלע און נאָכהער ווייטער געריעדט:

אונזערע „יונגע" ווען קיינמאָל זיך ניט ארויפארבייטען אין דער אידישער גאס, ווייל זיי שטעהען ווייט פון פּארטייען. ציטע־רען ווען זיי קומען ארויף אויף א פּלאטפאָרם און ווילען בעלאנגען נאָר צו דער מוזע.

דעם פארזיצענדער'ס האמער האט שוין דא מעהר מענשען א נאמען געמאכט ווי די מוזע.

מיט דער מוזע מוזטו שווער ארבייטען ביז דו ווערסט בער־ריהמט.

און מיט'ן האמער איז איין קלאפ און א צווייטער און דיין נאמען איז אויף אלע ליפען.

איהר קענט האבען זעהר פיעל צו זאגען, נאר אייער ווארט האט קיין ווערטה ניט, ווען ער איז ניט דורכגעגאנגען א צ. ק.־הכשר און איז ניט געשטעמפעלט געווארען פון א פארטיי־שטעמפעל.

די פארטייען האבען דא אלעס: א מאשין, געלט אין די בענק, א שטעמפעל, און אזוי אויך עדיטאריעל־שרייבער, טהעארעטיקער, סקיצען־שרייבער, פעלעטאניסטען און אפילו אייגענע פאעטען.

דאס, וואס אמאל איז געווען דער הויף־פאעט איז היינט דער פארטיי־פאעט.

תלמידים! פאלגט אייער פאמפאדור'ן, פערשרייבט זיך פאר מיטגליעדער פון וועלכער ניט איז פארטיי, מעג זי אפילו זיין פון א מזומן־מיטגליעדער. אפילו קריגען א פעטע שטעלע קענט איהר אויך נאר דורך די שמאלציגע הענד פון די פארטיי־פיהרער.

און קענט איהר ניט בעלאנגען צו א פארטיי, רייבט זיך כאטש לעבען די פארטיי־פיהרער. ווען ניט, זייט איהר אויסגעשפיעלט איידער איהר האט נאך אנגעהויבען שפיעלען.

פריינד מיינע! פאמפאדור בעלאנגט ניט צו קיין פארטיי און דערפאר ווייסען אזוי ווייניג מענשען פון פאמפאדור'ן.

אזוי האט גערעדט פאמפאדור, איז אוועק און האט געלאזען זיינע תלמידים מיט אפענע מיילער.

וועגען טשואינג־גאם און גליק.

תלמידים! ווילט איהר זיין גליקליך? — קויפט טשואינג גאם, לעגט אין מויל און קייעט!

טשואינג־גאם — דאָס איז די שעהנסטע ערפינדונג פון אמע־ריקא, שעהנער אפילו פאר דעם פאָנאָגראף.

טשואינג־גאם — דאָס איז דער מארך־פערשלעפערער, יושר־פערוויעגער און געדאַנקען־בעפרייער פון דעם אמת אמעריקאני־שען בירגער.

יעדעס פאָלק האָט זיך זיינע געגען־גיפטען צום וועלט־שמערץ, זאָגט פאַמפאַדור. דער איד — א קאפיטעל תהלים; דער רוס — א פלעשעל „וואָדקא“; דער דייטש — אַ פּאָר צעהנדליג גלאָז ביער. און דער אמעריקאַנער — אַ פעקעלע טשואינג־גאָם.

טשואינג־גאם איבער אלעם!

בעזאָרגט זיך מיט טשואינג־גאָם, קייעט איהם סיי ביי טאָג און סיי ביי נאכט און איהר וועט ניט וויסען פון אידעאלען־קראנקהייטען. פון נערוועץ־צוטרייסלענדע וועלט־פּראָבלעמען, פון דער שמערצליכער לעבען און טויט פראגע.

קייט טשואינג־גאָם, און איהר וועט פערשפּאָרען ייי ־ענקען און דערדענקען זיך צו זעלבסטמאָרד.

טשואינג־גאם פאר אלעם!

מאכט איהר א ליעבעס ערקלעהרונג — טהוט עס מיט א שטיק גאם אין מויל. עס וועט ארויסקומען פיעל באַ׳חן׳טער און פראקטישער.

און אפילו אין העכסטען עקסטאַז פון דער ליעבע, ווען איהר כאפּט ארום אייער געליעבטען ווען, און בעדעקט זיין מלאכים־געזיכט מיט צעהנדליגער קושען — אויך דאן הערט ניט אויף צו קייען טשואינג־גאם.

און זייט איהר א גרינער ערשט פון שיף — טאַ בזייארגט

זיך פריהער פון אלץ, מיט טשואינג־גאם. לערנען די שפראך פון לאנד, וועט איך ניט מאכען אזוי שנעל פאר אן אמעריקא־נער; בעקענען זיך מיט די נויטיגע מנהגים און געזעצען פון לאנד וועט איך ניט מאכען אזוי גיך פאר „געל“ — דאס קליינע שטיקעל טשואינג־גאם וועט עס טהאן פאר איך.

גרינע תלמידים מיינע, קייעט טשואינג־גאם אומעדום און שטענדיג!

פרעדיגט ברודער ליעבע — און קייעט!

קוקט צו א געשלעג אין גאס — און קייעט!

ערקלעהרט קריעג — און קייעט!

קייען טשואינג־גאם, דאס מיינט אויסערליכע רוהע און אי־נערליכעם גליק.

און פאמפאדור האט א ביטערען שמייכעל געטהאן און אויס־גערופען:

זיי מיר געבענשט דו טשואינג־גאם קייענדע חיה! זיי מיר טויזענד מאל געגריסט פאר דיין פראקטישקייט און לעבענס־ווייז־הייט!

ווייל דאס גרויסע גליק פון דעם צוקונפט־מענש, ליעגט ניט אין וועלט־פריעדען אהן א זיעג, דאס גרויסע גליק פון דער מענשהייט איז ניט פערבארגען אין איהרע פערווירקליכטע אידע־אלען — נאר אין דעם קליינעם שטיקעל טשואינג־גאם.

טשואינג־גאם — איז דער טהייערסטער גליק־מיטעל פאר דעם ביליגסטען געלד־פרייז!

אזוי האט גרערט פאמפאדור.

אין יענע טעג האבען איהם זיינע תלמידים געפונען ציהענדיג פון מויל טשואינג־גאם.

**וועגען טהעמאס און שרייבער וואָס זוכען טהעמאס.**

זוך ניט קיין טהעמאס, זאָגט פּאַמפּאַדור.
ווער דאַרף עס און צו וואָס טויג עס ?
זוכען א טהעמא — דאָס הייסט זיין ניט פריי.
זוכען א טהעמא — דאָס הייסט זיין געבונדען צו דער לאָ־גיק.
זוכען א טהעמא — דאָס הייסט עפּעס פערלאַנגען.
און ווער דאַרף איבערהויפּט דיינע פערלאַנגען ?
דער עולם וויל פלוידערייען, מואווינג־פּיקטשורס, און „אויף־איין־פוס־ליטעראַטור".
שפּרינג פון איין שורה צו דער צווייטער, רעד וואָס עס פאַלט דיר איין קאָפּ און דו וועסט האָבען ערפאָלג.
זוך ניט קיין טהעמאס, ווארום דאָס וועט דיר ברענגען צום שאַפען.
און שאַפען דאָס איז דער גרעסטער אומגליק פאַר א אידישען שרייבער.
שאַפען ביי אידען — דאָס הייסט, ניט האָבען קיין פּרנסה.
שאַפען ביי אידען — דאָס הייסט בלייבען אַן אייביגער קבצן.
און וואָס איז גלאַט א טהעמא ? פרעגט דער קלוגער און ער־פאַהרענער.
א טהעמא — דאָס מיינט קנייטשען אויפ'ן שטערען פון קלוגע לעזער.
און קלוגע שרייבער האָבען מיטלייד מיט זייערע לעזער.
און ערפאַהרענע שרייבער לוינט זיך ניט איינרייסען מיט זיי־ערע לעזער.
ווארום א לעזער, דאָס איז הײנט א נאַריש, צופּעשטשעט, קאַפּריזנע קינד.

און וואָס טהוט מען, אז עס ווארפט אוועק אין גאַנצען דאָס לעזען — פאר וועמען שרייבט מען?

אוי, דאָס פאר וועמען שרייבט מען! — ווי שרעקליך דאָס איז...

עס זיינען שוין לאַנג אוועק די יאָהרען פון שרייבען פאר זיך אליין און קוויקען זיך מיט זיך אליין.

שרייבען פאר זיך אליין — הייסט שאפען.

שאפען פאר זיך אליין — מיינט גלויבען.

און דאָס איז היינט אַן אונמעגליכע זאך פאר דעם שרייבער, וואָס וויל מאכען א לעבען.

שאפען און גלויבען, דאָס האָבען געקענט אונזערע זיידעס, וועלכע זיינען געוועזען בעזאָרגט מיט ווייבער, וועלכע האָבען זיי בעזאָרגט מיט חיונה.

א היינטיגער שרייבער זאָגט: געמאכט און פערקויפט! איך שרייב ניט פאר זיך, איך דארף דאָס ניט, איך בין ווי דער הויזען־נעהער, היטעל מאכער, ראָק־שטעפער.

פאָדערט און איך גיב!

פאָדערט ניט, און איך שטום!

און פון דערפון נעהמט זיך די ב י ז י און די ס ל ע ק אין אונזער ליטעראטור.

שרייבער! זייט נאריש, זייט אפילו אידעאליסטיש, טהוט אייך וואָס איהר ווילט, אבער איין זאך פערשטעהט, אז איהר געהערט צום לעזער — און נאָר צום לעזער.

און דארום זוכט ניט קיין טהעמאס, ווייל ע ר, דער לעזער, זוכט ניט קיין טהעמאס.

פלוידער פריי, אבי אמוזיר מיך — דאָס איז דער רוף פון היינטיגען לעזער צו זיין שרייבער.

מומשע מיך ניט! — דאָס איז דער פאָרמאַן־געשריי פון דעם לעזער צו זיין שרייבער. בפרט אז היינט ווערט אלץ געלעזען אין מראמוואי.

אוי, די טהעמאס, די טהעמאס! זיי האָבען שוין ניט איין אונ־פראקטישע שרייבער־נשמה פערפיהרט.

אַט זיץ איך יעצט אין צימער און זוך — זאָגט פּאַמפּאַדור — און מיינע אַלטע מאַנוסקריפּטען ליעגען פאַר מיר און אויך נייע, האַלב אָנגעפאַנגענע, און איך פרעג זיך: ווען וועט שוין קומען אויך מיין צייט?

די צייט פון אויסשרייבען זיך, די צייט פון טהעמאַ־אויס־טריקעניש, די צייט פון צופריעדען־זיין אָהן טהעמאַס. ווען? אַזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

ווענגען אַלטע און נייע זאַכען.

תלמידים! — האָט פּאַמפּאַדור אָנגעפאַנגען — ווילט איהר זיין שטענדיג נ י י ביים פאָלק? טראָגט זיך שטענדיג אַרום מיט א ל ט ע גערדאַנקען.

פּאַמפּאַדור האַלט זעהר פיעל פון אַלטע גערדאַנקען.

אַלטע גערדאַנקען — זיינען שליסלען צו די זיכערהייטס־קאַ־סען פון ערפאָלג.

אַלטע גערדאַנקען — זיינען שטענדיג די נ י י ע ס ט ע.

נייע גערדאַנקען — זיינען ריזיקאַלישע אונטערנעהמונגען, און דער גרעסטער טהייל מענשען וויל ניט ריזיקירען.

נייע גערדאַנקען — זיינען ווי ערשט געבוירענע קינדער. זיי לאָזען ניט שלאָפען, און מענשען ווילען שלאָפען.

ווארפען אין פאָלק א נייעם גערדאַנק — הייסט, עפענען מוחות, און דאָס פאָלק וויל ניט עפענען זיין מוח ווי ער וויל ניט עפענען די פענסטער פון זיין דירה.

און א סאַרקאַסטישער שמייכעל האָט דורכגעקרייצט פּאַמפּאַ־דור'ס ליפּען און ער האָט ווייטער גערעדט:

פריינד! זייט איהר א שרייבער, א פרעדיגער אדער אַן אַנדער מין סאָרט לעהרער פון דער מענשהייט — שרייבט און פּרע־דיגט און לערנט נאָר ווענגען אַלטע זאַכען. רעדט איהר — שיט

נאָר מיט פערשימעלטע פסוקים, שרייבט איהר — ברענגט נאָר ציטאַטען פון פערשטויבטע ביכער.

דאָס פאָלק וועט יענע ציטאַטען און פסוקים ניט פערשטעהן, אבער אייך וועט עס פערגעטערען...

דאָס פאָלק, ווי אַ קליין קינד, האָט ליעב צוקייטע זאכען. און וואָס איז נאָך אזוי צוקייט ווי אן אלטער געדאנק?

דער לעזער ווי דער צוהערער, האָט ליעב טראַדיציע. האָט אכטונג פאר גרויע בערד ווי פאר פערצייטיגע מאראַלען, פאר אן אלטער חורבה ווי פאר אן אלטען וויץ.

וואו איז דער אריינגאנג צום טויער פון ערפאָלג פאר א שרייבער? — פרעגט מען פון אלע זייטען.

— אין טאַלאנט! — ענטפערט איינער.

— אין די נייקייט פון די טהעמאס! — בעשטימט א צווייטער.

— אין פראַטעקציע! — פסקנ׳ט א דריטער.

— אין מזל! — וויל האָבען א פיערטער.

— אין פארטיי־אַנגעקניפטקייט! — רעזאָנירט א פינפטער.

— אין א שטענדיגען פלאַץ וואו זיך דרוקען — וויצעלט זיך א זעקסטער.

פאַמפאדור זאָגט: אין ניט וועלען געבען דעם לעזער קיין נייע זאכען!

נאָר אין געבען אלטע זאכען, אין ארויסנעהמען פון ארכיוו פערלעגענע אנטיקען, אין איבערקייען און ווידערהאָלען ליעגט דער ערפאָלג.

און פאַמפאדור איז אנטשוויגען געווארען און האָט נאָכדעם ווייטער גערעדט:

תלמידים מיינע! ווילט איהר ווערען רייך? — האנדעלט מיט אלטע זאכען!

א סך פון אונזערע מיליאָנערען האָבען צו פערדאנקען זייער קאָלאָסאלען רייכטהום דעם מסחר מיט אלטע זאכען.

ווילט איהר ווערען א גוטער אנערקענטער וויצלער און הומאָריסט, דער ליעבלינג פון דער געזעלשאפט? — זאָגט אַלע יי־צען!

אויף נייע וויצען דארף מען קלעהרען: זאל מען פון זיי לאכען אדער ניט? פון אלטע וויצען לאכט מען זיכער. מען לאכט איידער דער דערצעהלער ענדיגט זיי נאך, ווייל מען ווייס זיי שוין...

און, ליעבע מיינע, האט קיין מורא ניט פאר ווידערהאלונגען.

ווידערהאלען זיך — איז דאס זעלבע וואס א שאסעע־וועג פאר אן אויטאמאביל. עס גליטשט זיך אונגעשטערט...

ווידערהאלען זיך — הייסט קלאפען מיט א טעמפער האק איבער יענעמ׳ס הארטען זכרון.

און דאס פאלק האט זעהר א הארטען און שלעכטען זכרון.

און האט גאר קיין פורכט ניט, ווען עמיצער א ניט־ערפאהרענער וועט אייך אפשטעלען און זאגען: דער דאזיגער געדאנק איז אלט! איך אליין האב איהם שוין געהערט הונדערט מאל!

איהר האט איינס אין זינען: עס וועלען זיך אימער אויף איינעם וואס געדענקט — געפינען ניין און ניינציג וואס האבען שוין פערגעסען...

און זייט איהר א שרייבער, קומט א יום־טוב, און מען הייסט אייך שרייבען א יום־טוב ארטיקעל.

זוכט ניט קיין נייע טהעמאס. דאס קען אייך פערפיהרען ווער ווייסט וואוהין. שרייבט איבער אן אלטען ארטיקעל און גיט איהם דרוקען.

ווייל ווי דאס פאלק האט ליעב זיינע אלטע יום־טובים, אזוי האט ער ליעב די אלטע געדאנקען וועגען זיי.

און פאמפאדור האט שוין געוואלט געהן זיין וועג. נאר די תלמידים האבען איהם געבעטען, ער זאל נאך עפעס זאגען וועגען נייע און אלטע זאכען.

און פאמפאדור האט געזאגט:

אלטע געדאנקען — זיינען אויטאריטעט און אויטאריטען זיינען די אייביגע געצען, פאר וועלכע דאס פאלק קניעט.

נייע געדאנקען — זיינען רעוואלוציעס, און פאר רעוואלוציעס האט דאס פאלק מורא.

אלטע געדאנקען — זיינען זיכערע שטוהלען מיט פעסטע

פיסלעך און ווייך־אויסגעבעטע רוקענס — מען קען זיך אויף זיי אָנשפּארען.

נייע געדאנקען — זיינען שפּיציגע שטיינער, אויף וועלכע מען קען צובלוטיגען די פיס ביי די ערשטע טריט.

דאָס פאָלק קוקט מיט חשד אויף נייע זאכען.

אפילו נ י י ע ס אין די צייטונגען איז אויך פראקטישער צו געבען א ל ט ע.

דאָס פאָלק האָט ליעב די עלטסטע נייעס, ווי די איינגסטע פרויען.

שרייבט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, אז דרייפוס איז בעפרייט געוואָרען, אז פּאָרטאָרטור איז גענומען געוואָרען, אז נאפּאָלעאָן איז אריין אין מאָסקווע, און מען וועט אייך לעזען.

איך האָב אמאָל אויך ליעב געהאט נייע זאכען, זאגט פּאָמ־פּאדור, ביז איך האָב איינמאָל א קוק געטהאָן אין שפּיגעל, ווי מיין שטערען איז צוקנייטשט און איך האָב די נייע זאכען אָנגעהויבען האסען.

צו וואָס, פרעג איך אייך, זאָל פּאָמפּאדור זוכען נייעס, יעדען טאָג אין זיין אייגענעם הארצען, ווען זיינע חברים האָבען פאר זיך א וועלט מיט נייע זאכען אין די אלטע שמות, און זיי זיינען גע־זונד, מוטהיג און רויטלען זיך ווי יונגע דארף־מיידלאך?!

אזוי האָט גערעדט פּאָמפּאדור, און האָט פערלאָזען זיינע תלמידים.

וועגען לעצטע סענטען און גליק.

און די תלמידים האָבען מקנא געווען פּאָמפּאדור׳ן, וואָס ער האָט איצט געגוג געלד און קען זיך פערגינען וואָס ער וויל.

און פּאָמפּאדור האָט א שמייכעל געטהאָן און געזאָגט:

תלמידים! איהר קענט ניט אייער פּאָמפּאדור׳ן.

פּאַמפּאַדור האָט גאָר אַמבעסטען ליעב צו בלייבען אַהן א סענט. און איז צייטענווייז גאָר מקנא דעם מענשען, ביי וועמען עס קלינגט ניט אין קעשענע.

בלייבען אַהן א סענט — דאָס הייסט, אויפלעבען פון דאָס ניי דיין זאָרגלאָזיגקייט.

בלייבען אַהן א סענט — הייסט, א קוק טהאָן אויף דער וועלט מיט מ ע נ ש ל י כ ע אויגען. אנשטאָט, וואָס אלע מאָל קוקט איהר אויף איהר מיט די אויגען פון א קינד, וואָס קען אלץ קויפען...

בלייבען אַהן א סענט — הייסט, ווערען צוריק פריי, הייסט, געהן אומעדום, וואו מען רופט אייך. אנשטאָט, ווען איהר האָט געלד, הויבט איהר אָן צו טראַכטען, וואוהין צו געהן. און פון אלע גליקען בלייבט איהר גאָר אין הויז...

בלייבען אַהן א סענט — בעדייט: אַנפאַנגען קלעטערען צו־ריק אויף די הויכע בערג פון פרייען שטרעבען, אנשטאט צו ליגען א געבונדענער אין דעם טהאָל פון אלטעגליכקייט.

בלייבען אַהן א סענט — הייסט, אויך, פּטור ווערען פון פיעלע הויז־פריינד און בלייבען מיט דיין רייכער נשמה אליין.

איהר, תלמידים מיינע, האָט געווים ליעב, ווען עס קלינגט אין קעשענע. אבער פּאַמפּאַדור האָט אמבעסטען ליעב צו פיהלען דעם לעצטען סענט, ווי ער געהט אוועק.

דער לעצטער סענט, וואָס געהט אוועק — דאָס איז דער ווי־דערגעבורטה פון אייער גליק.

דער לעצטער סענט, וואָס געהט אוועק — איז בחור׳שע פריי־הייט, וואָס קומט צוריק.

וואָרום, וואָס איז גליק? — פרעגט פּאַמפּאַדור.

און פּאַמפּאַדור ענטפערט:

ס׳איז ניט קיין גליק צו אומטראַגען זיך טאָג און נאכט מיט א פולען טייסטער און מורא האָבען פאר די ניט־אנערקענער פון פּריוואט־אייגענטהום.

ס׳איז ניט קיין גליק צו האָבען געלד אין די בענק — און טאָג און נאכט ציטערען, אז אָט ווען זיי קראַכען.

ס'איז אפילו ניט קיין גליק צו צאָהלען אקוראַטנע דירה־געלד און זעהן פאַר זיך שטענדיג דעם צופריעדענעם שמייכעל פון דעם הויז־בעל־הבית, וואָס נעהמט עס צו.

ס'איז אפילו ניט קיין גליק צו עסען רעגעלמעסיג און קוקען זיכער דעם „געטיפ'טען" קעלנער אין די אויגען.

דאָס אמת'ע גליק, מיינע פריינד, איז ערגעץ ווייט, ווייטער הינטער די דירה־געלד־זיכערקייט, און רעסטאָראַנט־רוהיגקייט.

דאָס אמת'ע גליק פון לעבען איז טיעפער פון דעם טיעפסטען טייסטער.

דאָס אמת'ע גליק פון לעבען איז אין א ו נ ז י כ ע ר־ק י י ט. איז אין דעם ציטערען יעדען נייעם טאָג לעבען, פאַר דעם נייעם טאָג לעבען, אין דעם עסען און ניט האָבען מיט וואָס צו בע־צאָהלען...

ביי מענשען, וואָס לאָזט זיך קיינמאָל ניט אויס דער סענט, הויבט זיך קיינמאָל ניט אָן דאָס גליק.

דאָס אמת'ע גליק פון לעבען רוהט ניט אין א פולען מאָגען— נאָר אין א פוסטער קעשענע.

תלמידים! פאָלגט אייער פּאַמפּאַדור'ן, בלייבט וואָס עפּטער אָהן אַ סענט און איהר וועט געפינען אייער געלד־לאָזען גליק.

אזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

#### דאָס ליעד פון פייער.

פייער ברען מיך ניט. שוין גענוג! לעש אויס דיין טייפעלשע מאַכט אין מיין הארצען.

פייער, נאָך פון הדר־יוגענד ברענסטו מיך, און וואָס האָט פּאַמפּאַדור פון דיין ברענען?!

אָה, די הייליגע פייער־לאַך פון הארצען ווי שעדליך זיי זיינען!

פייער — דאָס איז דער טויט פון דער נשמה.

פייער — ־דאָס איז די מוטער פון אונפּראַקטישקייט און פּאָ־עזיע.

פייער — דאָס איז דאָס געווינערין־בעט פון דער געטין — ליעבע.

פייער — דאָס איז אידעאַל און הייליגקייט.

פייער — דאָס איז בלויז די פרייד פון די אונטערצינדער און פערזיכערונגס־אַגענטען.

איך האָב ליעב וואַסער און וואַסער־גיסער!

וואַסער — דאָס איז פּראָזאַ, דאָס איז ערפאַהרונג.

וואַסער — דאָס איז דער זאַמד־אָבשווענקער פון דיין זעעלע.

וואַסער — דאָס איז דער גאָט פון מסחר.

און ניט אומזיסט האָט יעדע „בערזשע" וואַסער־אַקציעס.

אוי די פייערען פון מיין נשמה ווי איך שרעק זיך פאַר זיי! זיי וואַלד־פייערען אויף גרויסע ברייטע שטרעקעס וואָס טאַנצען מיט זייערע פייער־צונגען איבער די קעפּ פון די אוראַלטע בוימער, ברעכען און ברענען די צווייגען, אזוי האָבען די פייערען פון מיין נשמה פערניכטעט די שעהנסטע בוימער פון מיינע וואַלד־פאַנטאַזיען און גלויבענס.

טאָג־טעגליך ברענען וואַלד־פייערען אין מיין הארצען און זוער קען זיי לעשען? און ווען פאַר פּאָמפּאַדור'ן שטעהט אַ גרויסע גלאָז קאַלטע סאָדאַ־וואַסער און ער טרינקט און פיהלט זיך רו־היגער, דאַן קוקט איהם אוים דאָס גאַנצע לעבען פון מענשען אלס אַ טענעמענט־הויז, וואָס איז געדראָהט אַלע מינוט צו פערניכטונג.

און ער בענטשט דאַן די פייער־לייטע.

די פייער־לייטע, דאָס זיינען די פּראַקטישע אידעאַלען וואָס לע־שען אוים די פייערען, פערטרייבען דעם רויך, קלעטערען אויף אונ־זיכערע לייטערס, אום צו רעטען די שוואַכע און דערשראָקענע.

און ער בענשט אויך דאַן די „וואַסער־לייטונג" וואָס בעזאָרגט גענוג וואַסער אום צו פערהיטען פון אונטערגאַנג.

פייער, איך וויל דיך ניט מעהר. ברען ניט מעהר!

זאָל די גרויסע נאָרד־פּאָל פינסטערניש בעדעקען ווי מיט אייז מיין הארץ.

פריינד מיינער! פערהייליג דאָס וואסער און דו וועסט קומען צום פּראקטישען צוקונפטס־מענש.

פריינד מיינער! לעש אויס די פייערען פון דיין הארצען און דו וועסט געפינען דעם בריק וואָס פיהרט צום נייעם מענש.

אזוי האָט גערעדט פּאמפּאדור.

ווענען מאַנאַלאָג און דיאַלאָג.

תלמידים! די בעסט פאָרם פון געשפּרעך — איז דאָס שווייגען, גאָר אזוי ווי די חכמה פון שווייגען קענען זעהר ווענינגע, דא־רום וויל איך מיט אייך רעדען ווענען מאָנאָלאָג און דיאלאָג.

פּאָמפּאדור שטעלט דעם מאָנאָלאָג פיעל העכער ווי דעם דיא־לאָג.

מאָנאָלאָג — איז בחור'שאפט. דאָס איז איין צימער פאר זיך אליין. דאָס איז א שטענדיגער שמועס מיט זיך אליין, דאָס איז א לעבען וואָס געהט פריי און ניט געבונדען.

דיאלאָג — דאָס איז פאמיליען־לעבען. דאָס איז דאָס שטענ־דיגע איבעררעדען זיך מיט'ן ווייב.

מאָנאָלאָג — איז ליריק — דארום, אמת'ע פּאָעזיע.

דיאלאָג — איז דראמא, און דארום אזוי געקינצעלט ווי אלץ אויף דער ביהנע.

מאָנאָלאָג — איז א מעשה'לע וואָס א מאמע דערצעהלט איהר קינד.

דיאלאָג — איז רכילות פון ווייבער אויף די טרעפּלאך פון הויז.

מאָנאָלאָג — איז תפלה.

דיאלאָג — איז לשון הרע.

פּאָמפּאדור האָט ליעב די מאָנאָלאָג־מענשען, די מענשען וואָס

קענען זיין מיט זיך אליין, רעדען צו זיך אליין און פּערטיעפען זיך אין זיך אליין.

צו וואָס דערצעהלען? פרעגט פּאַמפּאַדור, צו וואָס רעדען מיט יענעם?

אויב איהר האָט ניט וואָס צו זאָגען, איז דאָך איבעריג די ארבייט, און אויב איהר האָט יאָ עפּעס צו זאָגען, וועט איהר געפינען אזוי ווייניג צוהערער.

און פּאַמפּאַדור האָט זיך אויף א ווײַלע פערטראַכט און האָט ווידער גערעדט.

תלמידים! וואָס מעהר פּאַמפּאַדור טראַכט, אַלץ מעהר ווערט ער בעגייסטערט פון'ם מאָנאָלאָג.

רעדען מיט זיך אליין — דאָס איז נאַטירליכקייט.

דער מענש איז דאָן אויפריכטיג, אינטים.

ווען א מענש רעדט מיט א צווייטען — זאָגט ער ליגען, פיינט ער זיך אוים און איז פאלש.

אויסרעדען דאָס הארץ — דאָס איז מאָנאָלאָג.

פרעגען אן עצה — דאָס איז דיאַלאָג.

לײַהען א גמילת חסד — דאָס איז מאָנאָלאָג (איהר רעדט און יענער שווייגט).

אָפּגעבען א גמילת חסד — דאָס איז דיאַלאָג (יענער מאָהנט און איהר זאָגט, אז איהר וועט ניט געבען).

און א שמייכעל האָט זיך געוויזען אויף פּאַמפּאַדור'ס ליפּען און ער האָט ווייטער גערעדט:

מאָנאָלאָג — איז אן אסיפה פאר זיך. אימער אן אײנגענגע־בענע, א גוט דורכגעפיהרטע.

דיאַלאָג איז א קאָנפערענץ אין א גרויסען זאַל, מיט מחלוקת, מיט גאָר ניט טהאָן.

מאָנאָלאָג — איז ליעבע.

ווען א מענש איז פערליעבט, רעדט ער צו זיך אליין. רעדט ער אפילו ניט מיט זיין געליעבטע. געפינט ער א חבר אין זיינע ליידען און פריידען בלויז אין זיין אייגענער נשמה.

דיאַלאָג — איז שוין א ליעבעס־ערקלעהרונג מיט אן ענטפער

פון א י ה ר זיים, און דאָס הייסט, דער אָנפאַנג פון דער וואָ־כעדינקייט.

אוי, דער דיאַלאַג, דער דיאַלאָג! ווי פיינט עס האָט איהם פּאַמפּאַדור׳ס זעעלע!

די וועלט איז פול מיט רייד.

ווען מענשען וועלען קומען צום אייביגען מאַנאַלאָג, ערשט דאַן וועלען זיי ווערען ריכטיגע מענשען. זיי וועלען שווייגען לאַנג און רעדען גאָר ניט...

תלמידים, רופט צוזאַמען מיט פּאַמפּאַדור׳ן; נידער מיט׳ן דיאַלאָג, עס לעבע דער מאָנאָלאָג!

און פּאַמפּאַדור איז אנשווייגען געוואָרען און האָט מעהר גאָר ניט געוואָלט זאָגען, אבער די תלמידים זיינען צו איהם צוגעשטאַ־נען, ער זאָל נאָך עפּעס זאָגען וועגען מאָנאָלאָג און דיאַלאָג. און פּאַמפּאַדור האָט געזאָגט:

מאָנאָלאָג — איז דער ווינט וואָס שרייט פון פעלד און וויל קיינעם ניט פּאָלגען.

מאָנאָלאָג — איז דער געזאַנג פון אַ פויגעל אויף אַ צווייג וואָס זוכט ניט קיין צוהערער.

מאָנאָלאָג — איז די שטאַרקייט פון אייגענעם „איך". איז ניט זוכען קיין ענטפער ביי יענעם, איז ניט ערוואַרטען פון אַ צווייטען דאָס, וואָס דו האָסט אליין ניט.

מאָנאָלאָג — איז אויך דער גרונד־טאָן פון דער גרויסער עלעגיע פון דער וועלט — וואָס הייסט, אידיש פּאָלק.

דאָס אידישע פּאָלק — איז אַ פּאָלק פון מאָנאָלאָג. עס רעדט כסדר פאַר זיך, קיינער הערט איהם ניט... ער בעקלאָגט זיך — אבער עס בלייבט בלויז אַ מאָנאָלאָג.

זיין ניט געהערטער געשריי אין גלות — איז מאָנאָלאָג. זיין פערשטיקטער קרעכץ—איז מאָנאָלאָג. און דארום איז ער אזוי טראַ־גיש־שעהן, און דארום ליעבט פּאַמפּאַדור אזוי זיין פּאָלק...

תלמידים! גענוג שוין רעדען אפילו פון מאָנאָלאָג. פּאַמפּאַ־דור האָלט זעהר פיעל פון שווייגען. און מאָנאָלאָג איז דער שאָסעע־וועג וואָס פיהרט צום שווייגען.

וועגן לאמבארדען און שעהנע טרוימען.

און ס׳איז געווען אין דער צייט פון גרויסען קריזיס, און די תלמידים האבען בעגעגענט פאמפאדור׳ן אויפ׳ן וועג צום לאמ־בארד און ער האט צו זיי אזוי געזאגט:

תלמידים מיינע! די שעהנסטע אינסטיטוציע אין לאנד איז דער לאמבארד, און דער ערפאלגרייכסטער פיהרער פון לאנד איז דער פראצענטניק.

א לאמבארד — דאס איז דאס לעבען — מיר אלע פער־משכונ׳ען דארטען אונזערע בעסטע חפצים, אונזערע גאלדענע שטרעבונגען, דימענטענע אידעאלען און זיידענע וועבונגען.

מיר אלע טראגען אהין די זייגערלאך פון אונזער צוקונפט, די רינגעלאך פון אונזער פאנטאזיע, די בראסליעטען פון אונזערע האפנונגען.

מיר ווייסען קיינמאל ניט דעם סוף פון אונזערע טהייערסטע זאכען: א ליעבעס־רינגעלע — אט איז עס אויף די צארטע פינ־גער פון אונזער געליעבטע, און אט געהט עס אוועק אויף די פינגער פון א גאסען־פרוי.

ווען מיר זיינען יונג, זיינען מיר ניט שטארק אויסגערעכענט. מיר ברענען צופיעל און פערהולטאיעווען צופיעל און דאן פאנגען מיר אן טראגען אין לאמבארד פון לעבען צו פערזעצען. מיר פער־זעצען דארטען ביסלעכווייז אונזער ליעבע, אונזער גלויבען, אונ־זער ברען און אונזערע שעהנסטע טרוימען.

מיר טראגען אזוי לאנג אין לאמבארד, ביז מיר בלייבען ביי די אפגעריבענע צעטלאך: אונזער זילבער ווערט אויסגעשטעלט אין פענסטער צום גאס און ווערט פערקויפט צו דורכגעהער.

אזוי האט גערעדט פאמפאדור.

און איז ווייטער געגאנגען.

תלמידים מיינע, וואנדערט ניט! זאָגט פּאַמפּאַדור.
זוכט ניט קיין נייע לענדער! עס זיינען ניטאָ קיין נייע לענ־דער פאר'ן אונרוהיגען גייסט.

פון אייער קליין, היימיש פענסטערעל קענט איהר זעהן מעהר וועלטען, ווי פון די צעהנדליגע פענסטער פון שנעל־לויפענדע אייזענבאהן־וואַגאָנען.

תלמידים מיינע! זיצט אויף איין פּלאַץ.
זיצען אויף איין פּלאַץ — הייסט ווערען א חשוב ביי שכנים און נעהמען אויף קרעדיט אין דערבייאיגען קרעמעל.

אויפ'ן וואנדער־וועג קענען בלויז געבוירען ווערען גייסטיגע מפיל־קינדער, אָבער ניט קיין רייפע געדאנקען.

אין די וואַגאָנען קענט איהר בלויז זעהן פּנים'ער אָבער ניט קיין נשמות.

אין א האָטעל־בעט קען מען ניט אויסווארעמען קיין געפיה־לען, מ'איז צופריעדען אז מ'ווארעמט אוים די גליעדער.

מיט'ן קאָפּ אויף א פרעמדע קישען, קען מען ניט טרוימען קיין ערליכע חלומות.

דער שעהנער גייסט מוז האָבען א היים, כאָטש ס'איז איהם שווער צו צאָהלען דירה־געלד...

תלמידים מיינע, וואנדערט ניט!
די גרעסטע ים־שיף קען ניט פערוויגען דעם שטורם פון האר־צען; אן אונרוהיגע נשמה קען ניט געפינען קיין רוה ביי נייע ברע־גען.

די אינערליכע שטימע פון אונצופריעדענהייט קען קיין פייף פון א שיף־קוימען ניט פערטומלען.

דריקען אלע מאָל נייע הענד נעהמט ניט אראָנטער דעם דרוק פון הארצען.

זוכעז גוטע מענשען אין דער פרעמד איז ווי צו זוכען ליעבע ביי אויסגעלאסענע פרויען...

שטאָדט־מענש, צו וואָס וואונדערען?

איין שטאָדט פון אייזען און שטיין איז ניט בעסער פון א צווייטער.

דער גאַסען־שטויב איז אין אלע לענדער דער זעלבער.

ניטאָ קיין גליק אין דער פרעמד, ווען איהר האָט עס ניט אין דער היים.

דאָס גליק פון מענשען פלאַטערט העכער איבער די מאַסט־בוימער פון די גרעסטע שיפען; דער סוד פון א רוהיג לעבען איז פיעל ווייטער פון דער גרעסטער ווייטקייט.

תלמידים מיינע, זיצט אויף איין פלאַץ!

ווען אלע וואָלטען געווען וואנדערער, וואָלט די וועלט בלויז אויסגעקוקט ווי איין גרויסער האָטעל מיט בעטלאָך און מאטראַ־צען; וואָלטען די איינציגע נוצליכע מענשען געווען די קעלנער און דיענסטען; וואָלט די ליטעראַטור געווען בלויז א ליטעראַטור פון א שפּייז־קאַרטע; די עסטעטיק — א צייהן - העלצעל אין מויל; די ליעבע — א נאַכט אין א צימער פון א האָטעל; דער אמת — א רענצעל מיט קויטיגע וועש; די דאנקבארקייט — טרינק־געלט פאַר די בעלי־עגלות און משרתים; און די יאָהרען — אן ארויפשטייגען און אראָבשטייגען פון טרעפּלאָך אויף באַהנען...

פאַר פּאַמפּאדור׳ס אויגען ציהען זיך דורך א רייהע וואנדער־פעלקער און ער רופט:

אומגליקליך איז דאָס פאָלק, וואָס האָט א וואנדער־שטעקען אין האַנד, אנשטאָט א באָדען אונטער די פיס.

א פאָלק, וואָס וואנדערט קען בלויז האָבען א היסטאָריע פון האָטעל־חשבונות, בעליידיגונגען פון קעלנער, און שלאָפלאָזע נעכט.

וואנדער־לוסט — איז די מוטער פון פיעל־ווייבעריי. וואנ־דערענדע מענער — זיינען בלויז א גליק פאַר פרויען וואָס זוכען אלע טאָג נייע ליעבעס אין נייע אָרעמס...

תלמידים מיינע, וואנדערט ניט אפילו ווען מ׳מאַכט פאַר אייך הונדערט אבשיעדס־אבענדען!

די איינציגע קונסט־ווערק וואָס דער וואנדערער האָט געשאַפֿען — איז די טאָרבע.

קיין וואנדערער, זינט די וועלט איז א וועלט, האָט ניט געבראכט פון זיין וואנדער־וועג דעם אלכעמישען שטיין פון גליק...

פיעל־וואנדערען איז דער פֿאָטער פון קאָסמאָפּאָליטיזמוס. און קאָסמאָפּאָליטיזמוס איז אין בעסטען פאל א שטיעף־מוטער אבער ניט קיין מוטער.

תלמידים מיינע, הערט פֿאַמפּאַדור'ען!

פּאַמפּאַדור'ס היים איז אומעדום און אין ערגעץ ניט. פּאַמפּאַדור דארף ניט וואנדערען...

זיין גייסט האָט ניט קיין טאָמאַזשנעס און גרענעצען; אָט איז ער מיט אייך און אָט כאַפּט ער זיך אריבער איבער ימים, פערפליהט אין די טיעפסטע וויסטענישען, ציהט זיך אוים פריי אויף ווילדע גראָזען.

מיין טרוים — האָט שטארקע פים, ער געהט אוים אין איין ווייִלע גאנצע לענדער.

מיין טרוים — האָט לאנגע הענד, ער דערלאנגט מיט זיי שלום אלע מענשען און פעלקער.

גייסט מיינער! דו דארפסט ניט וואנדערען!
אזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

וועגען ליעבע צום מוטערלאנד

תלמידים! פון אלע זייטען טראָגט זיך א געשריי: דאָס פאַטערלאנד איז אין געפאהר! טהוט אייער פליכט צום פאטערלאנד! קומט ראטעווען דאָס פאטערלאנד!

פון אלע זייטען פּויקט מען פון ליעבע צום פאטערלאנד, פון אָפּפערען זיך פאר'ן פאטערלאנד.

און דער עולם וועט פּאַטריאָטיש־ווילד און לויפּט [illegible]־
ווען.

אָבער פּאַמפּאַדור וויל פאַר אייך קומען מיט אַנ[illegible]
די לעהרע פון מוטערלאַנד. [illegible]

תלמידים! בעפאַר האָבען אַלע גערעדט און [illegible]
צום פאַטערלאַנד, און אין דעם נאָמען פון דער [illegible]
מען בעגאַנגען די גרעסטע רציחות און שאַנד [illegible]

פּאַמפּאַדור וויל צו אייך רעדען פון אַ נייעם [illegible]
ליעבע צום מוטערלאַנד. [illegible]

די אַלטע ליעבע צום פאַטערלאַנד האָט [illegible]
גענאַרט. דאָרום מוז מען איינמאָל פאַר אַלע [illegible]
דער וועלט־פערניכטענדער פראַזע: „ליעבע [illegible]

וואָס איז ליעבע צום פאַטערלאַנד? [illegible]
פּאַמפּאַדור ענטפערט: [illegible]

ליעבע צום פאַטערלאַנד — דאָס [illegible]
אין נאָמען פון ליעבע. [illegible]

ליעבע צום פאַטערלאַנד — דאָס אין[illegible] גוואַלדי־
גונג, אין נאָמען פון מענשליכקייט. [illegible]

ליעבע צום פאַטערלאַנד — דאָס בעו[illegible] פון אונזער־
היימען, אין נאָמען פון ליעבע צום לאַנד.

און וואָס איז ליעבע צום מוטערלאַנד? פרעגט פּאַמפּאַדור.

און פּאַמפּאַדור ענטפערט:

ליעבע צום מוטערלאַנד — דאָס בעדייט אייביגער פריעדען.

ליעבע צום מוטערלאַנד — דאָס מיינט די אויפבויאונג פון
טויזענדער היימען.

ליעבע צום מוטערלאַנד — מיינט, מענשען זייט גליקליך!

תלמידים! פיהרט מיך צום מוטערלאַנד!

דאָרט אין זונען־שיין, דאָרט איז רוהע, דאָרט איז שטילקייט!

און פּאַמפּאַדור האָט זיך פערקוקט ערגיץ ווייט, ווייט און
נאָכדעם ווייטער גערעדט:

ליעבע צום פאַטערלאַנד — דאָס איז פערהייליגונג פון טויי־
טער היסטאָ[illegible]; דאָס איז אַ קרוש־טאַנץ פאַר מצבות; דאָס [illegible]

[illegible]ען זיך מיט די העלדישקייט פון געשטארבענע זיידעס.

ליעבע צום מוטערלאנד — דאס איז צוקונפט און לעבען; דאס [illegible]עג־ליעדער און פרייד מיט די קינדער וואס דארפען ערשט ווערען.

[illegible] צום פאטערלאנד — דאס מיינט פריהער פון אלץ ענגא־ [illegible] יטיק.

[illegible] מוטערלאנד — דאס מיינט פריהער פון אלץ האר־ [illegible]שוט'קייט.

[illegible] פאטערלאנד — מיינט, טויט פון גאנצע דורות.

[illegible]וטערלאנד — בעדייט, געבורטה פון נייע דורות.

[illegible]אטערלאנד — מיינט, א שפיעל אין סאלדאטשי־ [illegible] גליק פאר אמוניציע פאבריקאנטען.

[illegible]טערלאנד — מיינט, שפיעל פאר קינדער, היל־ [illegible]זין די גאסען און גליק פאר די מוטערס.

[illegible]ערלאנד — מיינט, זיין א מענש בעוואו־ [illegible]פענט [illegible]יטסקייט.

[illegible]ערלאנד — מיינט, זיין א סאלדאט, בעוואו־ פענט מי[illegible] שווערד.

[illegible] ליעב[illegible] [illegible]ערלאנד — מיינט, די עהרע פון פאטערלאנד פריהער פ[illegible]

און וויסט א[illegible]הר, וואס איז די עהרע פון פאטערלאנד?

די עהרע פון פאטערלאנד איז דער מאדערנער פייער־גאט וואס האט ליעב מענשען־פלייש.

און ווייסט איהר וואס איז די עהרע פון מוטערלאנד?

די עהרע פון מוטערלאנד, איז א שטילע טויב וואס בעוואכט איהר טויבען־הייס.

די ליעבע צום פאטערלאנד — איז א געקינצעלטע און אויפ־געבלאזענע, אבער די ליעבע צום מוטערלאנד איז א נאטירליכע, א מילך־ברוסטיגע.

פאר ליעבע צום מוטערלאנד, איז ניטא קיין גרענעצען און קיין ימים; די גאנצע וועלט איז אפען פאר איהר, אין דער צייט ווען די ליעבע צום פאטערלאנד איז א בעגרענעצטע און שמאל־הערציגע.

פריינד מיינע! דער פאַטער־קולט האָט שוין צופיעל בעהערשט די וועלט, לאָז פון איצט אָן אנהויבען הערשען דער מוטער־קולט.

ס'איז שוין צייט, אז די פאַטערס זאָלען בכלל, איבערגעבען די מוטערס די לייצעס פון דער ממשלה.

וואָס פאטער־הערשאפט איז, דאָס ווייסען מיר שוין. לאָמיר אויך פרובירען מוטער־הערשאפט.

פאַטערס — רעדען נאָר אין נאָמען פון עהרע, מוטערס רעדען אין נאָמען פון זייערע קינדער. און וואָס איז אמת'ער?

די מוטערלאַנד איז אומעדום, וואו מיין מאמע לעבט מיט מיר, וואו מען ליעבט מיך.

דאָס פאטערלאנד איז נאָר דאָ וואו מען שיקט מיך אין פייער.

און וועלכע לאנד איז בעסער?

און האָט ניט קיין מורא פאר דער מוטער־שוואכקייט.

אונזער פאטערליכע שטארקייט האָט אונז בלויז געהאָלפען חרוב מאכען א וועלט. אפשר וועט די מוטערליכע שוואכקייט העל־פען בויען א נייע וועלט.

פערלירען איז ניטאָ וואָס, ערגער פון פריהער קען שוין ניט זיין.

תלמידים! פּאַמפּאַדור איז פאַר אַ מוטער־לאַנד, ווייל ער איז פאַר אַ קינדער־לאַנד!

תלמידים! רופט צוזאמען מיט מיר: נידער מיט דער ליעבע צום פאַטערלאנד און עס לעבע די ליעבע צום מוטערלאַנד!

אזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

נאָכאַמאָל וועגן יאַהרען.

תלמידים! — האָט פּאַמפּאַדור אנגעהויבען רעדען גלייך ווי זיינע תלמידים האָבען איהם געטראָפען ערב ניי יאָהר 1917—איהר וועט גלויבען אייער פּאַמפּאַדור'ן צי ניט, נאָר פּאַמפּאַדור

האָט ליעב ניט די יאָהרען, וואָס קומען אָן, נאָר די יאָהרען, וואָס געהען אוועק.

יאָהרען, וואָס געהען אוועק — זיינען בעלי חובות, וואָס האָבען שוין איינגעמאָהנט זייערע חובות, אויף אזא אָדער אנדער אופן — אָבער איינגעמאָהנט.

יאָהרען, וואָס קומען אָן — זיינען בעלי חובות, וואָס קומען ערשט קלאָפּען אין טיש.

און מיט וואָס וועט איהר זיי בעצאָהלען? ווייסט איהר כאָטש אז איהר זייט באַנקראָט?

יאָהרען, וואָס געהען אוועק — זיינען ליעבעס, וואָס האָבען זיך שוין אויסגעשפּיעלט.

און אויסגעשפּיעלטע ליעבעס זיינען די בעסטע, ווייל מען קען זיי שוין נעהמען אונטער׳ן מעסער פון קריטיק און זעהן אין דעם ליכט פון קלאָהרען שכל.

יאָהרען, וואָס קומען אָן — זיינען ליעבעס, וואָס איהר דאַרפט ערשט שפּילען. און צו וואָס דאָס אומזיסטע ערגערניש און האַרץ־וועהטאָג, גלויבט איהר דען אין ליעבע?

יאָהרען, וואָס געהען אוועק — זיינען עראינערונגען. גוט אָדער שלעכט, נאַריש אדער קלוג — אָבער ליעבען מוז מען זיי.

יאָהרען, וואָס קומען אָן — זיינען נאַרישע מעשים, וואָס מען קלייבט זיך ערשט טהאָן, און צו וואָס זיך ווייטער נאַריש מאַכען?

און פּאָמפּאַדור האָט שטרענג אנגעקוקט די תלמידים זיינע ווי נייגעריג זיי בעטען ער זאָל נאָך עפּעס זאָגען — און ער האָט ווייטער גערעדט:

יאָהרען, וואָס געהען אוועק — זיינען מלבושים אָבגעטראָגענע, אויסגעקראָכענע, ביי די ארבעל אָבגעריבענע, מיט א מאָדנעם גלאַנץ אויף די לאַצען, אהן קנעפּלאַך, און דאַך איז שווער זיך פון זיי צו שיידען.

יאָהרען, וואָס קומען אָן — זיינען מלבושים ערשט געבראַכט פון שניידער: עס שמעקט פון זיי מיט נייקייט, יעדער טהייל איז גוט צוגעפּרעסט, די נייע קנעפּלעך שמייכלען מיט זייערע פרישע

פנים'לעך, איהר טהוט זיי אַז — און דאָך פיהלט איהר זיך אין זיי שלעכט, ניט בעקוועם און איהר זייט גערן זיי אראָבצואוואַרפען.

יאָהרען, וואָס געהען אוועק — זיינען געסט, גוטע, פיינע, וואָס האָבען אייך בעזוכט, אויפגעגעסען און אויסגעטרונקען אַלץ וואָס ביי אייך אין הויז, פערפאַטשקעט די טישטוכער, אַנגערויכערט און אַנגעוואָרפען מיט אַשעס, געמאַכט אייך דול און קראַנק — אָבער דאָך זיינען זיי שוין אוועק — אַ דאַנק!

יאָהרען, וואָס קומען אַן — זיינען געסט, וואָס דאַרפען ערשט קומען, דער טיש איז פאַר זיי געגרייט, דער כיבוד לאַכט אַרויס פון די שעהנע כלים און פון ערפאַהרונג מיט די אַלטע געסט, פיהלט איהר, אַז בעסער וואָלטען שוין די נייע גאָר ניט געקומען.

יאָהרען, וואָס געהען אוועק — זיינען אויסגעגעבענע טעכטער, טאַקע שווער אַנגעקומען אָבער דאָך אַראָפּגעפּטור'ט אַ יאָך, אַרונ־טער אַ האַרב פון די פּלייצעס, מען קען צו זיי אפילו געהן צו גאַסט און האָבען נחת...

יאָהרען, וואָס קומען אַן — זיינען טעכטער, וואָס מען דאַרף ערשט חתונה מאַכען, די הויז איז פול מיט זייערע קריגערייען און קרעכצען, טאַטע־מאַמע געהט אום שטענדיג פערזאָרגט: „אַך, ווען גאָט העלפט און מיר גיבען זיי שוין אויס!“

און פּאַמפּאַדור האָט געשיקט זיין בליק ערגעץ ווייט ווייט און ער האָט ווייטער גערעדט:

תלמידים! אייער פּאַמפּאַדור ווערט זעהר פּעסימיסטיש יעדען ערב ניי־יאָהר.

פּאַמפּאַדור זעהט ווי עס ווערט געבוירען אַ נייער יאָהר און ער זאָגט: נאָך אַן אומגליק איז געבוירען געוואָרען! נאָך אַ קאַלי־קע אין דער משפחה פון יאָהרען!

און ווער דאַרף אַזוי פיעל קאַליקעס?

פּאַמפּאַדור וואַרפט זיין אויג אין דער אייביגקייט און ער זעהט זי, אין דער געשטאַלט פון אַ ריעזיג־ריעזיגען בית־עולם, וואו עס רוהען יאָהרען אָהן אַ צאָהל און אָהן חשבון.

און אַ שרעק כאַפּט אַרום פּאַמפּאַדור'ן פאַר דיעזען ריזיגען בית־עולם.

און דאן זעהט ער דעם פאטער־צייט אין דעם געשטאלט פון דעם מלאך־המות, וואס קאסעט קליינע איין־יאהריגע עופה׳לעך גאר אהן רחמנות.

און פאמפאדור פרעגט: צו וואס געבוירען ווערען אום צו לע־בען בלויז איין יאהר?

פאמפאדור האט מיטלייד מיט די ניי־געבוירענע יאהרען ווי מיט ניי־געבוירענע קינדער.

וועט רען דער ניי־געבוירענער האבען מעהר מזל ווי זיין ערשט פערשטארבענער ברודער?

און פאמפאדור טראכט: אפשר וואלט מען זיך גענומען טראכ־טען פון א יאהרען־געבורטה־קאנטראל ווי פון א קינדער־געבורטה־קאנטראל?

און פאמפאדור איז זעהר אומעטיג געווארען און האט מעהר גאר ניט געוואלט זאגען. נאר די תלמידים האבען איהם מיט הונ־געריגע אויגען געבעטען, ער זאל נאך עפעס זאגען. און ער האט גע־זאגט:

אך, איהר יאהרען, וואס געהען אוועק, ווי שעהן איהר זייט נאכדעם ווי איהר זייט שוין אוועק!

תלמידים! ווען אייער פאמפאדור הערט דעם ניי־יאהר טומעל, די הוזשעריי פון די גלעקער, דעם שיכור׳ן געשרייש פון די מענשען וואס פרעהען זיך מיט די ניי־אנגעקומענע יאהרען, צולאכט ער זיך ביטער און זאגט:

א, איהר קורצזיכטיגע! פיהלט איהר דען ניט, אז מיט דעם פייערען פון די נייע יאהרען ווערט אויסגעלאשען דער פייער פון אייער הארצען? אז מיט דעם שיכור׳ן לכבוד דעם נייעם יאהר פער־שיכור׳ט איהר אייער לעבען? און אז אין דעם גלאקען־קלאנג הערט זיך דער קלאנג פון אייערע יוגענד־גלעקלעך וואס ווערען פערקלונ־גען?

א, איהר לייכטזיניגע און קורצזיכטיגע!

אזוי האט גערעדט פאמפאדור.

**ווענען קלאָהר און ניט קלאָהר.**

אוי, ווי איך האָב פיינט די מענשען, וואָס פאר זיי איז אלץ קלאָהר, זאָגט פּאַמפּאַדור.

קלאָרהייט — איז דער שונא פון פּאָעזיע, פאַנטאַזיעס און קינדער מעשה׳לאך.

קלאָרהייט — איז די מאמע פון פאַנאַטיזמוס.

פאר דעם פאַנאַטיקער זיינען אָפען אלע זיעבען הימלען און ער זעהט דאָרט קלאָהר גאָטס פּנים און גאָטס באָרד און ער זעהט אויך קלאָהר די לאנגע טישען מיט די גוטע פישען וואָס שטעהען אין גן־עדן אנגעגרייט פאר איהם.

קלאָרהייט — דאָס איז א פּאַרטיי־פּראָגראם, וואָס איז איינ־מאָל אויפגעשריבען געוואָרען און געהט ניט ווייטער פון שריפט.

אונקלאָרהייט — דאָס איז ברייטקייט, שענקייט און פיעל־פארביגקייט.

קלאָרהייט — איז די פּאַרטייליכקייט פון א פּאַרטיי־מיט־גליעד וואָס פאר איהם איז בלויז קלאָהר — ז י י נ ס און אונ־קלאָהר אלעס וואָס איז נ י ט ז י י נ ס.

אונקלאָרהייט — דאָס איז דער שענסטער פּעריאָד אין דער ליעבע פון א פרוי.

ווען די ליעבע ווערט איך שוין קלאָהר — פערוואַנדעלט זי זיך שוין אין הייראַטה.

קלאָרהייט אין ליטעראַטור — הייסט פּאָפּולאַריזאַציע, הייסט קריכען צום עולם.

קלאָרהייט — הייסט ניט האָבען קיין ספקות און צווייפלען.

און נאָר דום־קעפּ בעלי־בתים און לאנגע אויערען בעזיצער פערמאָגען קיין צווייפעל ניט.

קלאָרהייט — איז דער פיהר־שטעקען אין די הענט פון בּיטרע פיהרער צו פיהרען די אונקלאָהרע מאסען.

אונזער לעבען איז שוין צו קלאָהר — דאַרום איז ער אזוי וואַר־בעדיג.

פאַר אַן ארבייטער איז זיין טאָג קלאָהר, אויפשטעהן מיט'ן זייגער, עסען מיט'ן זייגער, קומען מיט'ן זייגער און אפילו זיין עסען, וואָס זיין ווייב מאַכט פאַר איהם איז איהם אויך קלאָהר... עס איז דאָס זעלביגע וואָס נעכטען און אייערנעכטען.

א יום־טוב — הייסט ווען איך ווייס ניט קלאָהר וואָס פאַר א גליקען עס ערוואַרטען מיך מאָרגען.

דער טאָג פון'ם רייכען איז אונקלאָהר, — דאַרום איז ער אזוי שעהן.

קלאָהרהייט — איז טויט.

אונקלאָהרהייט — איז לעבען און האָפענונג.

פריינד מיינע! וואָס מעהר אונקלאָהרהייט אין אונזער לעבען אלץ גליקליכער וועלען מיר זיין.

אַה, איהר פערפלאָנטעטע אונקלאָהרע בענקשאַפטען פון מיין האַרצען, צוגעהט זיך ניט, ווארום נאָר מיט אייך בין איך שטאַרק און מוטהיג!

אזוי האָט גערעדט פּאָמפּאַדור.

וועגען וואַכען און שלאָפען.

היינט וויל איך מיט אייך רעדען א גאַנצע נאַכט, תלמידים מיינע.

היינט וויל איך וואַך זיין!

האָט איהר שוין אמאָל געהאַט דעם חשק פון אימער וואַך זיין?

האָט איהר שוין אמאָל געהאַט דעם פערלאַנג פון טרייבען פון זיך דעם שלאָף ווי א שונא?

שלאָפען — דאָס איז די שקלאַפען־קייט וואָס די נאַטור האָט געשענקט דעם מענשען.

שלאָפען — דאָס איז דער קנעכטשאַפט שטעמפּעל, מיט וועל־כען דער טייפעל האָט בעזיענעלט אונזער קערפּער.

שלאָפען — דאָס איז דער אייביגער זיעג פון קערפּער איי־בער׳ן גייסט.

איך וויל וואַכען, תלמידים מיינע, און פריי זיין.

איך וויל אייביג וואַך זיין און לאַכען דער נאַטור אין איהר הערשענדען פּנים אריין.

ווי ליעב ס׳איז מיר צו מאַכען פון נאַכט טאָג און טרייבען די שאָטענס אין זייערע ווינקלען אריין.

ווי ליעב ס׳איז צו רעוואָלטירען געגען די מעשי בראשית, קעגען דעם אוראַלטען געזעץ פון דער וועלט...

וואַכען — דאָס איז די געוועהר פון דעם צוקונפט־מענש.

וואַכען — דאָס איז דער זיעג פון רייכען גייסט איבער׳ן ארי־מען קערפּער.

אָ, די שלאָפלאָזע נעכט, ווי טהייער זיי זיינען מיר!

אוי, דער ווילען אימער וואַך צו זיין, וואו נעהמט מען איהם?

דאָקטוירים, קערפּער־פערהייליגער און געזונדהייטס־פערהי־טער! גיט מיר ניט קיינע רפואות, — איך וויל אימער וואַך זיין! איהר האַלט שלאָפלאָזיגקייט פאַר א קראַנקהייט? — איך ניט!

איהר זוכט מיטלען ווי די שלאָפלאָזיגקייט צו טויטען — איך זוך ווי זי אויפצולעבען... אָה, די יונגע שלאָפלאָזע נעכט מיינע, וואו נעהמט מען זיי?

אָה, דער ווילען אימער וואַך צו זיין, וואו קריגט מען איהם יעצט?

תלמידים מיינע, גיסט וויין, פלאַפּעלט, שיכור׳ט און טרייבט פון זיך דעם שלאָף מיילען ווייט!..

תלמידים מיינע, זייט וואַך ביז וואַנען איהר זייט נאָך יונג, פריש און קאַמפף־לוסטיג!

אזוי האָט גערעדט פּאַמפּאַדור.

כ׳האָב ניט ליעב קיין תפלות — זאָגט פּאָמפּאַדור — ווייל מיין האַרץ קען ניט פערטראָגען קיין געטער.

אָבער אָפט ווילט זיך אויך פּאָמפּאַדור׳ן מתפלל־זיין און ער בעשאַפט זיך אליין אַ גרויסען גאָט. אַ ריעזען־גאָט און זאָגט צו איהם אַזוי:

גאָט! איך אַנערקען, אַז געגען דיר בין איך אַ שוואַכער מענש און דאַרום פּראָטעסטיר איך געגען דיר.

אַלע שוואַכע מוזען פּראָטעסטירען.

און ווייל איך וויים, אַז פּראָטעסטירען העלפט ניט, האָס איך דיך...

אַלע ניט געהאָלפענע מוזען האַסען.

גאָט, איך פערשטעה ניט דעם צוועק פון מיין קומען און דעם זין פון מיין פערשוואונדען, און דאַרום האַס איך דיך ווידער. און דאָפּעלט האַס איך דיך, ווייל איך וויים, אַז אום צו קענען דיך האַסען, האָב איך דיך געדאַרפט אויסטראַכטען...

אויסגעטראַכטער גאָט! דיין וועלט איז נאַריש, אויב זי איז געשאַפען דורך דיר...

און אויב זי איז ניט געשאַפען געוואָרען דורך דיר, איז זי אויך נאַריש...

הויכווירדיגער בעשעפער! די ערד וואָלט געווען מיאוס, ווען דו פערשפּרייטסט ניט דיין הימעל איבער איהר;

די ערד איז ניט שעהנער, ווען זי פערמאָגט דיין פערשפּריי־טען הימעל איבער זיך... — —

ווייל דיין הימעל איז אַזוי ווענינ ריין און בלוי און הימעל־דיג; און אין די צייטען ווען ער איז ריין, האָבען די מענשען אויף איהם קיין צייט ניט צו קוקען...

ריזיגער גאָט פון מיין פאַנטאַזיע! זיי ניט ברוגז אויף פּאָמ־

פּאַדור'ן, ווען ער וואַרפט דיר אין דיין געטליכען פּנים דיינע פּעה־לערן.

פּאַמפּאַדור גלויבט, אַז דיין גרויסקייט, גאָט, ליגט אין דיינע גרויסע פּעהלערען, וואָס דו האָסט געמאַכט. — — —

און צווישען אַלע דיינע פּעהלערן איז דער גרעסטער פּעהלער, די קרוין פון דיינע טעות'ן: „פרוי און מאַן".

צו וואָס האָסטו, גאָט, זיי געדאַרפט בעשאַפען „בעזונדער?" דו האָסט דאָך זיי געקענט בעשאַפען ב י י ד ע א י ן א י י־נ ע ם, דאַן וואָלטען זיי דאָך זייערע „כחות" ניט פערשווענדט אויף צוזאַמענצוקומען זיך?

ווילדער גאָט פון מיינע פּאַראַדאָקסען! צי ווייסטו וויפיעל פּראָטעסט און שטורם עס טראָגט אין זיך מיין קערפּער?

ווי אָפט ווילט זיך פּאַמפּאַדור'ן אַראָבוואַרפען פון זיך פּאַמ־פּאַדור'ן — איז ער בעקליידט.

ווי אָפט ווילט זיך, אַז מיין ליידענשאַפט זאָל אויפבליהען ווי די ווילדסטע בלום אין פעלד און איך מוז זי צוימען ווי אַ חיה.

גוטער גאָט, פּאַמפּאַדור וויל ניט דיין גליק, ווייל דו קענסט עס איהם ניט געבען; ווייל דאָס גליק האָסטו איבערגעגעבען אין די קליינע הענד פון דער שוואַכער פרוי און וואָס איז דאָס, פרעג איך דיך, פאַר אַ גליק, אַז דער שטאַרקער מוז עס נעהמען פון אַ שוואַכערן.

באמת, גאָט, פּאַמפּאַדור זוכט ביי דיר ניט קיין גליקען, ווי ער זוכט ניט קיין כבוד ביי מענשען. כבוד איז אַ געטליכע זאַך. פּאַמ־פּאַדור וואָלט דאָס געוואָלט האָבען, אָבער ניט פון מענשען, ווייל וואָס איז דאָס פאַר אַ כבוד צו קריגען כבוד פון נידריגע, פון די, וואָס דו פערלאַכסט.

הייס־בלוטיגער גאָט פון מיינע ליידענשאַפטען! פּאַמפּאַדור וויל רעוואָלטירען מיט זיין גאַנצען בלוט. —

ער וויל זיין אַ הערשער איבער צייט און איבער זיך. אונטער־טעניג וויל ער ניט זיין. —

ער ווייס אָבער, אַז אויך נאַפּאָלעאָן האָט סוף־כל־סוף געמוזט זיין רעוואָלטירענדען גייסט איינשליסען אויף אַן אינזעל.

טראַגישער גאָט! אַפּט ווילט זיך מיר נעהמען אַט דאָס, וואָס דו רופסט „וועלט“ און עס צוטוליען פעסט צו מיין ברוסט, ווי אַ הייסע געליעבטע און נאָכדעם אבשטויסען. —

אין אבשטויסען, גאָט מיינער, ליגט מעהר ליעבע ווי אין צו־טוליען...

און אבשטויסענדיג, זאָל זי זיך צושיטען און פון די חורבות זאָל ארויסשיינען אַ נייע וועלט, אַ גאַנצע, אַ פּאַמפּאַדורישע...

נאָר וויייל איך קען עס ניט און די וועלט מוז בלייבען, ווי זי איז — האָס איך זי אויך...

אָבער מעהר פון אַלץ, האָס איך דעם טויט. איך האָס איהם אפילו ווען ער איז אַ זיסער שלאָף.

פּאַמפּאַדור וואָלט געוואָלט וואַכען, אייביג וואַכען..

זיין ווייסע באָרד זאָל וועהען איבער הונדערטער דורות.

אפשר וואָלט ער דאָך דערקלעהרט דעם סוד פון לעבען...

אונ־שכל׳דיגער גאָט! אַפּט ווילט זיך פּאַמפּאַדור׳ן אליין ווע־רען אַ גאָט, אפילו ווען ער וועט דערפאַר מוזען ווערען משוגע... וויייל גאָט, זאָגט מען, איז העכער פון שכל און אום צו ווערען עטוואָס, וואָס איז העכער פון שכל, מוז מען פערלירען דעם שכל.

אויסגעלאַכטער און דאָך ליעבער גאָט, מיינער! איך לאָף פון אַלע תפלות און דאָך שיק איך אַפּט אַ תפלה.

פארנאַכט, ווען די זון לאָזט זיך אַרונטער, שאָקלען זיך פּאַמ־פּאַדור׳ס ליפּען פון זיך אליין. נאָר דענק ניט, גאָט, אַז ס׳איז צו דיר.

עס שאָקלען זיך מיינע ליפּען, גלאַט אַזוי זיך...

מיין האַרץ איז איבערפולט און איך וויים ניט פון וואָס...

וויייל איך וויל אַ סך און מוז זיך בענוגענען מיט אַזוי ווייניג;

וויייל איך וויל גלויבען אין דיר און קען ניט גלויבען אפילו אין זיך...

אַזוי האָט מתפלל געווען פּאַמפּאַדור. —

# אינהאלט:

## 1. אין דער וויסטע פון דער איסט-סייד.


זייט

| | |
|---|---|
| וועגען אונמעגליכע מעגליכקייטען | 5 |
| וועגען אַנערקענען זיך אַליין | 6 |
| וועגען סעמעטערי און לעבען | 8 |
| וועגען מאַרשירען אין די גאַסען און תכלית | 10 |
| וועגען אפלאָדיסמענטען און פוסטע קעפּ | 14 |
| וועגען אַמעריקאנעם אידישען גאָט | 15 |
| וועגען סטופס און פרייהייט | 17 |
| וועגען יוניאָן און קונסט | 18 |
| וועגען געסט און באַנקעטען | 22 |
| וועגען העברעאיש און אידיש | 23 |
| וועגען צייטונגס־פעדלער און אידעאַלען | 26 |
| וועגען קרעמער און קרעמלאַך | 27 |
| וועגען אויגען און אויערען | 29 |
| וועגען יונג און אַלט | 32 |
| וועגען וויסענשאפט און גנבה | 35 |
| וועגען קאמפיין און הורא | 36 |
| וועגען סטרייקען און אַרבייטען | 39 |
| וועגען ציטאַטען און ציטאַטען שרייבער | 41 |
| וועגען ענג און ברייט | 43 |
| וועגען רביים, תלמידים און חסידים | 45 |
| וועגען אַלץ און אַלעם | 48 |
| וועגען פרעמיומס און ביזנעס | 51 |
| וועגען בעלאנגען און ניט בעלאנגען | 51 |


## 2. אויף די האַרטע שטיינער פון שטאָט.


| | |
|---|---|
| וועגען בושה און חוצפה | 57 |
| וועגען קראנקע און געזונדע | 59 |
| וועגען גאַסען־קעהרער און זינד | 62 |

זייט


וועגן מענשען און חיות — — — — — — — — — 64
וועגן שפיגלען און פרויען — — — — — — — — 66
וועגן קליידונג און נאַקעטקייט — — — — — — — 68
וועגן הימעל, ערד, זון און לבנה — — — — — — — 70
וועגן שערען און געשוירענע — — — — — — — — 73
וועגן קריכען און קריכער — — — — — — — — 76
וועגן שטויב און ריינקייט — — — — — — — — 77
וועגן אַלטע און נייע פרעזידענטען — — — — — — 80
וועגן יקרות אויף פּאַפּיר און ביליגקייט פון געדאנק 83
וועגן סדרים און קשיות — — — — — — — — — 86
וועגן שנעע וואָס פאלט אין שטאָדט — — — — — — 89
וועגן נאַטור־אומגליקען און נייע אמת'ן — — — — 92
וועגן זעלבסטמאָרד און טויט — — — — — — — — 95
וועגן יאָהרען און קאַלענדארס — — — — — — — — 98
וועגן ציינער און דענטיסטען — — — — — — — — 100
וועגן אַנטיסעמיטיזם און אַנטיסעמיטען — — — — — 102
וועגן פייפען און פייפער — — — — — — — — 106
וועגן גנבים און גנבה — — — — — — — — — 107
נאָך אַמאָל וועגן אַלץ און אַלעס — — — — — — — 108
וועגן בילדונג און געבילדעטע — — — — — — — 114
וועגן פאָהרען און געהן צופוס — — — — — — — 116
וועגן מיעדיגקייט, און מענשען וואָס טאָרען ניט זיין מיעד — — — — — — — — — — — 120


## 3. אויף די הויכע בערג פון בחור'שאַפט.


וועגן האַסען און ליעבען — — — — — — — — 125
וועגן זינה און זינדיגע — — — — — — — — 128
וועגן איינס און אַ סך — — — — — — — — — 130
וועגן אַלטע בחורים און יונגע גליקען — — — — 131
וועגן בערג און טהאָלען — — — — — — — — 133
וועגן מלחמה און שלום — — — — — — — — 136
וועגן ביליג און טהייער — — — — — — — — 138
וועגן טאַנצען און טענצער — — — — — — — — 140
וועגן שיכרות און שיכורים — — — — — — — — 142
וועגן תשובה און פּארטיי־בעלי־תשובה — — — — 145
וועגן טהעאַטער און אַקטיאָרען — — — — — — — 149

זייט


נאך אמאל וועגען מלחמות — — — — — — — — — 152

וועגען אייביגען הונגער און דערוויילעגע נאכטלעגערס — — — — — — — — — — 155

וועגען באנק־ביכלאך און געלד־שפארעניש — — — — 157

וועגען ווארטען און האפען — — — — — — — — 160

וועגען פריינד און פיינד — — — — — — — — 163

וועגען שרייבען און לעזען — — — — — — — — 167

נאך אמאל וועגען איינס און א סך — — — — — — 169

וועגען שווימען און באדען זיך — — — — — — — 172

א לויב־געזאנג צום ווינט — — — — — — — — 175

וועגען ציעל און צוועק — — — — — — — — 177


## 4. מיט ווייב און קינד אין טהאל.


וועגען וויעגען און וועקען — — — — — — — — 183

וועגען פאמיליען־לעבען און שטויב — — — — — — 186

וועגען טאג און נאכט — — — — — — — — — — 188

וועגען צוגרייטען זיך — — — — — — — — — 191

וועגען מיידלאך, וואס ווערען ווייבער און קינדער, וואס וואקסען — — — — — — — — — — 194

א חימן צום ערב יום טוב — — — — — — — — 196

וועגען היץ און קעלט — — — — — — — — — 198

וועגען טאלאנט און נארישקייט — — — — — — — 200

וועגען פארטייען און קאבינעט־מענשען — — — — 201

וועגען א טשואינג־גאם און גליק — — — — — — 206

וועגען טהעמאס און שרייבער וואס זוכען טהעמאס 208

וועגען אלטע און נייע זאכען — — — — — — — 210

וועגען לעצטע סענטען און גליק — — — — — — 213

דאס ליעד פון פייער — — — — — — — — — — 215

וועגען מאנאלאג און דיאלאג — — — — — — — 217

וועגען לאמבארדען און שעהנע טרוימען — — — — 220

וועגען וואנדערען און וואנדערער — — — — — — 221

וועגען ליעבע צום מוטערלאנד — — — — — — 223

נאכאמאל וועגען יאחרען — — — — — — — — — 226

וועגען קלאחר און נים קלאחר — — — — — — — 230

וועגען וואכען און שלאפען — — — — — — — 231

פאמפאדור׳ס תפלה — — — — — — — — — — 233